STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05608

DI SHTOT FUN TSORN

Shmuel Izban

Permanent preservation of this book was made possible
by Marsha S. Mirsky
in memory of
Jacob & Leah Kushnir, beloved grandparents

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די שטאָט פון צאַרן

ד ע ר צ ײ ל ו נ ג ע ן

שמואל איזבאן

די שטאט פון צארן

(ניו יאָרקער דערציילונגען)

פארלאג „זריעה"

מאָנטעווידעאָ 1955

IMPRESO EN EL URUGUAY
PRINTED IN URUGUAY

COPYRIGHT BY
SAMUEL ISBAN
2475 E. 22 St.
Brooklyn 35, New York

SAMUEL ISBAN

DI SHTOT FUN TZORN

La Ciudad de la Ira

(The City of Wrath)

EDITORIAL "ZRIAH"

Montevideo - Uruguay
1955

אינהאַלט:

1. די שטאָט פון צאָרן — 7
2. דער דאָקטאָר פון וויליאמסבורג — 37
3. די 24 שעה פון אויגוסט גייגער — 53
4. לינקאָלנס ביינער — 87
5. אַ ווונדערפאַל — 109
6. די געשיכטע פון אַ האָר־פּארוק — 139
7. אויף מאלבערי־סטריט — 161
8. דער טעפּיך פון מזלות — 179
9. זעכצן יורשים — 205

די שטאָט פון צאָרן

I

א האלבע נאכט האט ברוך ווינטער זיך געראנגלט מיט די חלומות. הונדערט און זיבן געפייניקטע יידן האבן זיך אריינגעריסן אין זיין שלאף און אים געמאטערט מיט זעאונגען, וואס קומען בלויז צו יענע אומגערעכטע, וואס אנטלויפן פון שולדן און פליכטן. די זעאונגען האבן זיך געלייגט איבער אים ווי שווערע לאסטן. קאלטע אנגסטן האבן ארויסגעשלאגן אויף זיין לייב. ער האט אן אפגעשוואכטער זיך געווארפן אויף זיין געלעגער, וועלנדיק אפטרייבן פון זיך די געפייניקטע יידן וואס זיינען, ווי געשטארבענע מלאכים, געשווימען איבער וואלקנס. באלד האבן די חלום־יידן געהאלטן און בייטן זייער צורה. פון די מלאכים זיינען געווארן טייוואלים מיט הערנער, וואס רייטן אויף רעגנבויגנס. די רייטנדיקע טייוואלים האבן פלינק זיך פארוואנדלט אין נאקעטע סקעלעטן. די סקעלעטן, צוגעברענטע ביינער, האבן זיך געטראגן צו אים מיט אזא רוגזה, אז עס האט אים גענומען שטיקן. ער האט אויפגעשוידערט. דאס לשון איז ביי אים אפגענומען געווארן. דאך האט ער מיט א שוואך קול — א קוים הערבאר קול — געפרעגט:

— ווער זייט איר?

— דערקענסט אונדז נישט? מיר קומען פון דעם לאנד פון דיין געביין. הונדערט און זיבן לאנדסלייט פון דער שטאט קויאוועק, אין פוילן. דורך טויזנט יאר האט דער באשעפער געהאלטן א וואך אויג אויף דעם ישוב. אויף דער זעלבער ערד, וווּ מיר זיינען געבוירן געווארן — האבן מיר אונדזערע מתים צו קבורה געפירט און פלוצים — ווייסט דאך — דער דייטש האט פוילן חרוב געמאכט און די יידן אומגעבראכט. אונדזער שטאט איז אפגעווישט געווארן. פופצן טויזנט יידן זיינען אומגעקומען מיט די פיר מיתות־בית־דין. בלויז מיר, הונדערט און זיבן געפייניקטע, זיינען אנטרינען...

— הייסט עס, איר זייט לעבן געבליבן? — האט ווינטער אין שלאף זיך געחידושט.

— מיר זיינען נישט געבליבן לעבן אין דער בהלה — האבן די חלום־יידן אפגעשטריטן — מיר זיינען געשטארבן ווי מיליאנען אנדערע קדושים. אבער מיר זיינען אויפגעשטאנען פון די קברים, אלע מיתות משונות זיינען איבער אונדז דורכגעפירט געווארן. די תליות, די קאלד־אויוונס, די קרעמאטאריעס... וואס איז? דו לעבסט אין דער שטאט פון טרייסט צי אין דער שטאט פון צארן? חלפים האבן אונדזערע העלזער דורכגעזעגט. אבער מיר זיינען צוריקגעקומען צום לעבן. איבער די פלא־מען פון די ברענענדיקע יידן, האבן מיר זיך געטראגן ביז צו דיין צו־קאפנס, כדי דיך צו וועקן פון דיין שלאף. שטיי אויף, ברוך ווינטער! מיליאנען פון דיין פאלק זיינען פארטיליקט געווארן. שטיי אויף!

— וואס קען איך טאן? כ'בין אליין א שלאפער מענטש — האט ווינטער געקרעכצט — כאטש דאס הארץ גייט מיר אוים פון רחמנות.

— רחמנות איז ווייט פון צדקות. רחמנות איז רשעות, ס'רופט ארוים א ווידערגעפיל ביים נדבן צום בעטלער... און מיר ווילן א גלייכן חלק אין לעבן. מיר בעטן נישט אונדזער חלק. מיר מאנען. קוק זיך ארום, ברוך! ווו האסטו זיך באזעצט? אין א שטאט פון צארן, ווו ס'איז נישטא קיין טרייסטער? גאט האט אומגעבראכט אן רחמנות אלע וווינ־ערטער פון יעקב. ס'איז פארטיליקט דאס פאלק און לאנד פון דיין גע־ביין... דער געכאפטער רוצח בעט אויף זיין לעבן. זיין קרבן — פארלאנגט די פולע מאס פארגיטיקונג. הערסט דאס געיאמער הינטער אונדז? דאס וויינען אונדזערע וואגלדיקע מתים... זיי רוען נישט אין די קברים. דער דייטש האט פארברענט זייערע גופים, דעם קדיש נאך זיי האט מען געזאגט איבער בערג מיט אש און איבער טורעמס מיט ביינער...

— דאס וואס איר דערציילט, איז שרעקלעכער פון אלע גהינום־מע־שיות! — האט ווינטער זיך געבאדן אין טייכן שוויים — וואס פארלאנגט איר?

— מיר ווילן צוריק קריגן דעם רוח־החיים, וויל דער אטעם פון לעבן איז פון אונדז ארויסגעבלאזן געווארן. מיר ווילן צוריק קריגן די מענטשן־צורה, וואס דער תליון האט פון אונדז צוגענומען. פלייש און בלוט זאל באדעקן אונדזערע ביינער און דאס פייער פון גבורה זאל צו־ריק אנצינדן אונדזערע אויסגעלאשענע לעבנס... דער געפייניקטער איוב האט איבערגעטראגן די יסורים, וויל מען האט אים געטרייסט. דא ליידן צו דיר הונדערט און זיבן נישט געטרייסטע איוב'ס... פונקט ווי יעקב, שטייענדיק פאר זיין שטיינער־געלעגער אין בית־אל, האט געבעטן „לחם לאכול ובגד ללבוש", אזוי פאדערן מיר, שטייענדיק פאר דיין ווייכן געלעגער, א חלק פון דיין האב, כדי צו קענען זיך ארויסהויבן פון דעם

שטויב, אָנצושעפּן גבורה און איינזאַפּן די לוסט נאָך הייסער נקמה, — נקמה פאַר די בערג מיט אַש און פאַר די טורעמס מיט ביינער...

אַז ווינטער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז ער געווען איינגעטונקען אין זיבן שווייסן. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט האַסטיקער. דער רעכטער שלייף האָט געבלאָזן ווי אַ לאָקאָמאָטיוו־קוימען. מיט די אַרבל פון דעם פּאַ־דזשאַמאַ־ראָק האָט ער זיך געווישט דעם נאַסן שטערן. ער האָט געדע־כעט שווער, ווי נאָך אַ האַסטיקן געלויף. מיט דעם שאַרפן חוש פון אַ כראָנישן קראַנקן, וואָס דערוואַרט יעדע רגע אַן אַטאַקע, האָט ער געלאָזט דעם קאָפּ ליגן אָנמעכטיק אויפן קישן. אַזוי איז ער אָפּגעלעגן שפּאַרע מינוטן. די אויגן פאַרזשמורעט, ווי ער וואָלט נישט פאַרטראָגן די ליכט־פלעקן, וואָס האָבן זיך געבראָכן דורכן פענסטער. ווען ער האָט דער־שפּירט אַ דערלייכטערונג, האָט ער שווער זיך אויפגעזעצט אויפן בעט און אַריינשטופּנדיק די פיס אין די שטעק־לאַטשן, האָט ער אַרויפגענומען אויף זיך דעם רויטן, וואָלענעם שלאָפראָק.

מיט אַ לייכטן סקריפּ האָט די טיר זיך געעפנט און אויף די שפּיץ־פינגער האָט זיך אַריינגערוקט ווינטערס ווייב, אַ קורץ־געוויקסיקע און אויסגעשטאָפּטע. זי איז געווען איינגעוויקלט אין אַ גרינלעכן, געבלימעלטן הויז־כאַלאַט ווי אַ גוט־אָנגעשטאָפּטער זאַק. איר אויסגעלאָשן פּנים, די קנייטשן־בינטלעך אַרום די אויגן, די צעלאָזענע האָר — אַלץ האָט אָנגע־זאָגט וועגן דער פּרימאַרגן־נאַכלעסיקייט ביי אַ פרוי איידער זי הויבט אָן איר ערשטע שלאַכט אינעם טעגלעכן קאַמף מיט דער עלטער.

זי האָט געטראָגן אויף אַ טאַץ אַ גלאָז פּאָמעראַנצן־זאַפט, און אַ קוק געבנדיק אויפן מאַן, וואָס האָט געהאַלטן אין פאַרשלייפן דעם גאַרטל פון זיין שלאָפראָק, האָט איר לעבנסלאָז פּנים אַרויסגעצויגן אַ מונטערע מינע:

— צוגרייטן די באָד, ברוך?

— כ'האָב שוין געהאַט אַ באָד.

— וואָס רעדסטו?

— וואָס דו הערסט. כ'האָב געהאַט אַ באָד פון שווייס, כ'האָב אויך געהאַט קאָמפּרעסן פון קאַלטע אַנגסטן — האָט ווינטער ביטער געשמייכלט.

— האָסט געחלומט?

— ס'איז מער ווי אַ חלום — האָט ווינטער פאַרקרימענדיק די ליפּן, גענומען שפּרייזן איבערן שלאָף־צימער — צופיל בייזער אמת. דער שרעק־לעכסטער חלום קען נישט צייכענען אַזוינע אַכזריותדיקע בילדער. און דער נעכטיקער בריוו פון די פּליטים האָט דערציילט דאָס זעלבע, נאָר אין אַ ווייכערער שפּראַך.

— גלויבסט אין חלומות, מאַן מיינער? — האָט דאָס אָנגעשטאָפּטע ווייב אַרויפגעלייגט איר ווייך אויסגעבעט הענטל אויף זיין שטערן —

אויב אזוי, מענסטו פרעגן א קארטן־ווארפעריין אויפן באשייד. און דיינע לאנדסלייט האבן געמעגט אזא ברייוו שיקן אויף א בעסערן אדרעס. וואס קאנסטו, אליין א שוואכער מענטש, העלפן? ס׳ערשטע קומט דיין געזונט. און דעם דאקטערס באפעלן זיינען ס׳וויכטיקסטע. טרינק דעם זאפט!

ווינטער האט ליכט אוועקגעשטופט דעם ווייב׳ס אויסגעשטרעקטע האנט מיט דער טאץ:

— ברענג מיר דעם בריוו, מרים, און לאז מיך א ווײַלע אליין.

זי האט א ברוגז׳ע איבערגעלאזט די טאץ מיטן גלאז פרוכטן־זאפט אויפן נאכט־שענקל און איז ארויס.

קאלטע שטרייפן זון האבן זיך געריסן דורך די פענצטער און אריינגעבלישטשעט אין רונדיקן טואלעט־שפיגל און אויף די גלעזער פון די צוויי גרויסע וואנט־בילדער. ס׳איז געווען שבת. און דאך האט דער פריצווי מארגן געוועקט ווינטערן צו זיינע טעגלעכע פליכטן. ער האט זיך נישט געאיילט. א נאכלעסיקער האט ער געשפאנט פון איין עק צימער ביזן צווייטן.

אויב חלום איז די טראנסמיסיע פון וואכזאמקייט צו שלאף, איז די נאכט־זעאונג געווען א פולע באשטעטיקונג דערויף. ער האט נישט גענאכט־זעאונג...

די זעלבע זעאונגען האבן אויפגעבליצט אין זיין מוח נעכטן, ווען ער איז ארומגעגאנגען וואך. דער בריוו פון די הונדערט און זיבן פליטים שטעכט דורך אלע הימלען. פון די שורות שרייט בלוט. די אותיות הענגען ווי א פייערדיקע שריפט איבער זיינע ווענט און דערציילן, אז דאס לאנד פון זיין געבויין איז אויסגערויכערט. די יידן — טויט. די בערג מיט אש ווארטן צו קומען צו קבר ישראל, און ער, אין ניו־יארק, א זאטער, א זיכערער ווארט יעדן פרימארגן אויף דער ווארעמער באד און אויף דעם גלאז פרוכטן־זאפט.

דאס געפיל פון שולד האט ביי ווינטערן געפאדערט טאטן. ווינט ער טאקע אין דער שטאט פון צארן? די פארווורפן האבן אים ארויסגעשלאגן פון דער גלייכגעוויכט. ס׳איז נישט גענוג געווען צו דערשטיקן דאס אומרעכט מיט מיטגעפיל און רחמנות. דאס קול פון די הונדערט און זיבן געפייניקטע יידן האט גערופן צוריק נאך קויאוועק. מיט פינף און פופציק יאר צוריק איז ער דארט אויף דער וועלט געקומען. די וועלט — א קארגע אויף א ביסל פרייד — האט אים אנטקעגנגעטראגן נויט און שפלות. דאס הויז, וווּ ער איז געבוירן געווארן, איז געווען ארעם, די גאס, ווו ער האט זיך דערצויגן — ענג. ברוך ווינטער האט געארבעט אין א קוזשניע, געווען א העלפער ביי א מעכאניקער, געשטאנען מיט אויבסט אין מארק. צו צוואנציק יאר האט ער פארלוירן די עלטערן. א פעטער האט אים

אַריבערגעבראַכט קיין אַמעריקע. דאָ, אין נייעם לאַנד האָט ער געפונען רחבות. דאָס פאַרשווענדערישע עשירות אַרום האָט געשטילט דעם פּרי־ערדיקן הונגער און פאַרגיטיקט פאַר דער פאַרלוירענער קינדהייט. ווינ־טער האָט נישט בלויז געאַרבעט, נאָר אויך געלערנט. ביי זיבן און צוואַנ־ציק יאָר האָט ער געענדיקט אויף אַרכיטעקט און דערנאָך חתונה געהאַט מיט אַ מיידל פון זיין היים־שטאָט.

אויף דער וועלט איז געקומען אַ זון. ווינטער האָט אים אַ נאָמען געגעבן עמוס — אַ דערמאָנונג נאָך דעם דערצאָרנטן נביא. ער האָט אויך נישט געטוישט דעם ווייב'ס נאָמען מרים אויף מערי, ווי עס וואָלטן אים וועלן רופן די סאָסייעטי־ווייבער. אין דעם הויז, וואָס איז געשטאַנען ביי דער צווייטער עוועניו און האָוסטאָן סטריט, איז ער געבליבן וווינען אַפילו נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן איינגעפונדעוועטער, רייכער.

די איינגעזעסענע לאַנדסלייט האָבן געלאַכט פון ווינטערן און אים פאַרגעוואָרפן, אַז ער וועט זיך קיינמאָל נישט אויסגרינען. ווינטער איז נישט געגאַנגען אין שול אַריין, אָבער יעדן פרייטיק־צו־נאַכט האָט אויף זיין טיש געברענט אַן אַכט־רעריקע מנורה. אין זיין קאַבינעט זיינען גע־ווען אָנגעשטעלט בצלאל־אַנטיקן. אין דער קיך האָבן געהאָנגען צדקה־פּושקעס פון ירושלים. ער האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט צו געבן אויף ישי־בות און תלמוד תורה'ס. ער האָט געשטאַכן די אויגן פון די אויפגע־בלאָזענע לאַנדסלייט, אַז מען קען זיין אַ דערפאָלגרייכער אַרכיטעקט און העלפן אויפהאַלטן דאָס טליענדיקע יידישקייט.

מיטן דערפאָלג איז געקומען די אַרבעטזאַמקייט. לויט ווינטערס אַר־כיטעקט־פּלענער האָט מען געבויט אַפּאַרטאַמענט־הייזער אין לאָנג־איי־לאַנד, אין ניו־דזשוירזי. אַ יונגנט־בענקשאַפט איז געוואָרן פאַרווירקלעכט. טרויער איז פאַרביטן געוואָרן אויף פרייד, נויט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין ווילשטאַנד. און וואָס טוט דאָ אין מיטן דרינגען קויאַוועק? די פראַגע האָט געבריט ווי אַן אַנגענגליטע שטאַבע, געשלאָגן, געמאָנט אַן ענטפער. דער ענטפער האָט נישט פאַרזוימט צו קומען: קויאַוועק איז אַ חוב, דער חוב פון אַן אויסגעוואַנדערטן זון צו אַ ווייטער פאַרגעסענער מאַמע.

געבויגן אונטער דער לאַסט פון חוב, האָט ווינטער נישט געפונען קיין רו. די פאַרלוירנקייט האָט געשטויסן צום אויספיר, אַז זיין אויסוואַנ־דערונג פון פּוילן איז נישט געקומען אומגערעכט. דאָס איז געווען אויס־געפלאַנט. ער איז געלאָפן זוכן שוץ אין דער נייער וועלט, ווען די אַלטע איז געווען פאַרמשפּט צו אונטערגאַנג. און ווען ער האָט די שוץ געפונען, איז געקומען דער אומהיימלעכער רוף, די מאָנונג. וואָס מענטשן רופן: געוויסן, און אים געשלעפּט צו דער פייער־פּראָבע: פאַרוואָס קומט דיר זיך אויסצובאַהאַלטן אויף דער נייער ערד, ווען די אַלטע ערד, דאָס לאַנד פון דיין געביין, איז חרוב?

ווינטער האט זיך אפגעשטעלט אינמיטן שפריינן. ער האט אראפגענומען פון נאכט־שענקל דאס גלאז פרוכטן־זאפט און אזוי געבליבן שטיין אין מיטן שלאף־צימער. ער האט מורא געהאט, אז די קרענקונג זאל נישט פארערגערן דאס אנגעגריפענע געזונט. צו פופציק יאר האבן דאקטוירים ביי אים אנטדעקט אן אפגעשוואכט הארץ. זיין סיסטעם, באשעדיקט, פארטראגט נישט קיין אויפטרייסלונגען. דער עגאאיסט אין אים האט איינגערוימט, אז דאס ווייב איז גערעכט. צוערשט קומען דעם דאקטערס באפעלן, די אויפזיכט איבער זיך אליין. און אויב יער וויל זיין בכח עפעס צו טאן פאר די געבליבענע הונדערט און זיבן, מוז ער בלייבן שטאנדהאפטיק, שטיין אויף די אייגענע פיס.

אזוי באשליסנדיק, האט ער מיט איין זופ אויסגעליידיקט דאס גלאז פרוכט־זאפט. דער טרונק, ווי א שטארקער שנאפס, האט א ווײלע צעווארעמט די קעל. ווינטער איז צוגעגאנגען צום טואלעט־שפיגל און אריינגעשטעלט דאס פנים אין געשליפענעם גלאז. ער האט געציילט די שנירלעך ארום די שליפן. זיי האבן זיך געצויגן ווי א דראטן־נעץ. די קישעלעך אונטער די אויגן זיינען געווען אונטערגעבעט, א פאלד איבער א פאלד. איבערן שטערן זיינען געווען אויסקארבירט האלבע רינגען און די מאטע אויגן — אן אפשיין פון א שוואכן לעבנס־ווילן.

II

אײדער ווינטער איז געקומען צום פלינקן אויספיר, אז די עלטער יאגט זיך נאך אים, האט די טיר האסטיק זיך געעפנט און דאס ווייב איז אריינגעקומען. זי האט געהאט אויף די ליפן כעס־בלעזלעך און אין דער האנט אן איינגעוויקלטן בריוו:

— נא, לייען, אויב ס'פארשאפט דיר פארגעניגן.

ווען ווינטער האט צעוויקלט די לענגלעכע, גרויע בויגנס, ווי א טרויער־מגילה, האט דאס ווייב זיך געזעצט צום שפיגל. זי האט זארגפעלטיק און פלייסיק אנגעהויבן איר פרימארגן־קאמף מיט דער עלטער. זי האט לויז צעקנעפלט דעם געבלימלטן שטוב־כאלאט, מיט איין האנט־מאך צעשאטן די קלעמבעס האר, וואס האבן געמינעט צווישן די קאלירן פון שארלאך־רויט און קאשטאן־ברוין. די קלעמבעס האר זיינען געפאלן איבערן אויסגעביטן נאקן, גרייט פאר דער באהאנדלונג פון קאם, פון נאדלען און קלאמרעס. זי האט ארויסגעלייגט פארן שפיגל שערעלעך, צוועננעלעך, א פיילער, א צוויקער — מיט אזא געניטקייט, ווי א דענטיסט לייגט ארויס זיינע אינסטרומענטן. אין א טיף קרעם־שיסעלע האט זי געטונקען אירע פינגער און זיי געפירט איבערן פנים. דער קרעם, ווי א כישוף־זאלב,

האָט אויפגעטאָן וואונדער, געטריבן די שפּור פון עלטער. צוערשט זיינען די פינגער־מאַנעוורעס געווען אַ לאַנגזאַם רייבעניש איבער די באַקן, שלייפן און שטערן, דערנאָך זיינען זיי איבערגעגאַנגען אין אַ פלינק פּוי־קעריי, שפּעטער אין אַן אומדערבאַרעמדיק טענצל איבער די אָנגעבריטע מוסקולן, אַז ס'האָט איר אַזש אָטעם פאַרפעלט.

זי האָט די זעלבסט־פלאַגעניש אָנגענומען מיט געפּייניקטער הנאה. צווישן איין פינגער־מאַסאַזש און צווייטן האָט זי געעפנט די אָנגעבלאָזענע ליפּן, וועלנדיק עפּעס זאָגן, אָבער באַלד האָט זי חרטה געהאַט. ווען ס'זיינען דורך מינוטן און ווינטער האָט נישט אַרויסגענומען די אויגן פון די בויגנס, נאָר שטיל געפּרעפּלט מיט די ליפּן, ווי ביי אַ תפילה, האָט זי נישט פאַרטראָגן דאָס אייגענע שווייגן און געלאָזט פאַלן:

— ווייטער פונעם לייענען וועסטו נישט גיין, מאַן מיינער. די טור־אונג וועסטו לאָזן פאַר אַנדערע. קהלן זיך דאַרפן די לאַנדסלייט, די נגידים פון דער פינפטער עוועניו.

— מיש זיך נישט, מרים, כ'בעט דיך — האָט ווינטער אויפגעהויבן די אויגן אויפן ווייב — דאָסמאָל מיש זיך נישט.

— כ'וועל זיך שטענדיק מישן, ווען דו וועסט האַלטן ביים באַגיין פעלערן — האָט דאָס ווייב אָפּגעשטעלט דאָס פינגער־פּויקעריי איבערן פּנים און אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום מאַן — און צו וואָס טויג דיין פּייניקן זיך? מתים קען מען נישט העלפן. מען קען זיי בלויז ערן, און דאָס מיינט שטעלן מצבות אויף זייערע קברים... גאַנץ אַמעריקע קאָכט מיט הילף פאַר די פּליטים. דעלעגאַטן און משולחים און אויספּאַר־שער האָוועז איבער אַלע עקן וועלט... און אַז עס קומט אַ וויי־געשריי פון געראַטעוועטע מענטשן, איז נישטאָ ווער עס זאָל צולייגן די אויערן... ווו זיינען די וועלט־פאַרזאָרגערס?

— דאָסמאָל וועלן מיר זיין די וועלט פאַרזאָרגערס — האָט ווינטער האַסטיק איינגעוויקלט די גרויע בריוו־בויגנס און צוגעגאַנגען צום ווייב — כ'וועל אויף מאָרגן רופן אַלע לאַנדסלייט צו אַ מיטינג. וואָס האָבן מיר היינט? שבת? מען וועט זיך פאַרזאַמלען אין דער שול „צור ישראל"... יאָ. מען דאַרף הילף, אַן אַפּליינג.

— אויב אָנטאָן די ווייבער אין זייערע ביבער־פוטערס און זיי זעצן צו די באַנקעט־טישן, הייסט ברענגען הילף פאַר די פּליטים, דאַן זיינען די קרבנות געבעד פאַראורטיילט צו אַ הונגער־טויט... כ'ווייס איין זאַך, ברוך — און דאָס ווייסן קינדער — אַז באַנקעט־רעדעס און הינער־סעודות האָבן נאָך קיין פּליטים נישט געראַטעוועט...

— טרייבסט איבער, מרים — האָט ווינטער נישט פאַרטראָגן דעם ווייבס גאַל־רייד — ס'וועלן נישט קומען קיין ביבער־פוטערס און ס'וועלן נישט זיין קיין הינער־סעודות. די קוואַוקער לאַנדסלייט האָבן נישט קיין

נגידים, און די פּאַר, וואָס האָבן זיך אַרויפֿגעאַרבעט, זיינען שוין לאַנג פֿון אונדז אָפּגעפּרעמדט. צו אַזאַ מיטינג דאַרף מען קומען אין קריעה־ריסן, מיט אַש אויף די קעפּ, ווי אונדזערע אבות זיינען געגאַנגען נאָך אַ חורבן. דער מיטינג דאַרף זיין אַ נויט־רוף, אַ גוואַלד־געשריי...

— הלוואַי וואָלטן דיינע לאַנדסלייט זיך איבערגענומען מיט דיינע דייד, ברוך! — האָט מרים צוריק אַריינגעשטעלט דאָס פּנים אין שפּיגל און גענומען באַטראַכטן אירע מידע אויגן־ווייעס — אָבער איך קען די אַרויפֿגעאַרבעטע יאַקלס. אַ טראַגעדיע אַז פּאַרווייַלונג וועט זיי נישט אַמוזירן.

— פּאַרוויילונג? — האָט ווינטער אַ קוק געטאָן אויפֿן ווייב.

— יאָ. אַז אַן איינלאַדונג אין „וואָלדאָרף אַסטאָריאַ" וועט זיי נישט אָנשטיין צו קומען, די קוויאַוועקער אַריסטאָקראַטן. ס'ציט זיי צו די רינ־שטאָקן פֿון בראָדוויי...

זי האָט איצט טיכטיק געצופּט מיט אַ דין צווענגעלע די איבעריקע ברעמען־הערעלעך, ווי מען צופּט אויס ווילדע גראָז צווישן בלומען־בייטן. און כאָטש זי האָט באַלד פאַרגלעט די רויט־אויפֿגעלאָפֿענע הויט־פּלעקן מיט אַ ווייכער זאַלב, זיינען פֿונדעסטוועגן די ברעמען געבליבן אָנגעצונדענע, ווי מען וואָלט דאָרט אויסגעריסן שטיקער פֿלייש.

ווינטער האָט געקוקט אויפֿן ווייב, וואָס פּירט צו פּופּציק יאָר אַזוי עקשנותדיק דעם קאַמף פֿאַר שיינקייט, און אַ לייכטער גרימאַס האָט זיך געקנייטשט איבער זיינע ליפּן. ער איז גרייט געווען אָפּצושטרייטן אַלע אירע טענות, אָבער טיף אין אים האָט עפּעס געעגבערט און צוגעגעבן, אַז זי איז גערעכט. די קוויאַוועקער לאַנדסלייט זיינען סנאָבן, גרויסהאַל־טערס. דאָ, אין ניו־יאָרק, האָבן זיי פֿלינק איבערגענומען דעם ציניזם, דעם לייכטזין פֿון דעם אויבנאַויפֿיקן שטאָט־מענטש. דער אַלטער רוימישער שפּרוך: „ברויט און פּאַרוויילונג" איז ערשט צייטיק געוואָרן אין ניינצן זעקס און פֿערציק. דער היינטיקער, רעזיגנירטער מענטש קוקט אויף אַלץ ווי אויף אַ פֿילם־ספּעקטאַקל. די טיפֿסטע דראַמע מוז באַגלייט ווערן מיט אַ גליקלעכן פֿינאַל. אַלע ווייסן פֿון דניאלן אין לייבן־גרוב — אָבער קיינער וואָלט נישט איינגעשטעלט אים אַרויסצורייסן פֿון דער רויב־חיהס ציין...

ווינטער האָט נאָך אַ לעצטן בליק געגעבן אויפֿן ווייב און זיך גע־לאָזט גיין צום באָד־צימער. איידער ער האָט אַ שטופּ געטאָן די טיר פֿון קאָרידאָר, האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ און געלאָזט דעם ווייב אַז אָנזאָג:

— וועסט אויפֿוועקן עמוסן, מרים. כ'וויל, ער זאָל אָוועקשיקן אַ פּאָר טעלעגראַמעס צו די קוויאַוועקער קהל־מענטשן. מען דאַרף זיי אַלאַרמירן. הערצן, דעם פּרעזידענט פֿון דער לאַנדסמאַנשאַפֿט, וועל איך קריגן אויפֿן טעלעפֿאָן. דער מיטינג וועט אָפּגעהאַלטן ווערן מאָרגן!

III

דאָס צוגרייטן זיך צו באַגעגענען די קוויאַווקער לאַנדסלייט איז ביי ווינטערן צוגעגאַנגען מיט אַזאַ פּאַרכטיקייט, ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו כּל־נדרי. דעם גאַנצן זונטיק אין דער פֿרי איז ער געווען פֿאַרטאָן מיט זיך. ער האָט פֿאַרצייכנט אין זיין נאָטיץ־ביכל פּלענער, פּראַקטישע פֿאָרשלאָגן. מיטאָג־צייט האָט ער אָנגעטאָן אַ פּאָר טונקעלע שטרייף־הויזן, אַ שטייף, ווייס העמד און אַ געפּרעסטן פּראַק — אַ הלבשה, וואָס ער פֿלעגט טראָגן בלויז אויף משפּחה יום־טובֿים. נישט צוליב דער הנאה פֿון פּוץ האָט ער אָנגעטאָן די קליידונג, נאָר צוליב דער פֿייערלעכער פֿליכט, וואָס דער מיטינג האָט אויף אים אַרויפֿגעלייגט. ער איז געווען אָנגעלאָדן מיט יענער יראה־שטימונג, וואָס באַפֿאַלט דעם מענטש, איידער ער טרעט אַריבער די שוועל פֿון אַ הייליקייט, כּדי זיך צו ריייניקן פֿאַר גאָט.

ווינטער האָט נישט געזען זיינע לאַנדסלייט אַריבער צוויי יאָר. דאָס לעצטע מאָל האָט ער זיי באַגעגנט אויף אַ ניי־יאָר־אָוונט אין האָטעל־„קאָמאָדאָר” ווּהין זיין ווייב האָט אים געשלעפּט. נאָכדעם האָט ער אויסגעמיטן יעדע בר־מצווה־שמחה, יעדע קאָנפֿירמאַציע־פֿייערונג. די צווייטע וועלט־מלחמה האָט שוין געפּלאַקערט. און ער האָט פֿיינט געקראָגן די רעדלפֿירער, די עטלעכע אַרויפֿגעאַרבעטע בעל־גופֿים, וואָס האָבן געלעבט מיט זייער צופֿרידנקייט און גלייכגילטיקייט אין אַן אָנגעצונדענער וועלט. ער האָט אויך איצט נישט געוואָלט זען קיין זאַטע ייִדן. פֿאַר די אויגן זיינען געשטאַנען ברענענדיקע קרעמאַטאָריעס. ייִדן ווערן געשליידערט אין פֿלאַקער, און די, וואָס ראַטעווען זיך פֿון די פֿלאַמען, שטייען און קוקן אויס אויף דער גנאָד פֿון די קוויאַווקער באַלעבאַטים. די לאַנדסלייט וועלן זיך וווּנדערן וואָס דווקא ער, ווינטער, וואָס האָט קיין לעבעדיקן קרובֿ נישט איבערגעלאָזט אין קוויאַוועק, האָט צוזאַמענגערופֿן דעם מיטינג. די פֿאַרוווּנדערונג וועט איבערגיין אין אַן איבעראַשונג, ווען ער וועט פֿאַר זיי אַרויסציילן זיינע פֿאַרלאַנגען. די באַגעגעניש וועט ווערן אַ צוזאַמענשטויס. זיינע ווערטער וועלן עקספּלאָדירן, אַלאַרמירן. ער, ברוך ווינטער, וועט זיי נישט שוינען. ער וועט זיי הייסן אַראָפּוואַרפֿן זייערע פּעלצן, עפֿענען זייערע געשוואָלענע בייטלען, אַפֿילו אָפּשינדן די אייגענע הויט, אויב עס איז נייטיק, כּדי זי אָנצוטאָן אויף די וואַנדערנדיקע ייִדן־סקעלעטן.

ווינטער איז געווען איבערצייגט, אַז זיינע מאָנונגען זיינען נישט איבערגעטריבן. אַלץ אין אים איז געווען פֿול מיט אָנקלאַגע. און מיטאַמאָל האָט אַ שאַרפֿע טענה ווי אַ בייטש אים גענומען שמייסן: ווער האָט אים געמאַכט פֿאַר אַן אָנקלעגער, אַ פּראָקוראָר? זיינען זיינע הענט ריין פֿון דעם פֿאַרגאָסענעם בלוט? ווייסן זיינע הויז־מענטשן, ווייסט זיין ווייב, זיין זון דעם מוראדיקן באַדייט פֿון דעם פֿאָלקס־חורבן? ווייסן זיי

דעם טאַטאַלן ציפער פון די פאַרטיליקטע זין און טעכטער פון דער יידי־שער אומה?

די טענה האָט געמאַנט חשבון. די טענה האָט געוויספּערט אין ווינ־טערס אויערן, אַז צוערשט מוזן זיינע שטוביקע זיין גערעכטע אין דער סדום־וועלט, זייערע טואונגען — פּולקום. קוויינקלעניש מוזן אַפּגעווישט ווערן, ספקות — אויסרינען, און ערשט נאָכדעם מעג ער זיך שטעלן ווי אַ קטיגור.

ער איז אַריין אין ביבליאָטעק־צימער און דאָרט געטראָפן זיין זון עמוס. דער זון איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פונעם פאָטער, געוויקסיק אין די אַקסלען, מיט צעשויבערטע האָר, אין אַ לויזן ברוינעם שטוב־זשאַקעט, אין אַ פּאָר אָפענע שטעק־שיך איז ער געשטאַנען פאַר אַ ביכ־בער־וואַנט און אויפמערקזאַם געבלעטערט „די געשיכטע פון פעלקער".

ווינטער האָט זיך דערנענטערט צו אים:

— וואָס לייענסטו עמוס?

— כ'קוק נאָך דאָס יאָר, ווען די טעווטאָנען האָבן זיך אָנגעהויבן צו צעשפּרייטן איבער אייראָפּע.

— דאָס איז איבעריק, זון מיינער — האָט ווינטער ווייך גערעדט — דער טעווטאָן האָט שוין עקזיסטירט אין די בראשית־טעג. דעם טאָג, ווען אָדם האָט דערשפּירט די ערשטע שולד און די ערשטע בושה, איז דער טעווטאָן געבוירן געוואָרן. קין איז אַרויסגעקומען פון אדמס לענדן און אין אים האָבן געשפּאַרט כוחות פון צעשטערונג. אין פאַרלויף פון יאָר־טויזנטער האָבן מיליאָנען קינס פאַרפלייצט די ערד... טעווטאָן, באַרבאַר, קין — די נעמען האָבן זיך געביטן — אָבער דער טרעגער פון רציחה איז געבליבן; געבליבן ווי אַן אייביקער מאָנסטער, וואָס שטייט מיט אַן אויפגעהויבענער האַק אויף דער וועלט. געבליבן איז אויך הבל, דער ערד־מענטש, דער האַרעפּאַשניק...

— גלויבסטו נישט, טאַטע, אַז אַ ברענענדיקע איפערזוכט האָט גע־שטויסן קינען צו הרגענען זיין ברודער? — האָט עמוס געפרעגט.

— אייפערזוכט? — האָט דער פאָטער מיט צוויי פינגער געריבן דעם שטערן — מען קאָן זאָגן יאָ. און אייפערזוכט איז אַ לייבלעכער ברודער פון רשעות, פון דער לוסט נאָך צעשטערונג, וואָס לעבט אייביק אין דעם מאָנסטער. און דער מאָנסטער זעט זיך אַרומגערינגלט אין אַ וועלט פון שאַפונג... מיר יידן זיינען דער הבל צווישן די קינס.

— קענען מיר, אַזוי ווייניק אין צאָל, מלחמה האַלטן מיט די קינס?

— ווי אַ כלל — יאָ. ווי אַ געשלאָסענער קאָלעקטיוו קענען מיר ווערן אַ מעכטיקע שוץ־מחנה, וואָס פאַרטיידיקט אונדזער פּאָזיציע אויף דער ערד. אָבער ווי איינצלנע, ווי יחידים, בלייבן מיר צעשטויבטע זאַמדעלעך.

— כ'האָב געמיינט, טאַטע, דו ביסט אַן אינדיווידואַליסט?

— ביי מיין ארבעטס־ברעט בין איך אן אינדיווידואליסט, עמוס. אז כ'נעם אנווארפן ליניעס ווערטיקאלע צי האריזאנטאלע, אז כ'נעם צייכענען צירקלען, קרייזן און ספיראלן, מוז איך אנקומען צו מיין מוח, צום געהירן. געהירן איז דער איינציקער וואפן, וואס איז דעם מענטש געגעבן געווארן. קיין זאך איז נישט אנגעגרייט פארטיק פארן מענטש, ווען ער קומט אויף דער וועלט. אלץ מוז ווערן פראדוצירט, מוז ווערן ארויסגעריסן מיט ציין און נעגל פון דער ערד. דער מענטש קען בלויז עקזיסטירן אויף צוויי אופנים: אלס שאפער דורך זיין אייגענער פראצע, דורך אומאפהענגיקייט, אדער אלס פאראזיט, וואס ווערט געשפייזט דורך אנדעריע. דער שאפער שאפט; דער פאראזיט בארגט. דעם שאפערס זארג איז, ווי צו באצווינגען די נאטור. דעם פאראזיטס איינציקע דאגה איז, ווי צו באהערשן זיינע מיטמענטשן, כדי זיי אויסצונוצן פאר זיך. דערפון נעמט זיך די אומגערעכטע צעטיילונג.

ווינטער איז שטיל געבליבן. ער האט געקוקט אויף זיין געוויקסיקן זון, אויף וועמענס פנים ס'איז נישט געווען קיין שפור פון אומרו אדער מורא, און ער האט געווארט, ער זאל עפעס זאגן, עפעס אפשטרייטן, עמוס האט געפרעגט:

— איז ביי אונדז יידן אויך געווען אזא צעטיילונג?

— יא — האט ווינטער ווייטער גענומען שפרייזן איבערן ביבליאטעק־צימער — די צעטיילונג האט געפירט צום שטרייט פון די יידישע נביאים מיט די יהודעאישע אריסטאקראטן. דער אייביקער קאנפליקט צווישן דעם שאפער און פאראזיט. די וועלט האט איבערגענומען פון די יידן די לוחות, די אמונה אין גאט, די לערע פון מאראל, און אונדז, די טרעגער פון די לוחות, האט מען אנגעהויבן צו פארפאלגן. קיין האט נישט אפגעשטעלט זיינע רויב־צוגן. און ווען די יידן זיינען פארטריבן געווארן פון ארץ־ישראל און פארלוירן די אומאפהענגיקייט, זיינען די רדיפות געווארן גרעסער.

ווינטער האט זיך א ווײַלע אפגעשטעלט, א פארמוחטער געריבן דעם שטערן און ווייטער גערעדט:

— דאס יידישע פאלק, פארלייקנט, גערודפט, באקעמפט, איז אנגעגאנגען מיט זיין שעפערישקייט, האט אנטוויקלט פאר דער וועלט זיין געניוס אין אלע פארמען, אין אלע געשטאלטונגען. די וועלט האט אלץ צוגענומען — נישט ווי א געשאנק, נאר ווי א חוב — און ווייטער גערודפט דאס הײמלאזע פאלק. דאס האט געפירט צו די בארמלאזסטע אויסראטונגען. די פארניכטונג ציט זיך פון טיטוסעס שריפות אין ירושלים דורך שייטערהויפנס, דורך אינקוויזיציעס אין שפאניע, ביז צו די קאלד־אויוונס אין פוילן — — —

ווינטער איז שטיין געבליבן אינמיטן שפרייזן און אויפגעהערט רעדן.

ער איז זיכער געווען, אַז ער האָט איבערגעכאַפּט. צו וואָס רעדן אַבסטראַקט? מען דאַרף דעם זון געבן קאַלטע, טרוקענע ציפערן, אויפווייזן פאַר אים די קאַטאַסטראָפע פונעם פאָלקס־חורבן, דעם באַדייט פון פאַרלוסט. ער האָט אַרויסגענומען פון דער ביכער־וואַנט אַ דינע בראָשור, אַ ווײַלע גע־מישט אַ פּאָר בלעטער און דערנאָך עס דערלאַנגט דעם זון:

— לייען, עמוס. דאָס זײַנען די ציפערן פון די פּאַרטיקולעקטע איי־ראָפּייִשע ייִדן. דאָס איז סטאַטיסטיק. גרויזאַמע סטאַטיסטיק.

עמוס האָט איבערגעמישט דאָס פאַרדרבלאַט פון דער בראָשור און אָנגעהויבן לייענען פון דער ערשטער שורה:

„...דאָס איז דער באַלאַנס־בויגן פון דער דײַטשער ליקווידאַציע פון די ייִדן אין אייראָפּע.

„אין אַ פּעריאָד פון זעקס יאָר, צווישן נײַנצן נײַן און דרײַסיק און נײַנצן פינף און פערציק, איז אַ דריט־חלק פונעם ייִדישן פאָלק אויס־געראָטן געוואָרן... די צאָל פון די אומגעבראַכטע האָט דערגרייכט דעם טאָטאַלן ציפער פון זעקס מיליאָן, — אַ דריטל פון אַ גאַנצן, שוצלאָז פאָלק איז אומדערבאַרעמדיק אָפּגעווישט געוואָרן פון גאָטס ערד...“

עמוס האָט אָפּגעשטעלט דאָס לייענען און אַ פאַרוווּנדערטער געקוקט אויפן פאָטער. ס'האָט אים געשווינדלט פאַר די אויגן. די איבעראַשונג האָט געפּלעפּט, ווי ער וואָלט ערשט איצט אַנטפּלעקט די גרויס פון זײַן צעשפּרייט פאָלק. מיליאָנען האָבן געוואַרצלט איבער דעם קאָנטינענט און מיליאָנען זײַנען פאַרשניטן געוואָרן. באַלד האָט עמוס צוריק אַרײַנגעטאָן די אויגן אין דעם בויגן און זיך אָפּגעשטעלט אויף יעדן ציפער. אַזוי־פיל צאָלן ייִדן אין פּוילן, אַזוי־פיל אין רומעניע, אַזוי־פיל אין עסטרײַך. טשעכאָסלאָוואַקײַ, דײַטשלאַנד, אונגאַרן...

די ציפערן, ווי טויט־צייכנס, האָבן אים אויפגעשווינדערט. יעדער צי־פער האָט זיך געהויבן פאַר די אויגן ווי אַ ריזיקער באַרג מיט סקעלעטן, ווי אַ טורעם מיט שאַרבנס. דאָס זײַנען די טעוואַנגען און דאָס זײַנען זייערע מאַטן. דעם פאָטערס אויספיר איז ריכטיק. טעוואַן, באַרבאַר, קין — די נעמען האָבן זיך געביטן, אָבער די רציחה איז געבליבן. עפּעס איז אין זײַן מוח געווען פאַרפּלאָנטערט וואָס האָט אים געמאַכט נאָכקלערן: אויב דער פאַרברעכן פון די דײַטשן איז קלאָר, איז אָבער די שטראָף פאַר אַזאַ פאַרברעכן אומבאַשטימט. יעדע אָנקלאַגע איז אומבאַדײַטנדיק, יעדער משפּט נישטיק אין אָנבליק פון דעם וועלט־שווידער. און ווי גרויס קען זײַן די שטראָף פאַר דעם פאַרברעכן, וואָס איז געטאָן געוואָרן צו אַ גאַנץ פאָלק?

ווינטער האָט אַרויסגענומען די בראָשור פונעם זונס האַנט און גע־זאָגט:

— אַ פאָלק קען לײַדן פאַרלוסטן, עמוס, אַ פאָלק קען אָפּגיין אין

בלוט, קען אַפילו אין גאַנצן באַזיגט ווערן פון דעם ברוטאַלן שונא, און דאָך פּרעזערווירן זיין עקזיסטענץ ווי אַן אָרגאַניזירטע אומה, — אַזוי לאַנג, ווי די לעבעדיקע וואָרצלען זיינען נישט אָפּגעהאַקט געוואָרן... אַ דריט־חלק פון אַלע יידן אין אייראָפּע זיינען געבליבן לעבן; אָבער די וואָרצלען, וואָס זויגן אַן דעם גוף פון פאָלק, זיינען טויט. עס איז אַן אויפגאַבע פון מיר, פון דיר, מיין זון, — עס איז די אויפגאַבע פון יעדן אַמעריקאַנער ייד אַריינצובלאָזן לעבעדיקן אָטעם אין דעם אָפּגעשטאָרבענעם גוף — — —

ווינטער האָט אויסגעשטרעקט דעם האַנט־געלענק און אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט צו דער טיר. אָבער אין אַריינגאַנג איז אַקעגנגעקומען זיין ווייב. זי האָט אויסגעקוקט ווי אַ מאָדעל, נאָר וואָס אַרויסגענומען פון אַ קליידער־געשעפט. די פּרימאָרגן־מאַסאַזשן, די שמעק־זאַלבן, די פינגער־מאַנעוורעס איבערן פּנים האָבן געטאָן דאָס זייעריקע און אָפּגעווישט אַלע שפּורן פון עלטער. דער אַש־גרויער פוקס־פוטער איז געווען אָפּגעמאָסטן אויף איר איינגעצויגענער פיגור. דאָס ברייטע פוטער־היטל, ווי אַ פּאַפּאַכע, איז ווווילעריש געזעסן אויפן שפּיץ פון איר זאָרגפעלטיק־פאַרלייגטער פריזור. אין ביידע אויערן לעפעלעך האָבן געשטעקט בינטלעך גילדענע וויינטרויבן. פון אירע פּאָלירטע פינגער האָבן אַראָפּגעפינקלט דימענט־רינגעלעך מיט אַלע רעגנבויגן־פייערלעך.

דעם ווייבס אַריינקומען האָט אָנגעטראָגן אַ שאַרפן פּאַרפום־ריח און דערמאָנט ווינטערן, אַז ס'איז צייט צו פאַרלאָזן דאָס הויז. ער האָט אונטערגעיאָגט דעם זון:

— לאָמיר גיין, עמוס. ס'ווערט שפּעט. טו זיך איבער.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין אויסגעשטראָצלט ווייב און זיינע ליפּן האָבן זיך פאַרקרימט מיט אַ פאָרוואורף:

— צו וואָס אַזוי פיל צירונג, אַזוי פיל פוץ, מרים? מיר גייען דאָך נישט צו קיין אָפּערע. מיר גייען צו אַ מיטינג, צו אַ תשעה־באב־מיטינג!

IV

די קליינע שול „צור־ישראל" איז געווען געפּאַקט. ווינטער האָט זיך קוים דורכגעשטופּט צווישן די לאַנדסלייט, וואָס האָבן פּאַרקטיקע זיך פאַרזאַמלט אויף דעם נויט־רוף. געקומען אויפן אַלאַרם זיינען נישט בלויז די היימישע קוויאַווקער פון בראָנקס, פון ברוקלין, נאָר אויך די ווייטע לאַנדסלייט פון ניו־דזשוירזי, פון דזשאַמייקאַ. די געציילטע גבירים, וואָס האָבן געהאַט זייערע קוואַרטירן אויף דער פיפטער עוועניו און געדאַוונט איין מאָל אַ יאָר אין טעמפּל עמנואל — האָט מען נישט אָנגעזען.

ווינטער האט זיך דורכגעגליטשט צווישן די לאנדסלייט מיטן אומגע־דולדיקן גאנג פון א דאקטער, וואס שלייכט דורך דאס ווארט־צימער מיט פאציענטן, איידער ער פארמאכט זיך אין זיין קאבינעט. ביים ארייננאנג האט ער פארלוירן הינטער זיך דאס ווייב, דעם זון און זיך געשטופט פאר־רויס, צו דער מזרח־וואנט. שטופנדיק זיך, האט ער פלינק זיך באגריסט מיט באקאנטע, געווארפן די אויגן אין אלע זייטן און געזוכט אויפצו־כאפן געקרענקטע פנימער, דערשלאגענע בליקן. זיינע אויערן האבן איינ־געזאפט א שושקעריי, ווי מען וואלט אויף אים געטייטלט מיט די פינגער.

ביים בעלעמער האבן שוין געווארט אויף אים דער פרעזידענט פון דער לאנדסמאנשאפט מיט דעם סעקרעטאר. זיי האבן מיט געהויבענער חשיבות געריבן דעם רוקן אן דער מזרח־וואנט. דער פרעזידענט, מיס־טער פיניע הערץ, א רויטהאריקער ייד פון היבשן געוויכט, מיט א פאר לוסטיקע אויגן, האט ארייגערוקט ווינטערן א שווערע האנט פון א פרייז־באקסער און ווילד זיך צעשריען:

— א שאנדע! א ווארע שאנדע! ס'האט געמוזט קומען אז אומגליק, וואס זאל אונדז דא צוזאמענברענגען.

— און נאך אזא אומגליק! — האט דער לאנדסמאנשאפט־סעקרע־טאר, א שמאל, שפיציק מענטשל מיט א שפאלט אין דער גאמבע, שווער געזיפצט — וואס אויף קויאוועק האט זיך אויסגעגאסן!

דערבייאיקע לאנדסלייט האבן אויפגעכאפט די ביטערע ווערטער און דער השק אויסצוהערן איין ווארט, כדי צוריקצוגעבן צוויי, האט זיי אנ־געשטעקט. זיי האבן זיך גערוקט צום פרעזידענט. באלד האט א רעדל ארומגערינגלט ווינטערן. איינער מיט א בריענדיקער צונג האט אויסגערופן:

— און אמעריקע האט דאס צוגעקוקט און געשוויגן? געשוויגן ווען מען טוט אויסראטן א גאנץ פאלק?

— איין געשריי! איין ווארענונג פונעם „ווייסן הויז" וואלט אפ־געשטעלט די דייטשע רוצחים! — האט דער לאנדסמאנשאפט־סעקרעטאר געצארנט!

— וואס מיר געשריי! וואס מיר ווארענונג! די קאנסטיטוציע האט מען זיי געדארפט ווייזן, די אמעריקאנער קאנסטיטוציע! דעם „ביל אוו רייטס", ווו עס שטייט קלאר, אז אלע מענטשן זיינען באשאפן גלייך, נישטא קיין אויבער־ראסע און קיין מינדערוויכטיקע ראסע! — האט דער פרעזידענט, שטאלץ מיט דער קאנסטיטוציע, פאריכט דעם סעקרעטאר.

אן אויסגעפאשעטער מאן, בכבוד אנגעטאן, מיט א פנים אי פון א פארגעבער, אי פון א שטראפער, איז געלאסן ארויף צוויי טרעפ אויפן בעלעמער און שטעלנדיק זיך אין דער פאזע פון א רעדנער אויף א צדקה־פארזאמלונג, האט ער געליארעמט:

—פאנטאזיארן! הימל־קריכערס! און ווען מען זאל אויפוועקן אלע

אַמעריקאַנער פּרעזידענטן פון זייערע קברים, וואָלט עס דען געהאָלפן? די דייטשן האָבן דערקלערט קריג קעגן גאָטס באַשאַף. זיי האָבן צעבראָכן די לוחות. זיי האָבן געברענט אונדזערע שולן, חרוב געמאַכט להבדיל, קאַטוילישע קירכן. נו, ווען זיי זיך דערשרעקן פאַר דזשעפערסאָנס טראַק־טאַט וועגן מענטשלעכע רעכט!

די קוויאַווקער לאַנדסלייט, וואָס האָבן זיך נישט געהאַט באַגעגנט יאָרן, זיינען איצט געוואָרן נענטער איינער צום אַנדערן. דאָס יידישע אומגליק, די קאַטאַסטראָפע פונ׳ם פאָלק האָט זיי פאַראייניקט און געמאַכט זיי צאָרנגען איין צאָרן, שעלטן איין שונא. דער ערשטער האָט דער אויס־געפּאַשעטער מאָן מיטן פּנים אי פון א פאַרגעבער אי פון אַ שטראָפער, געזוכט אויסדרוק פאַר זיין אויפגעוועקטער לומדות. דער צווייטער האָט דער לאַנדסמאַנשאַפט־סעקרעטאַר געפונען פאַר נויטיק אַרויסצווייזן זיין שאַרפזין. אַ דריטער איז געווען גרייט צו לאָזן הערן קללות פון דער תוכחה. אַ פערטער האָט אַ פאַרביטערטער אויפן קול געוואָלט רעזיגנירן פון דער פאַרדאַרבענער וועלט. דער רויט־האָריקער פּרעזידענט, פּיניע הערץ, האָט מיט איין וויש איינגעשטילט אַלע זיינע לאַנדס־חכמים און אַליין זיך צערעדט ווי אַ פּרעדיקער:

—דאָס וואָרט איז אויסגעלאָשן! דאָס געטלעכע געבאָט איז אָפּגעווישט געוואָרן פאַר די דייטשן! ווי לאַנג טשווירטשיל האָט געהאָגלט מיט ביבלישע רעדעס און רוזוועלט האָט ציטירט די נביאים, האָבן די דייטשן אָפּגעהאַלטן איין נצחון נאָכן צווייטן. קיין פייערדיקע דרשות האָבן זיי נישט אָפּגעשטעלט. אַ האַלבע וועלט איז געלעגן צעטראָטן אונטער זייער שטיוול. אָבער, ווי נאָר אונדזערע עראָפּלאַנען האָבן גענומען שליידערן זייערע צינדר־באָמבעס, איז דייטשלאַנד חרוב געוואָרן ווי סדום ועמורה...

ביי ווינטערן האָט די צונג געבריט. ווו נעמט מען ווערטער אָפּצו־ענטפערן די מענטשן? זיינען זיי אָפּגעשלאָפן אַ ריפּ־וואַן־ווינקל־שלאָף? וועמען הייסן זיי ווייזן די אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע? די דייטשע הונען, וואָס האָבן געבראָכן די לוחות און דעם גאָט פון די לוחות געוואָרפן אויף אַ בראָט־פאַן? יעדעס אות אין דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע איז אַ שרייענדיקע ווידערשפּעניקונג צו די געזעצן פון דעם געצנדינערישן פאָלק, וואָס האָט געטראָגן אויף זיך די הערשאַפט פון גראָפן, פירשטן און הער־צאָגן! דער גאַנצער לעבנס־איינשטעל ביי די דייטשן איז אונטערטעניקייט, בלינדע געהאָרכזאַמקייט צום מאָנאַרך, צום קייזער, צום פירער, בעת די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען אויפגעקומען ווי אַ פרייע געמיינשאַפט פון ווילן און נישט ווי אַ געמיינשאַפט פון פאָלגן. אומאָפּהענגיקייט קעגן קנעכ־טישקייט. בירגער קעגן אַריסטאָקראַט. ציווילע פרייהייט קעגן שטאַט־אונטערריאַכונג.

ביי ווינטערן האָט דער מוח געאַרבעט פלינקער. היסטאָרישע טערמי־

נען זיינען דאָ נישט גילטיק. פאַרגלייכן פאַרלירן דעם האַפט. אַלץ איז אָפּגעלעבט. דזשעפּערסאָן איז אַלטמאָדיש. לינקאָלן איז אַלטמאָדיש. דער טראַקטאַט פון מענטשלעכע רעכט איז אַלטמאָדיש. הייננטצייטיק איז בלויז די צינד־באָמבע, וואָס פאַרברענט די וועלט.

ער האָט זיך אומגעקוקט אויפן עולם, וואָס שטייט אין דער שול אין הייפּלעך, אין רעדלעך און פאַרשוועכט די הייליקייט פון אָרט, אונ־טערשעצט דעם נויט־דרוף פון דער שעה. ער האָט פלינק זיך אַרויפגערוקט אויף די טרעפּ פון בעלעמער און שוין געוואָלט אַ קלאַפּ טאָן אין טיש, ער האָט אָבער זיך צוגעבויגן צום פּרעזידענט, וואָס איז געשטאַנען צווישן זיין עדה אַן אויפגעהייטערטער, אַ זעלבסטצופרידענער, און ער האָט הויך אין אים אַריינגערעדט:

— הערן, דאָס שושקעריי דאָ וועט צו גאָרנישט פירן... כ'זע, דער עולם נעמט די פאַרזאַמלונג צו געמיטלעך. נאָך אַ האַלבע שעה פּלוידעריי און מען וועט אַריינפאַלן אין אַ באַנקעט־שטימונג. און מיר מוזן פון עולם אַרויסשלאָגן די אַמוזירונגס־לוסט. מיר האָבן אַז אמת דורכצופירן, הערן! קיינע רעדעס! כ'וועל ווייזן דעם עולם ציפערן, טרוקענע, קאַלטע ציפערן. כ'האָב אַ גרויזאַמע סטאַטיסטיק פון דער יידן־אויסראָטונג... לאָמיר אָנ־הויבן דעם מיטינג.

דער פּרעזידענט, מיט אַ פייערלעכער מינע, האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ — אַ צייכן פון איינשטימיקייט און זיך אויך אַרויפגערוקט אויפן בעלעמער לעבן ווינטערן. אין איין אויגנבליק האָט אויף זיין קאָפּ זיך באַוויזן אַ סאַמעטענע יאַרמעלקע, אַרומגעזוימט מיט גאָלדענע פעדים. דאָס האָט ער געטאָן צוליבן כבוד פון דער שול. ער האָט אויך אָנגעטאָן אַ פּאָר דיקע, געשליפענע ברילן־גלעזער, אויפן ווונק צוגערופן דעם לאַנדס־מאַנשאַפט־סעקרעטאַר און אַריינגעשטעקט צווי פינגער אינעם שפּאַלט פון יענעמס גאָמבע:

— איר הערט מיסטער פּאַקס, דאָ איז נישט קיין פאַרוויילונגס־אָרט. לאָזט די לאַנדסלייט וויסן, אַז ס'איז אַ מקום קודש. דער ארון קודש קוקט אויף אונדז... און דער הייניטיקער מיטינג איז אַן אַנדערער סאָרט מיטינג. אַן עת צרה פאַר יידן. אַ חורבן פאַר קוויאַוועק... קיין כיבודים טיילן. אַרעם, רייך. דאָ זיינען אַלע די זעלבע מיוחסים — געשטראָפטע, געשלאָגענע קוויאַוועקער... הייסט דעם עולם זיך זעצן!

— ווער וועט פירן דעם מיטינג? — האָט מיסטער פּאַקס געפרעגט.

—איר וועט זיין טשערמאַן, איר'ט עפענען. דאָס איבעריקע לאָזט צו ברודער ווינטער.

מיט צוויי אויפגעהויבענע הענט האָט דער סעקרעטאַר זיך געריסט אַ וועג דורכן עולם. ער האָט געשפּאָלטן הייפּלעך, פאַנאַנדערגעטיילט רעד־לעך, איבערגעריסן שמועסן און מיט אַ רחמנות־פּנים זיך געבעטן:

— זעצט אייך, לאַנדסלייט. אַביסל מער ערנסט. אַביסל מער טרויער. ס'איז דאָ וואָס צו הערן פון קויאַוועק...

דעם סעקרעטאַרס ווערטער האָבן אָוועקגעזעצט דעם עולם אויף די בענק. געהאָרכזאַמע, אָנגעשטרענגטע, אויף די פּנימער פייערלעכע מינעס ווי פאַר אַ פאָרשטעלונג, האָבן אַלע געשיקט די בליקן צום בעלעמער.

דער סעקרעטאַר, דער שמאָלער, שפּיציקער מיסטער פאַקס, האָט מיט חשיבות זיך אַריינגעשטעלט צווישן דעם פרעזידענט מיסטער הערץ און ווינטערן. און אָפּוואַרטנדיק אַ שפּאַרע ווײַלע, האָט ער, אַרומנעמענדיק דעם עולם מיט זיינע בליקן, געלאָזט פאַלן איבער דער שול אַ צעצויגן, איינטאָניק קול:

— מיסטער פרעזידענט, מיסטער ערן־פרעזידענט, ברידער און שוועסטער פון קויאַוועק — — —

ווינטער האָט נישט פאַרטראָגן דעם סעקרעטאַרס אויסגעצויגנקייט, דעם לאַנגווייליקן, אויסגעדראָשענעם מיטינג־טאָן, און ער האָט לייכט אַ צופּ געטאָן דעם פרעזידענט. דער צופּ האָט פאַר דעם רויט־האָריקן מיסטער הערץ געהאַט אַ מיין און ער האָט אַ שטורקע געגעבן דעם שמאָלן, שפּיציקן מיסטער פאַקס, וואָס דאַרף זיך ערשט לערנען צו ווערן אַ קהל־מענטש. דער שטורכע איז באַגלייט געווען מיט אַ שעפּטשענדיקן פאַרוורף:

— כ'האָב אייך געזאָגט, מיסטער פאַקס, דאָס איז אַן אַנדערער סאָרט מיטינג... זייט מער דראַמאַטיש... איר קאָמעדיאַנטעוועט!

דער סעקרעטאַר האָט, אַ צעטומלטער, אַ קוק געטאָן אויף ווינטערן, ווי ער וואָלט געזוכט זיין באַשטעטיקונג אויף דעם פרעזידענטס פאַרוורף. ער האָט אַ בלאַסער און געקרענקטער, ווי מען וואָלט איבערגעוואָלט אויף אים אַרויפגעלייגט דעם אַמט צו זיין אַ וויסטער בשורה־אָנזאָגער, זיך הויך צעשריען:

— ברידער און שוועסטער פון קויאַוועק! אַ גרויסער חורבן איז געקומען אויף אונדזער היים־שטאָט. דאָס אָרט, פון וואַנען מיר אַלע שטאַמען, איז אויסגערויבערט געוואָרן, די איינוווינער — אומגעבראַכט. אָבער דאָס יידישע אומגליק איז אין לשער... פון די פופצן טויזנט לעבעדיקע יידן דאָרט, זיינען געבליבן הונדערט און זיבן, און אָט דאָס איבערגעבליבענע הייפל שרייט צו אונדז נאָך הילף, נאָך באַלדיקער הילף...

דער פרעזידענט האָט אָפּגעשטעלט מיסטער פאַקסן, אַליין גענומען דאָס וואָרט און אָנגעהויבן אַרויסלייענען פון פּאַפּיר:

— ברידער און שוועסטער! דאָס געשריי נאָך הילף מוז דערהערט ווערן! מיר האָבן די ליסטע מיט די נעמען פון די הונדערט און זיבן לעבן־געבליבענע. אַלע איבעריקע יידן פון קויאַוועק זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך אַלערליי אויסטערלישע טויטן. זיי זיינען נישט אומגעקו־

מען איינציקווייז, נאָר אין מאַסן־ליקווידאַציעס און אין ברודער־קברים. אַז אויסנאַם האָבן די דייטשן געמאַכט מיט אַ פּאָר געקליבענע שטאָט־טאַטעס. זיי זיינען געטויט געוואָרן ווי אויסדערוויילטע יחידים, איינס ביי איינס...

דער פּרעזידענט האָט אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע דאָס לייענען, אויפגעכאַפּט פון די פאָדערשטע בענק אַ ווײַבערישן שלוכצן און ווייטער געלאָזט הערן:

— ווי נאָר דער דייטש האָט פאַרנומען די שטאָט, האָט מען אַרויס־געפירט אויפן „גרינעם מארק" די יידישע פּני, דריי אַנגעזעענע באַלע־באַטים: נפתלי געווירץ, דעם טריקאָטאַזש־סוחר און פּרעזעס פון דער חברה קדישא, האָבן זיי אויפגעהאַנגען...משה אהרן לובינסקי, דעם דאָזאָר פון דער נייער שול, האָט מען פאַר די אויגן פון זיין משפחה פאַרברענט... חיים לייב באַנעצקי, דער דירעקטאָר פון יידישן שפּיטאָל, איז באַגראָבן געוואָרן לעבעדיקערהייט...

דער פּרעזידענט האָט ווידעראַמאָל אויפגעהערט לייענען. זיינע אַרויסגעלייענטע ווערטער: אויפגעהאַנגען, פאַרברענט, לעבעדיקערהייט באַ־גראָבן — האָבן מיט אַ ווייסטן ווידערהילך זיך געטראָגן איבער דער שול. ער האָט מיט אַ שטילן זיפץ אַראָפּגענומען זיינע אויגן־גלעזער, גוט זיי איבערגעווישט, און שיקנדיק אַ פּאָר טרויעריקע בליקן צו ווינטערן, גע־לאָזט דעם עולם וויסן:

— אונדזער ברודער ווינטער וועט זאָגן אַ פּאָר ווערטער.

ווינטער האָט אַ קוק געטאָן הינטערוויילעכץ אויפן ארון קודש און אומרואיק אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויפן בעלעמער. אויף אים זיינען געווען אָנגעשטעלט אָפענע מיילער, שטאַרע אויגן, אָנגעשפּיצטע אויערן. ער איז גרייט געווען אויסצולאָדענען פון זיך אַ מבול רייד, פליִיצן מיט ווערטער־שטראָמען, אָבער אין זיין קול האָט זיך עפּעס פאַרהאַקט. די צונג האָט נישט געפאָלגט, וואָס דער מוח האָט רעגיסטרירט. ער האָט אַ ווײַלע אָפּגעוואַרט און שטיל אָנגעהויבן:

— מיר וועלן פאַרטרונקען פון ווערטער. ביי די קרבנות האָבן די רוצחים דערשטיקט די ווערטער, דערשטיקט זייערע הימל־געשרייען, וואָס האָבן זיך געריסן צו אונדז. און מיר דאַרפן נישט פאַרשווענכן זייער זייליק טויט־שווייגן מיט ווערטער. ווערטער זיינען פילדערנדיקע קלאַנ־גען. ווערטער זיינען אַן אָפּנאַרעריי, אַ דעקטוך פאַר אונדזער פּאַסיוויטעט. לאָמיר פאַרגעסן די ווערטער און אָנהויבן די טאַטן. אין דער מאָס ווי ס'איז גרויס דאָס אומגליק, אין אַט דער מאָס דאַרף קומען די הילף. אויף יעדן איינעם פון אונדז ליגט אַ שווערער חוב. מיטן אָפּצאָלן דעם חוב פירן מיר אויס נישט בלויז אַ משפחה־פליכט, נאָר אויך אַ נאַציאָנאַל געבאָט — — —

ווינטער האָט אַרויפגערוקט זיין הוט העכער איבערן שטערן, אַ מידער געווישט די אויפגעיוירענע טראָפּנס שווייס, און גערעדט:

— מיר האָבן סטאַטיסטיק פון דער פאַרניכטונג פון קויאַוועק. דאָס זיינען קאַלטע ציפערן, גרויזאַמע ציפערן, וואָס דערציילן מער, ווי מתנות לעבעדיקע עדות. צו אונדז איז אָנגעקומען אַ בריוו פון די הונדערט און זיבן אַנטרונענע. דער בריוו איז בלויז אַ בלעטל אין דער מגילה פון יסורים. יעדער איינער פון אייך מוז אַליין דורכלייענען דעם בריוו, דורכלייענען און אויפציטערן ביז צום מאַרך. דאָס איז אַ שריפט פון גרויל און שוידער. כ'וויל זיך אָבער אָפּשטעלן אויף איין שטעלע, ווו בונעם ווייגשעל, אַן אַנטרונענער פון די הונדערט און זיבן, באַשרייבט דעם טויטמאַרש פון די קויאַוועקער יידן...

ווינטער האָט צעלייגט איבערן בעלעמער אַ שטויס פּאַפּיר־בייגעלעך, איבערגעמישט זיי, אַרויסגעשלעפּט איינס און עס צוגעטראָגן נאָענט צו די אויגן:

„— — — גאַנץ פרי האָט מען די יידן — פרויען, קינדער, זקנים — געטריבן הינטער דער שטאָט, צו די אָפענע פעלדער.

„געאַרעמטע זיינען גאַנצע משפחות געגאַנגען זייער לעצטן וועג. ס'האָבן זיך געהערט יאָושדיקע אויסרופן: יידן, לאָמיר גיין שטאַרבן... הינטער דער מחנה פון פרויען און קינדער, וואָס זיינען געטריבן געוואָרן פון באַוואָפנטע שוץ־שטאַפּל־רוצחים, איז אויך געגאַנגען מיין פרוי רחל מיט איר צוויי־יאָריק קינד ליבעלע...

„די מאַמע האָט נישט געוואָלט איר קינד צו דער עקידה פירן און געבליבן הינטערשטעליק. זי איז געפאַלן צו די פיס פון דעם ערשטן שוץ־שטאַפּל־מאַן מיט אַ געבעט, ער זאָל זי אַרויסלאָזן פון דער ריי. זי האָט געיאָמערט, צוגעזאָגט דעם רוצח גאָלד, צירונג. דער קאַלטער מערדער האָט נישט געלאָזט צו זיך רעדן. „לאָס! לאָס!" — האָט ער געשריען, און אַ האַגל מיט קלעפּ איז געפאַלן איבערן קאָפּ פון דער קלאָגעדיקער מאַמע...

„די מחנה יידן האָבן זיך דערנענטערט צו די פעלדער. די אָפענע קברים האָבן געוואַרט אויף זיי. „לאָס! לאָס!"... מיט געוואַלד האָט מען אַראָפּגעריסן פון זיי די קליידער. די מאַשין־ביקסן האָבן געקנאַקט, געשאָסן אין די נאַקעט. איינער נאָכן אַנדערן זיינען די קרבנות געפאַלן אין די קברים. עס איז אויך געפאַלן מיין פרוי רחל...

„אָבער אויפן ראַנד פון מאַסן־קבר איז געבליבן זיצן אונדזער איינזאַם קינד ליבעלע. אַ תמימותדיק קינד, אַ קינד — אַ מלאך, אַ קינד מיט גרויסע אויפגעריסענע אויגן, וואָס מאָנט גאַרנישט ביי דער וועלט... דער דייטש, וואָס איז געווען איינגעטונקען אין דער מאַמעס בלוט, האָט נישט געוואָגט צו דערשיסן ליבעלען...

„עס איז פאַרביי אַ שעה, צוויי שעה, דריי שעה און דאָס קינד איז געזעסן ביים ראַנד פון מאַסן־קבר און געוואַרט, אַז די מאַמע זאָל צו אים ארויסקומען פון צווישן די קנוילן מענטשלעכע לייבער. לייבעלע וואָלט אַזוי געזעסן און געוואַרט אַ טאָג מיט אַ נאַכט. אָבער דאָ איז אָנגעקומען אַן אַנדערער דייטש, אַ דרייסטער, אַ געוואַגטער, אַ דייטש מיט דיס־ציפּלין — ביי אים האָט די האַנט נישט געציטערט. ער האָט אָנגעצילט זיין רעוואָלווער און געמאַכט אַ סוף צו לייבעלעס לעבן.

„מענטשן, פאַרגעסט אייער שמייכל אויף אייביק און פאַרגעסט אייער נאָמען מענטש, אויב מיטן נאָמען מענטש האָט זיך גערופן דער רוצח, וואָס האָט אויסגעשאָסן אונדזערע אומשולדיקע קינדער — — —"

V

ווינטער איז אַנטשוויגן געוואָרן. איבער דער שול האָבן זיך געטראָגן זיפצן, ספּאַזמאַטישע שלוכצן, דערנאָך אַן אויסברוך פון געיאָמער. עס האָבן געוויינט נישט בלויז פרויען, נאָר אויך מענער. דאָס געוויין איז געווען שטיל, איינגעהאַלטן, ווי דאָס קלאָגן איבער קינות. ווינטער האָט חרטה געהאַט, צו וואָס ער האָט אַרויסגעלייענט אַ שטיק בריוו. ער האָט דאָך אַליין צוגעזאָגט אויסצומיידן ווערטער, און דער טרויעריקסטער בריוו איז אַ צונויפקלייב פון ווערטער, מרה־שחורה'דיקע ווערטער. אַזוינע ווער־טער קענען רירן שטיינער, ווייך מאַכן הערצער, אָבער זיי פירן צו דער־שלאָגנקייט, צו צעקראָכנקייט, ווען עס פאָדערט זיך שטייפקייט, האַסטיקע האַנדלונג.

ווינטערס געדאַנקען האָבן געבלאָנקעט איבער דער שול, געצונדן די לופט מיט מאַגנעטישע פונקען, — קענטיק אָנגעשטעקט די מוחות פון עולם, ווייל פון דער דריטער באַנק איז אַפיר אַ דיקלעכער לאַנדסמאַן, אַ געלאַסענער, אַ מיושבדיקער. ער האָט אויפגעהויבן זיין וויַיז־פינגער צום טשערמאַן:

— כ'וויל מאַכן אַ „מאָושען", כ'מיין אַ פאָרשלאָג. לאָמיר גלייך צוטרעטן צו האַנדלונגען. לאָמיר זאַמלען צען טויזנט דאָלער פאַר די נויטבאַדערפטיקע!

— צען טויזנט? — האָט אַ צווייטער לאַנדסמאַן, אַן אויפגערעג־טער איבערגעשלאָגן און זיך אַרויסגערוקט פון דער הינטערשטער באַנק — דאָס וועט זיין אַ בזיון פאַר אונדזערע געפּלאָגטע ברידער. מען מוז האָבן געלט, מיט וואָס די קרבנות צו העלפן. פינף און צוואַנציק טויזנט איז נישט צופיל פאַר דער קוויאָוקער לאַנדסמאַנשאַפט!

— ווייניק! — האָט אַ שלוכצנדיקע פרוי מיטן אויסקוק פון אַ היי־

מישער צדקה־טוערן, וואָס האָט ערשט אויסגעווישט אירע טרערן, פּראָ־טעסטירט — איך הייס זאַמלען דרייסיק טויזנט! מיט די ערשטע צען טויזנט קען מען שטילן זייער הונגער, באַזאָרגן זיי מיט אַ מלבוש. און דאָס איבעריקע — אויף שיפס־קאַרטן. מער טאָר זיי נישט לאָזן דאָרט אויסגיין!

— איך וועל גיין נאָך ווייטער — האָט זיך געהערט אַ מונטער קול פון אַן עלטערן ייד מיט אַ צעקאַרבט, פאַרעקשנט פּנים — זאָל זיין גאַנצע פופציק טויזנט! דאָס בלוט פון אונדזערע געשטאַרבענע ברידער שרייט נאָך אויסלייזונג פון די לעבעדיקע ברידער. דאָס איז פּדיון שבויים. מיר אַלע האָבן מיטגעלייענט דאָס שטיק בריוו פון די הונדערט און זיבן, געהערט דאָס געוויין פון די אומשולדיקע, אויסגעשאָסענע קינדער... לאָמיר ווייזן אונדזערע געפּייניקטע ברידער, אַז עס קלאַפּט אין אונדז אַ יידישער אָדער!

די אָנבאָטן, די פאַרשלאָגן האָבן אָנגעצונדן דעם עולם. די אָפּרופן האָבן אויסגעלופטערט די מרה־שחורה, וואָס איז מיט אַ ווײַלע צוריק גע־האָנגען איבער דער שול. אויף די פאַרטרערטע פּנימער זיינען אויפגע־גאַנגען שטרייפן פרייד, — פרייד, וואָס אַ יידישע קישקע לאָזט זיך גאָר נישט אָפּשאַצן, — וואָס די קויאַוועקער זיינען אַזוי אָפּפערוויליק, זיינען גרייט זיך צו טיילן מיטן לעצטן העמד.

דער פּרעזידענט האָט געלאָזן און מיט פאַרדאַכט געמאָסטן דעם הויכן גראַד באַגייסטערונג ביים עולם, ווי מען מעסט די וועטער־טעמ־פּעראַטור אין אַ הייס־געוואָרענעם ווינטער־טאָג. ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין בעלעמער:

— קויאַוועקער לאַנדסלייט! צופיל באַגייסטערונג הערשט דאָ. אַביסל ניכטערקייט וועט נישט שאַדן. פאַרשלאָגן האָבן מיר שוין צופיל... לאָ־מיר זען די רעזולטאַטן. כ'וועל איצט אויסרופן די נעמען פון די מיט־גלידער אין דער לאַנדסמאַנשאַפט און זאָל יעדער איינער ביישטייערן צום רעטונגס־פאָנד: כ'וועל רופן די נעמען לויטן אלף־בית.

דער פּרעזידענט האָט ווידעראַמאָל אָנגעטאָן זיינע אויגן־גלעזער. זיין ברייטע, פולע פיגור פון היפּשן געוויכט האָט ער מיט חשיבות אַרויס־געדרוקט אין פראָנט און געגומען הויך אויסרופן:

— יעקב דזשעק איינבינדער פון 285 קלינטאָן סטריט, מה יקר חסדו? וויפל באַשטייערט איר זיך?

דער אַרויסגערופענער, אַ מיטליאַריקער ייד, האָט אַ צעטומלטער זיך אויפגעשטעלט, ער האָט באַלד דערשפּירט דעם ברי פון אַלעמענס בליקן, און צוריקזעצנדיק זיך, פלינק אָפּגעענטפערט:

— הונדערט טאָלער!

— הונדערט טאַלער! — האָט דעם פּרעזידענטס ברייטע שטים איבערגעחזרט — יעקב דזשעק איינבינדער גיט הונדערט טאַלער.
דער סעקרעטאַר, וואָס איז אויך געווען טשערמאַן, האָט פאַרצייכנט די סומע אויף אַ בויגן פּאַפּיר.
דער פּרעזידענט, אַן אויפגעהייטערטער, האָט ווייטער אויסגערופן:
— גאַדל דזשערי בריענער פון 35 העסטער סטריט. וויפל?
— הונדערט און פינף און צוואַנציק טאַלער! — איז געקומען אַ האַסטיקער ענטפער.
— הונדערט און פינף און צוואַנציק! — האָט דאָס ווידערקול אָפּגעהילכט און דער אָפּהילך איז אַרויף אויפן פּאַפּיר מיט אויסגעצירקלטע ציפערן.
— ישראל איזי גאַרפינקעל?
— הונדערט און פופציק!
— אברהם אייבי דאָרן?
— הונדערט און פינף און זיבעציק!
די צאָל נעמען איז געוואַקסן. די סומעס זיינען געשטיגן. דער פּרעזידענט, אויפגעהייטערט נאָך יעדער נייער באַשטייערונג, האָט זיך צעגאַרטלט און אויסגעשריען די סומע מיט אַזאַ ברען, ווי עס טוט דער אויסרופער אויף אַ ליציטאַציע.
דער עולם האָט באַגלייט יעדן אַרויסגערופענעם מיט אַ פריידיקן זיפץ. דער שמאָלער, רירעוודיקער סעקרעטאַר האָט גענוי געפירט די בוכהאַלטעריע, און ווינטער, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן בעלעמער, איז מיטאַמאָל געוואָרן טרויעריק. ער האָט געהערט. ווי די ביישטייערונגען טאַפּלען זיך. אַ סומע לייגט זיך אויף אַ סומע. הונדערט טאַלער, הונדערט און פופציק, הונדערט פינף און זיבעציק. ס'האַלט שוין ביי דריי טויזנט. ער וועט צולייגן זיינע פינף הונדערט. עס וועלן אויסוואַקסן זעקס טויזנט, ס'וועט דערגרייכן ביז אַכט טויזנט, — איז וואָס? בלויז איין עמער וואַסער צו לעשן די שרפה אין קויאַוועק.
ווינטער האָט נישט באַשולדיקט די לאַנדסלייט אין קאַרגשאַפט. דער עולם איז ברייטהאַרציק, גיט וויפל ער קען. עס איז די אָרעמקייט, צו וועלכער מען האָט זיך דערשלאָגן נאָך אַזוי פיל יאָרן אינעם לאַנד פון גאָלדענע געלעגנהייטן. ער האָט אַ זאָג געטאָן צו הערצן:
— שלעכט. קויאַוועקער לאַנדסלייט זיינען קבצנים.
דער היפּשלעך־וואַגיקער מיסטער הערץ האָט אויפגעכאַפּט דעם זאָג און מיט מער היץ גענומען אויפרופן די נעמען, אויסשרייען די סומען, ווי וועלנדיק דערמיט ווייזן ווינטערן, אַז ער שאַצט אונטער די לאַנדסלייט. ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און די ליסטע מיט נעמען האָט זיך אויסגעלאָזט. דער פּרעזידענט האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן בויגן פּאַפּיר, ווו

דער סעקרעטאַר האָט געהאַט אונטערגעצויגן די טאַטאַלע סומע. אַ פּאָר־שעמעדיקע האָט ער אַנגעקוקט ווינטערן. זיין קוק האָט געמיינט צו באַ־שטעטיקן:

— גערעכט, ווינטער. די מנדבים זיינען קבצנים.

ער האָט באַלד גענומען אַ שטייפן טאָן:

— ברידער און שוועסטער! די ליסטע איז אויסגעשעפּט. אונדזער רעטונגס־פאָנד באַשטייט פון ניין טויזנט, אַכט הונדערט און פינף און זעכציק דאָלער.

דער עולם האָט זיך איבערגעקוקט און געשוויגן. אין דעם שווייגן איז געווען בושה, שפלות, כאָטש יעדער איינער איז געווען זיכער, אַז ער האָט געגעבן איבער די כוחות. פאַרשעמטע, וואָס זיי קענען נישט האַלטן דעם צוזאָג, וואָס זיי זיינען אַזוי הינטערשטעליק, האָבן די לאַנדס־לייט אַנגעהאַנגען זייערע פאַרלוירענע בליקן אויפן בעלעמער.

ווינטער האָט אויפגעכאַפּט די בליקן און נישט שלום געמאַכט מיט דער אָרעמקייט. פופציק טויזנט איז דער ציל און ביי צען טויזנט טאָר מען נישט שטיין בלייבן. ער האָט זיך דערמאָנט אַן דעם חלום. הונ־דערט און זיבן זיינען געשטאַנען ביי זיין ווייכן געלעגער אין ניו־יאָרק, ווי יעקב פאַר זיין שטיינער־געלעגער אין בית־אל... יעקב האָט געבעטן ברויט און אַ קלייד, און זיי פאָדערן מער, זיי פאָדערן צוריקצוקריגן דעם אָטעם פון לעבן.

ווינטער האָט געקוקט צום עולם. ווו זיינען אַהינגעקומען די איינ־ווינער, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דער שטאָט, וואָס איז די רייכסטע צווישן די שטעט? איז דאָס די שטאָט פון טרייסט צי די שטאָט פון צאָרן? דער נביא האָט אָנגערופן די פאַראָרעמטע ירושלים: די שטאָט פון טרייסט און די הונדערט און זיבן געפּייניקטע יידן רופן דעם רייכן כרך: די שטאָט פון צאָרן.

ווינטער האָט זיך געגריזשעט, פון קרענקונג געביסן די ליפּן און געזען די אייגענע פאַרלוירנקייט. געקומען אַהער איז ער מיט אַ האַסטיקן באַשלוס נאָך האַנדלונגען, און איצט איז ער אין פאַרלעגנהייט. איז עס זיין שולד, אַז דער עולם איז אָרעם? ער האָט געקוקט אויף די באַרמ־האַרציקע לאַנדסלייט, וואָס האָבן אַנגעפּאַקט דאָס שולעכל. אַלע האָבן גע־שוויגן. אויף זייערע פּנימער איז געלעגן אַ דערשלאָגנקייט. פון די אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ פאַרלוירנקייט — די פאַרלוירנקייט פון אַ צעשראָ־קענער עדה, וואָס ווייסט נישט קיין אויסוועג.

און אינמיטן דער צעשראָקנקייט און שטילשווייגן האָט מיטאַמאָל פון דער הינטערשטער באַנק, נאָענט צום אַרויסגאַנג, זיך געטראָגן אַ שושקעריי, ווי מען וואָלט זיך דאָרט געאַמפּערט. סיי ווינטער, סיי העריץ האָבן געשיקט זייערע בליקן צו דער טיר־באַנק און באַמערקט ווי צוויי

לאנדסלייט שטרייטן. איינער א מאגערער, מיט א רבניש בערדל, האט געשטויסן זיין באנק־שכן, א מאן מיט א מילכיק, ווייבעריש פנים, גע־שלעפט אים ביים ארבל און געליארעמט:

— ארויסזאגן זיך מעגט איר דאך! מען וועט אייך אויסהערן!

און אז יענער האט געשוויגן, האט דער מאגערער ייד זיך אויפ־געשטעלט און געמאלדן:

— ברודער גבריאל הירש האט עפעס צו זאגן!

דער סעקרעטאר האט געכאפט א פארכטיקן קוק הינטערוויילעכץ אויפן ארון־קודש, דערנאך איינגעהאלטן א קלאפ געטאן מיט זיין הילצערן העמערל:

— ער וויל מאכן א פארשלאג — האט דער ייד מיטן רבנישן בערדל געערדט פאר הירשן.

— אז ברודער הירש וויל מאכן א פארשלאג, איז דער מיטינג זייר נער! — האט דער טשערמאן אפגעענטפערט — ברודער גבריאל הירש, די לאנדסלייט ווילן אייך הערן!

דער ייד מיטן רבנישן בערדל האט זיין באנק־שכן ווייטער געשטור־כעט און אויפגעמונטערט:

— רעדט זיך ארויס, הירש! ס'קוקט גארנישט אויס אזוי משוגע, ווי עס דאכט זיך אייך...

הירש האט זיך שווער אויפגעהויבן, צוערשט געכאפט א קוק אויף רעכטס, דערנאך אויף לינקס, און מיט א פנים פול קווינקלעניש אנ־געהויבן:

— ברידער און שוועסטער! ס'וועט קלינגען אויסטערליש. אבער עס איז אן איינפאל. כ'זע דאך, אז מען קוועלט זיך. ס'פעלט געלט, און די מצווה פון פדיון־שבויים איז גרויס.. איז מיר געקומען אויפן געדאנק, אז די פליכט אויסצולייזן אונדזערע קויאווקער פליטים באלאנגט נישט בלויז צו יעדן ייד, נאר אויך א גוי, א קויאווקער מעג צולייגן א האנט...

הירש האט אפגעהוסט, נישט געלייגט קיין אכט, וואס דער עולם קוקט פארחידושט, און ווייטער געערדט:

— א סך פון אונדז געדענקען דאך וואציעק זשעמיאנסקין, דעם וועכטער פון פשעפיורקעס מילן. דאס איז געווען דער גרעסטער שונא ישראל אין קויאווע. מען האט אים גערופן „דיאבעלסקי וואציעק", דער טייוולישער וואציעק... האט א ייד זיך ארויסגעדרייט פון גיין דינען פארן צאר — זשעמיאנסקי האט אים געמסרט. האט א יידישער שמוגלער פרו־בירט אריינמולכן איבער דאנציק נאך פרייסן אביסל פעל — זשעמיאנסקי האט עם אונטערגעטראגן די רוסישע סטראזשניקעס... ער האט אפילו איינמאל מיט נאך עטלעכע כוליגאנעס צוגעגרייט א בלוט־בלבול פונקט אויף ערב־פסח... ער איז געווען נישט בלויז א רשע, א מסור, נאר אויך א

גנב... ער האָט אָבער געהאַט מזל. מען האָט אים קיינמאָל נישט געכאַפּט... יאָרן־לאַנג האָט ער באַגנבעט דעם אייגענעם באַלעבאָס, דעם מילנער, און דער פאַרדאַכט איז שטענדיק געפאַלן אויף אַנדערע, זייטיקע... האַרט פאַר דיער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט ער זיך פאַרמאָסטן גרויס. ער האָט אַרויסגעפירט פון די מילן תבואות אויף צענדליקער טויזנטער רובל. דאָס מאָל איז ער געכאַפּט געוואָרן. דער באַגנבעטער מילנער האָט אים געשטעלט צום געריכט. אָבער איידער וואָס ווען — זשעמיאַנסקי האָט אָפּגעצויגן און אַנטלאָפן נאָך אַמעריקע... דאָ, אין אַמעריקע, האָט דאָס טריפהנע מזל אים ווייטער געדינט. ער איז גלייך אַוועק אין דער וועסט, מיט דעם אָנגעגנבעטן געלט געקויפט לאַנד און איז געוואָרן אַ „קעטל־רעדנדזשער", גענומען האָדעווען בהמות... מיטאָמאָל האָט מען אַנטדעקט אויף זיין ערד אויל. פּעטן, טריפנדיקן אויל.. און זשעמיאַנסקי איז אי־בערנאַכט געוואָרן רייך, שטיין־רייך... רייך ווי רייך, אָבער דער גוי איז אונדז אַ בעל חוב. ער איז דער שטאָט קויאַוועק אַ בעל חוב... ער איז גע־קומען נאָך אַמעריקע מיט דריי און דרייסיק יאָר צוריק. איצט, מיט דריי און דרייסיק יאָר שפּעטער, איז ער עלטער, סטאַטעטשנער, מעסיקער און אפשר אויך אַ בעל תשובה.. דער פּשוטער שכל לערנט, אַז אויב מיט דריי און דרייסיק יאָר צוריק האָט ער געפּייניקט יידן, דאַרף ער איצט, נאָכן אומגליק, וואָס איז געקומען אויף זיין שטאָט, אויף זיין קויאַוועק — העלפן די קרבנות... לאָמיר שיקן צו אים אַ דעלעגאַציע... ער קען גוט מאַכן דעם באַלאַנס, וואָס פעלט צום רעטונגס־פאָנד... לאָמיר אויפמאָ־נען דעם חוב, אויפמאָנען זיין חלק פאַר די לעבן־געבליבענע פון קויאַוועק...

אַז הירש האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט, איז דער עולם געבליבן פאַר־גאַפט און געהויבן מיט די פּלייצעס. דאָס שווייגן האָט לאַנג נישט גע־דויערט. דער ערשטער איז אויפגעשפּרונגען אַ צעקאָכטער לאַנדסמאַן, אַ כעסן און אויסגעשטרעקט זיין וויַיז־פינגער צום בעלעמער:

—ס'איז שגעון! אַ ריינער שגעון!

— נישט בלויז אַ שגעון, נאָר ס'איז אַ חילול־השם צו בעטן הילף ביי אַ שונא ישראל! — האָט אַ צווייטער לאַנדסמאַן, אַנגעכמורעט, באַ־ליידיקט פונעם פאָרשלאָג, אונטערגעהאַלטן.

אַ ברייטער מאַן מיט אַ גרויסן קאָפּ, אָנגעבלאָזן ווי אַ וואַסער־אַר־בוז, האָט אויפן קול זיך צעלאַכט מיט זיינע רויטע, אָנגעפּאָמפּעטע ליפּן:

— הירש תם! אין קויאַוועק איז יער געווען אַ מלמד און אין אַמע־ריקע איז ער געבליבן אַ מלמד!

דער עולם האָט איצט הויך זיך איבערגערעדט, געשפּאַסט, און נישט באַנומען ווי־נאָך אַ מענטש קען איינפאַלן אַזאַ אויסטערלישער פּלאַן. קיינער איז נישט גרייט געווען גוטצוהייסן דעם פאָרשלאָג. אַלע האָבן איינגעשטימט, אַז דער איינפאַל איז אומזין, הוילער אומזין.

אינעם געפּילדער האָבן זיך געהערט אויסרופן:

— זאָל נאָר אַ דעלעגאַציע וואַגן צוצוקומען צו זיינע גיטער!

— אַז ער האָט אין קויאַוועק געקענט אַנרייצן הינט אויף יידישע קינדער, וועט ער דאָ אויף אונדז אַנרייצן וועלף.

— נישטאָ קיין וועלף אין טעקסאַס!

— וועט ער אַניאָגן זיינע ווילדע אָקסן!

— דער רשע וועט קיינעם נישט אַריבערלאָזן אויף זיין שוועל!

— קויאַוועק איז פאַר אים אַ מיאוסע פאַרגאַנגענהייט!

— דער שונא־ישראל שעמט זיך מיט זיין פאַרגאַנגענהייט!

דער ברייטער מאַן מיט דעם גרויסן אָנגעבלאָזענעם קאָפּ ווי אַ וואַסער־אַרבוז, האָט גענומען דעם עולם אויף זיכער און טריומפירנדיק הויך געפּסקנט:

— דורכגעפאַלן! מען קען אָן אָפּשטימונג זאָגן, אַז דער פאָרשלאַג איז דורכגעפאַלן!

אינעם טומל, אינעם רויש פון די פּילדערנדיקע קולות, איז ווינטער געבליבן שטיין אַ קאַלטער און אַ ניכטערער. ער איז נישט מיטגעריסן געוואָרן פון די געשרייען, וואָס האָבן פאַרוואָרפן הירש׳ס פאָרשלאַג. צוערשט האָט ער זיך געקווענקלט, דערנאָך איז די קווענקלעניש אַריבער געגאַנגען אין אַ קעגנערשאַפט. ווער זאָגט, אַז דער פאָרשלאַג איז דורכגעפאַלן? הירש מעג טאַקע אויסקוקן ווי אַ תם, אָבער זיין מיינונג איז אַן אַרויספאָדערונג. ער האָט בלויז דערזאָגט. זיין טענה איז נישט אויסגעשעפּט. נישט נאָר דער גוי זשעמיאַנסקי איז אַ בעל־חוב, נאָר די גאַנצע גויאישע וועלט איז אונדז שולדיק אַ חוב. שולדיק פאַר דער גלייכגילטיקייט, ווען די קאַלד־אויוונס אין פּוילן האָבן געברענט; שולדיק פאַר דעם שטילשווייגן, ווען מיליאָנען יידן זיינען געפירט געוואָרן צו אויסראָטונג. און אויב די גאַנצע וועלט איז געווען גלייכגילטיק און מיטשולדיק, דאַרף קומען דער מאַנער, דער יידישער מאַנער און זיך שטעלן ווי אַן אַנקלאַגער.

ווינטער האָט געקוקט אויף די פאַרפולטע בענק. אין דער געדיכטעניש האָט ער צוריק געפונען זיין ווייב, זיין זון. זיי זיינען, פּונקט ווי דער עולם אַרום, געווען פול מיט קווענקלעניש, געגאַפט, געוואַרט אויף זיין באַשלוס. וואָס האָט ער היינט דעם זון געזאָגט? דער טעווטאָן איז אַ פאַרוואַנדלונג פונעם באַרבאַר, דער באַרבאַר איז אַן אָפּשטאַם פון קינען. מיליאָנען קינס פאַרפלייצן די ערד און טראָגן אין זיך כוחות פון צעשטערונג. און מיר יידן זיינען דער הבל צווישן די קינס.

ווינטער האָט ווידעראַמאָל אַ קוק געטאָן אויפן עולם. ער האָט אָפּגעמאָסטן מיט זיין בליק רעכטס — דעם רויט־האַריקן, היפּש־וואַגיקן פּרעזידענט, לינקס — דעם רירעוודיקן, מאָגערן סעקרעטאַר. ביידע זיינען גע־

שטאַנען געשפּאַנטע, אין פאַרלעגנהייט געוואַרט, ער זאָל איבערייסן דאָס שווייגן.

די שטילקייט אַרום האָט געבריט. ווינטער האָט געשפּירט הינטער זיך אַ וואַנט מיט אַ פּייערדיקן שויתי, איבער דער וואַנט — דאָס פּרוכת, הינטער דעם פּרוכת — דאָס ארון קודש, הינטער די טירלעך פון ארון־קודש — די לוחות. אַ פאַרכטיקייט האָט אים אַרומגענומען. ער האָט זיך צעשאָקלט, ווי ער וואָלט געהאַלטן ביים זאָגן אַ ימים נוראים׳דיקע תפילה. און מיט אַ ציטערנדיקן קול אָנגעהויבן:

— הירש, ברודער הירש איז גערעכט! זיין פאָרשלאָג איז אָנגענומען. מיר וועלן שיקן אַ דעלעגאַציע צום רייכן זשעמיאַנסקי און אויפמאָנען זיין ביישטייערונג און זשעמיאַנסקי וועט צאָלן זיין חוב, ווי ער וואָלט באַדאַרפט צאָלן פאַר זיינע באַגאַנגענע פאַרברעכנס. די ערד איז פאַר־פלייצט מיט מיליאָנען קינס, וואָס טראָגן אין זיך כוחות פון צעשטערונג. מיר יידן זיינען דער הבל צווישן די קינס... פון דאַניען, פון דער קליי־נער שול גייט הבל אַרויס מאָנען זיין חוב ביי קינען... זשעמיאַנסקי דער מסור, דער גנב, דער שונא־ישראל איז אַ קליינער בעל חוב, אָבער זיין חוב איז אַ בלוטיקער... זיין שטאָט קויאַוועק איז פאַרוויסט, זיינע יידן זיינען פאַרטיליקט. זאָל אַט דער קליינער קין אָנהויבן אָפּצאָלן זיין חלק. זאָל ער אויסקויפן זיך, ריינוואַשן זיך, באַשטעטיקן, אַז ס׳וועט נישט פאַרגעבן ווערן און ס׳וועט נישט פאַרגעסן ווערן די רציחה, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן אַן אַלט, געפּייניקט פאָלק.

דער עולם אין שול האָט אויפגעציטערט. די פריערדיקע געפאַלנקייט, וואָס מען קען נישט גענוג העלפן די פּליטים, איז איצט איבערגעגאַנגען אין אַ פאַרביטערטקייט, אין אַ געוואַלד־געשריי, וואָס האָט זיך געריסן פון אַלעמענס העלדזער. מיט אויפגעהויבענע הענט האָט דער עולם איינ־געשטימט, אַז מען דאַרף אויפמאָנען דעם חוב ביי יעדן קין — באַשטעטיקן, אַז ס׳איז דאָ אַן אָנקלאָגער קעגן דער רציחה, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן דעם געפּייניקטן פאָלק.

ניו־יאָרק, 1945

דער דאָקטאָר פון וויליאַמסבורג

I

דוד פינף און דרייסיק יאָר האָבן די בלינדע און די טויבע און די געליימטע פון וויליאַמסבורג געקראָגן היילונג ביי דאָקטאָר וויליאַם פּינעטאַ.

דעם דאָקטאָרס קאַבינעט איז געווען אַן אָפּגעשונדן הויז אויף מעיפּל סטריט. די טרעפּן הילצערנע, דורכגעפּוילטע — האָבן, דרייענדיק זיך ווי כּפּיראַלן, אַרויפגעפירט אויפן פינפטן שטאָק. דאָס אַלטמאָדישע פּאַרצימער האָט געשמעקט מיט ליזאָל און בוידעם־ריחות. און יעדן טאָג פון יאָר האָבן די קראַנקע געקלעטערט איבער די געדרייטע טרעפּ, ווי עס קלעטערן שלאָקרידיקע צום באַרג־שפּיץ פון אַ הייליקן נזיר.

פּינעטאַ איז נישט געווען קיין בעל־מופת. ער האָט אָבער געהאַט דעם בייזן כּוח פון אַ כּישוף־מאַכער. זיינע פינגער זיינען געווען רירעוודיק, ווי ביי אַ האָקוס־פּאָקוסניק. זיינע נאָזלעכער — שנאָפּענדיקע ווי ביי אַ שוואַרצקינצלער. הויך און קנאָכיק מיט אויסגעשטרעקטע, שטייפע פיס, איז ער געגאַנגען ווי אויף שטאַלצן. אין זיינע טונקעלע אויגן, אונטער דעםברייטן מרה־שחורה׳דיקן שטערן האָבן געברענט פייערלעך פון אַ היפּנאָטיקער. פון זיינע אַנגעלאָפענע ליפּן זיינען געפאַלן טיילמאָל טרייסט־ווערטער ווי ביי אַן אָפּשפּרעכער און טיילמאָל פלוך־רייד ווי ביי אַ מכשף.

דאָקטאָר פּינעטאָס קאַבינעט איז געווען דאָס הויז פון גערעכטיקייט, אַ שטוב, וווּ מען טיילט אויס דעם גערעכטן זיין שכר און דעם רשע — זיין שטראָף. ער האָט זיינע פּאַציענטן איינגעשטעלט אין קאַטעגאָריעס. פון די אָרעמע, דערשלאָגענע און דורכגעפאַלענע האָט ער נישט גענומען באַצאָלט. אָבער פון די שיכּורים און פערד־שפּילער האָט ער געשונדן די הויט. קיין איינזען איז ביי אים נישט געווען פאַר פוילענצער און קיין וואָך אויער פאַר אָרומשלעפּער.

די איינוווינער פון וויליאמסבורג האבן געוווסט צו דערציילן, אז דאקטאר פינעטא האט א קנופ מיט געלט, אז ער איז קורח־רייך. שכנים פון די ארומיקע גאסן האבן זיך געשושקעט, אז דער דאקטאר איז א לויזער כאראקטער — ער זופט וויסקי און שפילט פאקער אין די הינ־טער־שטובן פון די סאלונען. זיינע אנהענגער האבן פארענטפערט זיין צייט־פארטרייב אין די שענקען מיט דעם וואס ער איז פריילידיק. און פינעטא איז געווען אזוי פארנומען מיט זיינע פאציענטן, אז ער האט נישט קיין צייט געהאט זיך צו לאזן אמוזירן פון פרויען.

אז ער איז אלט געווארן פערציק יאר, האט אין אים זיך פארליבט עוועלין, א רייכע פאציענטקע, די טאכטער פון א באנקיר. זי האט גע־ליטן פון האלוצינאציעס און געזען חלומות אויף דער וואר. דאקטאר פינעטא האט זי געהאלטן פאר א פסיכאפאט. אבער גלייך נאך דער פארליבעניש איז זי אויסקורירט געווארן פון אירע ווילדע זעאונגען. די קראנקהייט איז ווי מיט א צויבער־האנט אפגעווישט געווארן. עוועלין האט זיך אונטערגעגעבן דעם דאקטארס פארפירערישע אויגן און געווארנט דעם פאטער, אז זי וועט זיך נעמען דאס לעבן, אויב פינעטא וועט מיט איר נישט חתונה האבן. דער דאקטאר האט זיך פארשטאפט די אויערן און דער באנקיר האט צוגעזאגט אויסצובויען פאר אים א סאנאטאריום, ווו ער וועט קענען אויפנעמען פאציענטן פון אלע אכט און פערציק שטאטן.

פינעטא האט זיך געלאזט איבעררידן, אבער אין יענעם טאג, ווען די חופה־שטאנגען האבן אויף אים געווארט, האט מען אים ארויסגערופן אזש קיין ווירדזשיניע צו א שלאף נעגער־קינד. דער דאקטאר איז אפגע־פארן א מהלך פון קנאפע דריי הונדערט מייל. די פארשעמטע כלה האט אויגנבליקלעך צוריקגעקראגן אירע האלוצינאציעס. דער פאטער האט צעטריבן די חתונה־געסט און די פארבעטענע משפחה געלאזט וויסן, אז א חתן, ביי וועמען א שלאף נעגער־קינד איז בילכער ווי זיין אייגענע חתונה, וועט אומגליקלעך מאכן זיין טאכטער. דאקטאר פינעטא איז ווייטער געבליבן פריילידיק. אין זיין פרייער צייט האט ער געזופט וויסקי און געשפילט פאקער אין די הינטער־שטובן פון די סאלונען.

פון יארן־לאנג טראכטן אין טערמינען פון אנאטאמיע, האט דאק־טאר פינעטא זעלטן זיך דערמאנט, אז ער איז געבוירן געווארן א ייד. כאטש די קווארטאלן פון וויליאמסבורג זיינען געווען פול מיט שולן און ישיבות, האט ער קיינמאל, אפילו אויס נייגעריקייט, נישט אריינ־געשטעלט א פוס אין גאטס הויז. פון זיין פאטער, א סאלאניקער אימי־גראנט, וואס האט געלאנדעט אין וויליאמסבורג מיט זעכציק יאר צוריק, האט ער זיך דערוווסט נאך קליינערהייט, אז יידן זיינען א געיאגט פאלק, אז פונקט ווי די ערשטע פיאנערן, די פוריטאנער, וואס האבן איינגע־

וואַנדערט אין דער נייער וועלט צוליב רעליגיעזע רדיפות, אַזוי שיפלען זיך אויך ייִדן אויף אַלע זיבן ים'ען צוליב פאַרפאָלגונגען.

ווען פינעטאַ איז עלטער געוואָרן, האָט ער אויסגעפונען, אַז די פאַר־פאָלגונגען האַלטן אָן זינט פעלקער האָבן זיך אָנגעהויבן צו גרופּירן. און דאָס האָט אים געשטויסן נאָכצוקוקן דעם רעקאָרד פון זיין שטאַם, ווי עס קוקט נאָך אַ דאָקטאָר דעם רעקאָרד פון זיין כראָנישן פּאַציענט. און ווען דער רעקאָרד — פון דעם ביבלישן עמלק ביז די צאַרן אין רוס־לאַנד — האָט געוויזן הריגות, בלוט־בלבולים און אינקוויזיציעס, האָט דאָקטאָר פינעטאַ באַרעכטיקט זיין פאָטערס אַנטלויפן פון סאַלאָניקי, זיין ווילן צו ראַטעווען די אייגענע פעל.

אויס איינזעעניש צו זיין געפיינקיטן שטאַם האָט פינעטאַ מיט יאָרן שפּעטער גענומען אַריינקוקן אין די וויליאַמסבורגער שולן צוויי מאָל אַ יאָר: יום כפּור צו כל נדרי און שמחת תורה צו הקפות.

די פּאַציענטן פון וויליאַמסבורג האָבן געזען ווי זייער דאָקטאָר על־טערט זיך. זיינע שוואַרצע פּאַסמען האָר ווערן געפלעקט מיט גרויע בינט־לעך. די היפּנאָטישע פייערלעך אין די אויגן פלעמלען נישט מער. אָבער מיט יעדן יאָר וואָס ער איז עלטער געוואָרן, איז זיין רירעוודיקייט פון אים נישט אָפּגעטראָטן. צוזאַמען מיט דער רירעוודיקייט זיינען געבליבן די פליכטן. די פּאַציענטן האָבן אים געבענטשט פאַר זיין איינזעעניש צום מין מענטש.

שלאַקס־רעגנס און שטורעם־ווינטן האָבן אים נישט צוריקגעהאַלטן פון וויטע רייזעס. שנייען און זאַווערוכעס האָבן נישט פאַרשטעלט דעם וועג. ער האָט געקענט אויפשטיין אין מיטן פון אַ פראָסטיקער נאַכט און נע־מען טרייבן זיין אויטאָמאָביל אַכציק מייל ווייט, כדי צו באַרואיקן אַ היסטערישע פרוי, כדי צוריקצוברענגען צום לעבן אַ דערשטיקט קינד, אָדער צו וואַשן די ווונדן פון אַ צעשלאָגענעם האָבאָ־יונג.

פינעטאַ איז נישט געווען קיין טרוקענער מעדיקער. פאַר אים זיי־נען נישט געווען די קאַלטע מעדיצינישע פאָרמולעס. דער פּאַציענט איז מער ווי אַן אַנאַטאָמיש וועזן. ער איז אַ פּסיכישער אינדיווידום, וואָס גיט זיך אונטער אַלע אַנאַליטישע קאַלקולאַציעס.

אויב פאַר אָרעמע און קראַנקע האָט פינעטאַ געהאַט בלויז איינ־זעעניש, האָט ער פאַר פאַרמעגלעכע חולאים אַרויסגעוויזן ווידערווילן. שפּעטער איז דער ווידערווילן איבערגעגאַנגען אין אַ פיינטשאַפט. דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעהאַלטן די שווערע חולאים צווישן די אַרויפגעאַר־בעטע גבירים ווייטער אָפּצושלאָגן זיין טיר. פאַרשלעפּטע קרענקס, וואָס האָבן אַ לעבן לאַנג זיך אומגעטראָגן מיט זייערע מיחושים און שוין אויפגעגעבן די האָפענונג זיך אויסצוקורירן — דווקא זיי האָבן רעקאָ־מענדירט פּאַציענטן צו דעם וויליאַמסבורגער בייזן דאָקטאָר. עס האָט זיי

אימפאנירט פינעטאס שטייפע האלטונג, זיין שטרענגקייט, זיין יאדען דעם פאציענט און פינעטא האט זיך אפגערעכנט מיט די רייכע באזוכער. אויב ער האט פון א קראנקן גביר בלויז געשעפט און אויסגערעדט, אז ער איז א פאראזיט, א באציל, האט ער מיט א נגיד, א יורד זיך אפגעחשבונט ווי ער וואלט דערלעבט א פערזענלעכע נקמה.

אין ניינצן ניין און צוואנציק, נאכן קראך אויף וואל סטריט, האבן רואינירטע מאגנאטן געקראגן הארץ־פעלערס און שטייפע אדערן. טייל האבן זיך געווארפן פון די וואלקנקראצערס, די דורכגעפאלענע זעלבסטמערדער זיינען געקומען אין פינעטא'ס קאבינעט אויף היפנאטישע אבסערוואציעס. דער דאקטאר האט זיי אויפגענומען איינעם ביי איינעם מיט טייוולישן געלעכטער. אין זיינע אויגן האבן זיך געטובלט שדימלעך. ער האט מיט יעדן קרבן זיך גערייצט:

—א נישט געלונגענע רייזע אין הימל אריין, וואס? אן איינגעשרומפענער מאגנאט, וואס קען נישט אריבערטראגן דאס קייקלען זיך פון באנקנאטן־ראלן? א מענטש קען אויסהאלטן די יסורים פון א קאנסער, די אגאניע פון א געהירן־אנטצינדונג, אבער ער קען נישט אריבערטראגן, ווען א מיליאן נעמט איינשרומפן אויף צוויי מאל הונדערט טויזנט... פאר מיר און פאר יעדן צווייטן אין גאס, ווייסט איר וואס עס מיינט צוויי מאל הונדערט טויזנט? עס מיינט דאס צוגעזאגטע לאנד מיט רוישנדיקע ארקעסטערס אויף יעדן גאס־ווינקל... ס'מיינט טאנצנדיקע ווייבער אין די הארעמס... ס'מיינט א מלאכים־יאריד אויף דער ערד... און פאר אייך? וואס מיינען צוויי מאל הונדערט טויזנט? דאס אראפזינקען צום שטאנד פון א קלאון, וואס ציט זיין הוט צון די מייז אין צירק...

צו זעכציק יאר האט דאקטאר פינעטא גענומען ליידן אויף די נירן. ער איז געווארן א הויז־זיצער, מער נישט געטרונקען אין די הינטערשטובן פון די סאלונען און זעלטענער געפארן צו פאציענטן אויסער ניו־יארק. די ווינטער־אוונטן האט ער פארבראכט אין זיין ביבליאטעק צימער. ער האט געווארעמט די פיס ביים קאמין, מאסאזשירט זיינע געליענקען און געלייענט דעטעקטיוו־געשיכטעס.

איין יאר איז פאריבער, א צווייט יאר, א דריטס. דער באגער נאך רו, וואס קומט אויף דער עלטער, האט זיך צעלייגט איבער אלע זיינע ביינער. דער דאקטאר איז ווייטער געזעסן ביים קאמין, האט מיט ערפורכט געקוקט אויף לינקאלנס פארטרעט איבער דעם ביכער־ווארשטע, און געקומען צום אויספיר, אז דער זעכצנטער פרעזידענט פון די פאריייניקטע שטאטן האט נישט בלויז באפרייט די נעגערס, נאר אויך אפגעווישט די בושה פון דעם ווייסן מענטש.

II

דער פרילינג האָט אַרײַנגעפּראַלט אין דעם דאָקטאָרס קאַבינעט מיט זשמעניעס ליכט. די ענגע קוואַרטאַלן פון וויליאַמסבורג האָבן אויסגעזען ווי צעעפנטע פעסטונגען. דער רוישיקער גאַסן־פּאַרקער האָט אויסגעשפּילט ריטמישע מעלאָדיעס. פאַרבײַגייער האָבן זיך געוויגט ווי אין אַ טאַנץ. די לופט איז פול געווען מיט בלויער הימל־פרייד.

פּינעטאַ האָט צווישן די אויפנעם־שעה'ן געגאַשט שטיקער זון. ער האָט געוואַרעמט זײַנע פּלייצעס אויף די פּאַרק־בענק. ווען ער איז צוריקגעקו־מען פון אַ טעגלעכן זון־שפּאַציר, האָט ער געטראָפן אין זײַן קאַבינעט וואַרטן אַ האַלב־געליכטשטן נעגער. צוויי יונגען האָבן אים געברענגט פון אַ שענק הינטער דער בריק. ער איז זיך באַגאַנגען פּרעד מיט אַ ווײַ־סער גאַסן־פרוי. די שטראָף וואָס די ווײַסע שיכורים האָבן אים צוגע־טײַלט איז געווען — שווערע לינטש־וווּנדן.

דער נעגער איז געווען אַזוי צעממית'ט, אַז דער דאָקטאָר האָט אים צוריק געוועקט צום לעבן דורך אַרײַנפּאָמפּען קינסטלעכע לופט און געבן אײַנשפּריצונגען. זײַן קאָפּ איז געווען באַדעקט מיט בײַלן, גרויס ווי פויסטן. די ריפּן — אונטערגעהאַקט און פון די גראָבע מויל־ווינקלען זײַנען גערונען בלוט־שנירלעך. ביים לייגן די באַנדאַזשן האָט דאָקטאָר פּינעטאַ געביטן זײַן מיינונג. לינקאָלן האָט נישט אָפּגעווישט די בושה, די חרפּה לעבט אין יעדן ווײַסן. זי לעסטערט דאָס באַשעפעניש, וואָס הייסט מענטש.

איין עוולה האָט געבראַכט אויפן זכרון אַז אַנדערע עוולה. איין אומ־רעכט האָט אַרויסגערופן אַ צווייטע און דאָקטאָר פּינעטאַ האָט מיטאַמאָל זיך אַרומגעזען, אַז די מענטשלעכע באַרבאַרײַען טראָגן זיך ווי אַ בראַנד־פּײַער איבער דער וועלט.

אַ האַלבע שעה שפּעטער האָט אין דאָקטאָר'ס טיר געקלונגען אַן עלטערער פּאַציענט. דאָקטאָר פּינעטאַ, וואָס האָט יאָרן־לאַנג געוואַשן די וווּנדן אויף שוואַרצער הויט, אויף ווײַסער הויט, האָט איצט אויפגע־נומען דעם ווײַסן פּאַציענט מיט דעם פּאַרדרוס, ווי מען נעמט אויף אַ ברודער, מיט וועמען מען שעמט זיך אין דער משפּחה.

דער פּאַציענט איז געווען אַן אויסגעצערט מענטשל מיט אַ קערפּער, וואָס האַלט אין איין אײַנלויפן. זײַן וואַקסן פּנים איז געווען פול מיט געדונצעלטע טאַרבעלעך. ער האָט זיך באַקלאָגט אויף דער לעבער, אויף דער גאַל, אויף שלאָפלאָזיקייט. ער איז געווען פול מיט מיחושים. זײַן געזונט איז געווען צעלעכערט ווי אַ זיפּ.

דאָקטאָר פּינעטאַ האָט אים באַטראַכט ווי אַ גזלן באַטראַכט זײַן קרבן. נאָכן צולייגן די האַרץ־טרייבלער, נאָכן מעסטן דעם בלוט־דרוק,

האָט ער דעם איינגעשרומפּענעם פּאַציענט אַרויפגעשטעלט אויף דער וואָג. דער פאַרלוסט פון געוויכט איז געווען פּערציק פונט. דער דאָקטאָר איז נישט געווען איבעראַשט. ער איז געקומען צום אויספיר, אַז עס איז נישט קיין פיזישער פאַרלוסט, דאָס איז אַ פאַרלוסט פון לעבנס־ווילן, דער פּאַציענט איז אַ פּסיכאָפּאַט.

ער האָט אים אַריינגעזעצט אין ראָד־שטול, האַסטיק אָנגעשטעלט זיין בליץ־לעמפּל אויף די געלבלעכע ווייסל־אויגן און געפרעגט:

— וואָס איז אייער באַשעפטיקונג?

— כ'האָב זיך צוריקגעצויגן פון באַשעפטיקונג.

— אַ לײדיק־גייער? שלעכט! אַקטיוויטעט וואָלט אייך צוריקגעשטעלט אויף די פיס.

— כ'בין געווען אַקטיוו דריי און דרייסיק יאָר — האָט דער פּאַציענט זיך פאַרענטפערט.

— ווי אַלט זייט איר?

— צוויי און זעכציק.

— איר ליידט פון וואַניטאַס וואַניטאַטים! — האָט דער דאָקטאָר אַרויסגעזאָגט די ווערטער שטרענג, ווי אַן אורטייל.

— איז דאָס ערנסט?

— ס'איז געפערלעך.

— אַן אָפּעראַציע? מען וועט דאַרפן שניידן?

— צום באַדויערן, כירורגיע איז אומבאַהאָלפן קעגן דער אַנשיקעניש — האָט דער דאָקטאָר פינעטאַ זיך פאַרקרימט — ס'איז אַ גײַסטיקע קראַנקהייט, אַ קראַנקהייט וואָס קומט פון צופיל וווילטאָג. אַפּאַטיע און וווילשטאַנד זיינען די וואָרצלען. מען רופט זי די שלמה המלך־קראַנקהייט. דער הבל הבלים־קאָמפּלעקס.

דער פּאַציענט האָט געקוקט אויפן דאָקטאָר. אין זיינע שטרענגע אויגן האָבן זיך געטובלט שדימלעך. ביים רעדן האָבן די ברייטע אַנט־שלאָסענע ליפּן זיך געבלעזלט, די שלייפן האָבן געצוקט און דאָס פּנים פון אַ היילער, וואָס האָט געזאָלט אַניאָגן טרייסט, האָט אָנגעוואָרפן מורא.

— און שלמה המלך איז געשטאָרבן פון דער קראַנקהייט? — איז דער פּאַציענט געוואָרן נייגעריק.

— אפשר. די פּאַרציײטיקע מעדיקער האָבן נישט געפירט קיין רעקאָרד פון זייערע פּאַציענטן.

דער פּאַציענט האָט אַ בליק געטאָן אויפן דאָקטאָר מיט ביטול. אַרום זיינע ליפּן־ווינקלען האָט זיך געשנירלט אַ לוסטיקער גרימאַס. אין יענער רגע האָבן דעם דאָקטאָרס קענטעניש נישט געהאַט קיין האַפט. זיין געניטשאַפט ביים שטעלן די דיאַגנאָזע איז געווען אויסגערונען. ער האָט נישט געקוקט אויף פינעטאַ'ן, ווי עס קוקט אַ פּאַציענט אויף אַ דאָקטאָר,

נאָר ווי אַ דורכגעטריבענער דעבאַטאַנט, וואָס גייט באַזיגן זיין אַפּאָנענט. ער האָט זיך צעלאַכט:

— איך קען יאָ דעם רעקאָרד פון שלמה המלך. כ׳וויים נישט צי דער קלוגער מאַנארך האָט אויף דער עלטער פאַרלוירן וואָג, נישט גע־שלאָפן קיין נעכט אָדער געטריבן געוואָרן צו משוגעת. כ׳ווייס אָבער, אַז ער איז געשטאָרבן צו פיר און ניינציק יאָר.

— די ביבל האָט דאָס נישט רעגיסטרירט — האָט פּינעטאַ זיך אַ בייזער געטאָן.

— יאָזעפוס פלאַוויוס איז געווען אַ גוטער בוכהאַלטער. אין זיינע ביכער איז אַלץ פאַרצייכנט — האָט דער פּאַציענט אַ געשטאַרקטער, ווי ער וואָלט אַנגעשעפּט גבורה, זיך אויפגעשטעלט, בעת די געלבלעכע אויגן האָבן קרענקלעך געשפּאַסט — איך האָב נאָך לאַנג צו שפּאַנען, דאָק־טאָר, אַ גאַנג פון דרייסיק יאָר...

די מעדיצין קען דאָס נישט גאַראַנטירן — האָט פּינעטאַ אַן אַנ־געדראָלטער גענומען שפּרייזן איבערן קאַבינעט — יינגערע פון אייך זיינען פון וואַניטאַס וואַניטאַטים אומגעקומען. זיי זיינען נישט געשטאָרבן נאַטירלעך, זיי האָבן זיך גענומען דאָס לעבן. ס׳איז קיין אונטערשייד נישט! די פאַרצווייפלונג טוט אַזאַ טויט געבוירן. אַז אַ מענטש ווערט אָן דעם חשק צו לעבן, פאַרלירט דער גאַנצער באַשאַף אַרום אים יעדע ווערט. די וועלט איז פול מיט פּסיכאָפּאַטן, געפערלעכע פּסיכאָפּאַטן... ווען איר זאָלט האָבן אַ געשוויר אין אינגעווייד, וואָלט איך אייך נישט אָפּער־רירט, כ׳וואָלט זיך נישט צוגערירט צו די כירורגישע אינסטרומענטן. און ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל עס פעלט אייך וויטאַליטעט. ס׳פעלט אייך לעבנס־ווילן בייצוקומען אַן אָפּעראַציע. אַפילו בלוט־טראַנספוזיעס קע־נען נישט ראַטעווען אַזעלכע קראַנקע. זיי כאַפּן זיך מער נישט אויף פון דער אַנאַסטעזיע.

— איר רעדט פון מענטשן מיט שוואַכע הערצער, דאָקטאָר — האָט דער פּאַציענט אים איבערגעשלאָגן.

— און ווי לאַנג קען אייער האַרץ שלעפּן דעם גוף? דאָס נישט שלאָפן, דאָס פאַרלירן וואָג שטעלט אָפּ דעם האַרץ־מאָטאָר, פּונקט ווי אַן אויסגעליידיקטע גאַזאָלין־באַנקע פאַרהאַלט דעם לויפנדיקן אויטאָמאָ־ביל. שלאָף־פּילן וועלן אייך דערהרגענען. כ׳גיב נישט קיין מעדיצינען. פאַר צווייפלער און אַפּאַטיקער זיינען רעצעפּטן קיין הילף נישט. אַ מענטש אין אייערע יאָרן דאַרף זיין אָנגעלאָדן מיט באַגערן. וואָס טוט איר אויפ־צוהאַלטן אייערע מינימאַלסטע אַמביציעס? אַפילו אַ לידיק־גייער האָט זיי־נע פאַרלאַנגען. שפּילט איר אין קאָרטן? יאָגט איר זיך נאָך פרויען? שטעלט איר איין אויף אַ פערד־געלויף?

בעת דער דאָקטאָר האָט געשפּרייזט איבערן קאַבינעט, האָט ביים

פאציענט די אנגעשעפּטע גבורה זיך אפּגעטאָן. אויף זיין שטערן האָבן ארויסגעשלאָגן אנגסטן. די שפּאַסיקע ספּאַזמען אין די אויגן זיינען גע־ווען פאַרוויִשט. דער לוסטיקער גרימאַס ארום די ליפּן־ווינקלען איז איינ־געלאָפן. זיינע אויערן האָבן ווי שוואַמען איינגעזאַפּט דעם דאָקטאָרס אנקלאַגעס. ער האָט זיך געקרעקט מיט ווערטער.

— אמביציעס און באַגערן האָב איך געהאַט אין די דרייסיקער, דאָק־טאָר, געהאַט זיי צופיל. כ׳האָב געהאַט געגנוג באַגערן פאַר צוויי לעבנס. איצט בין איך א צוריקגעצויגענער ביזנעסמאַן.

— א צוריקגעצויגענער ביזנעסמאַן איז פּאַסיוו ווי א פּאַראַזיט. ער האַלט אין איין באַרגן, אָבער ער באַשטייערט זיך נישט. און די נאַטור האָט אייזערנע געזעצן. יעדעס באַשעפעניש דאַרף ארייינטראָגן א חלק אין דעם נאַטור־קעניגרייך. ווען איך זאָלט דאַרפן האָרעווען אויף ברויט, ראַנגלען זיך, דערשלאָגן זיך צו א שטאַנד, וואָלט איך געגעסן ווי אן אָקס און געשלאָפן ווי א בער. איר זייט הינטערשטעליק מיט פּערציק פונט. אזא וואָג־פּאַרלוסט מאַכט חרוב דעם קערפּער. לײדיק־גייערס ווי איר דערמאָנען אן חיה׳לעך, וואָס וואַקסן אויף א ווילדן פאָרם. דאָרט באַוועגן זיי זיך אויף א שטיינערנעם באָדן. זיי פירן מלחמות מיט אינזעקטן, מיט ווערים. שלאָגן זיך פאַר שפּייז. נעמט מען די פאַרהאָרעוועטע חיה׳לעך און מען באַזעצט זיי אין א גאָרטן, אויף פעטער ערד, ווייסט איר וואָס עס פּאַסירט מיט זיי? זיי הויבן אן קרענקען, ווערן שווינדזיכטיק, א מגפה באַפאַלט זיי און זיי שטאַרבן אויס.

דער פּאַציענט האָט לאַנגזאַם זיך ארויסגעהויבן פון זיין שטול. זיין אויסגעצערטער קערפּער האָט זיך געמומען שטרעקן, ציען ווי ער וואָלט צוגעקראָגן וואָג. דאָס איינגעפאַלענע פּנים האָט אנגעטאָן א גרימצאָרן, ער האָט צונויפגעביילט די פויסטן און זיך דערנענטערט צו פינעטאַ׳ן מיט א מינע, ווי ער וואָלט געגרייט זיך צו פאַרטיידיקן.

— דאָקטאָר, דאָס איז אן אורטייל! וואָס קען איך טאָן אויסצומיידן אזא שווינדזיכטיקן טויט?

— איר זייט פאַרהייראַט?

— כ׳בין אן אַלמן.

— קינדער?

— איין טאָכטער.

— האָט חתונה!

— איר זייט וואָלגאַר, דאָקטאָר.

— א דאָקטאָר איז קיינמאָל נישט וואָלגאַר מיט זיין פּאַציענט. זיין עצה איז א געבאָט, וואָס מען מוז אויספאָלגן. און אויב איר קענט אליין זיך נישט באַזאָרגן א פרוי, זאָל אייער טאָכטער דאָס פאַר אייך געפינען.

— מיין טאָכטער קען פאַר מיר קויפן העמדער, פּאַדזשאַמעס, זי

קען פירן אַ קיד, אָבער קען נישט קויפן אַ ווייב, איבעריקנס, זי אַליין וויל אויך נישט חתונה האָבן.

— זי וויל נישט?

— זי איז גערעכט! — האָט דער פּאַציענט אַ געשריי געטאָן — צו וואָס חתונה האָבן און געבוירן קינדער? פאַר מלחמות? געבוירן פּלי־ער צו וואַרפן באָמבעס? מאַטראָזן צו זינקען שיפן? טאַנק־טרייבער חרוב צו מאַכן שטעט?

דאָקטאָר פּינעטאָ האָט גענומען לויפן איבערן קאַבינעט ווי איבער אַ שטייג:

— איר זעט? אפילו אייער קינד האָט איר אָנגעשטעקט מיט וואַני־טאַטים. איר זיינט אַ געפערלעכער מיקראָבן־טרעגער. איר טראָגט אין זיך גיפטיקע באַצילן. איר פאַרסמט דעם באַשאַף אַרום... אַ געשטראָפטער אַראָגאַנט זייט איר, אַ דעפּיטיסט. און דעפּיטיסטן האָבן פיינט דאָס מענטשלעכע מין, פאַרגעסט אייער קורצן אָטעם, פאַרגעסט אייערע נירן, אייערע גאַל־שטיינער. ס'איז דאָ איין מיטל ווי אייך צו היילן..

— וואָס?

— ווישט אָפּ די בושה פונם ווייסן מענטשן.

דער פּאַציענט האָט געגאַפט אויפן דאָקטאָר, וואָס איז געלאָפן אַ צערודערטער איבערן קאַבינעט און אַרויסגעלאָזט ברומענישן, ווי ער וואָלט געפירט אַ שטרייט מיט זיך אַליין. אין זיינע אויגן האָבן געפלעמלט היפּנאָטישע פייערלעך. דער ברייטער שטערן איז געווען פאַרוואָלקנט ווי ביי אַ מעלאַנכאָליקער. די נאָז־לעכער האָבן געשיפּעט. איבערן שאַרבן האָט אַ שיטערער קנויל האָר זיך צעבאַרשט ווי די פעל פון אַ יאָזש. פּי־נעטאָ איז שטיין געבליבן ביים פּאַציענט און גערעדט:

— איר זייט אַ צוריקגעצויגענער געשעפטסמאַן, אַ מידער בעל־תאוה, אַן אויסגעשעפּטער יעגער נאָך באַזיץ. אַלע ווייסן, אַז מידע צוריקגעצוי־גענע געשעפטסלייט זיינען אָנגעשטאָפּט מיט געלט. ס'אַז אומגליק! מיט כבוד זייט איר זאַט. מיט אייגנטום באַלאָדנט. דער וווילשטאַנד איז פאַר אייך אַ לאַסט. די שפּיץ דריקט — טאָ ווערט אַ פילאַנטראָפּ! וואַרפט נישט קיין געלט פאַר טעמפּלען אָדער פאַר קירכן, שענקט גאָרנישט די הימל־פּאַרטרעטער. דאָ, אויף דער ערד, דרייען זיך אַרום מענטשן מיט פאַר־ביקע הויטן, ווי קאָלירטע פויגל. זיי שניידן די גאָרגלען איינער ביים אַנדערן... דער ווייסער רודפ'ט דעם שוואַרצן, ר'לינטשט אים, ר'קען אים נישט שענקען זיין טונקעלע הויט. די קנעכט פון כנען זיינען געווען פּרינצן אין פאַרגלייך מיט די קאָלירטע ברידער אין דער סאַוט... לינקאָלן האָט באַפרייט די שקלאַפן — ער האָט אָבער נישט אָפּגעראַמט די שקלאַפן־טרייבער. אין יעדן ווייסן עושר לעבט אַ שקלאַפן־יעגער. וואָס דאַרפט איר שטאַרבן רייך? באַשטייערט אייער געלט אויף צו פאַרטרייבן די

שקלאפן־יעגערס. אייער לעבנס־שפאן איז קורץ, קויפט אוים דאס אומזי־
ניקע ריעשטל יארן דורך פילאנטראפיע. ווישט אפ די בושה פונעם ווייסן
מענטשן.

דעם דאקטארס געשרייען האבן דעם איינגעשרומפענעם פאציענט
געטריבן צום ארויסגאנג. ער האט אין צעטומלעניש און אין איילעניש
פאריכט אויף זיך די צעקנעפלטע קליידער, פלינק ארויסגעלאפן און געלאזט
הינטער דער פארהאקטער טיר דעם הויכן, קנאכיקן דאקטאר.

פינעטא האט א צערודערטער געשטעלט איבערן קאבינעט לאנגע,
שטייפע שפריזן. פון זיינע ליפן זיינען נישט געפאלן קיין טרייסט־ווער־
טער פון א היילער, נאר פלוך־רייד פון א כישוף־מאכער.

III

דאקטאר פינעטא איז געווארן איבערקלייבעריש. ער האט געזיפט זיי־
נע פאציענטן דורך די פינגער. האט א קראנקער געוועקט זיין סימפאטיע,
האט ער נישט בלויז פאר אים געשריבן רעצעפטן, נאר אויך געעפנט פאר
אים די טיר פון זיין וועלט, דערציילט וועגן די לעצטע לאבאראטאריע־
ווונדער, וועגן הייל־עקספערימענטן. פינעטא האט אראפגענומען די שלע־
סער פון זיינע מעדיצינישע אנטיקווארן. ער האט ליב געהאט פאציענטן,
שווייגערס. די טומלערס האט ער נישט געקאנט פארטראגן. באריידעוור־
דיקע חולאים, וואס האבן געהאט פולע מיילער רייד וועגן זייערע מיחושים,
האט ער ארויסגעווארפן פון קאבינעט.

פינעטא האט זעלטן אריינגעקוקט אין מעדיצינישע הילף־ביכער און
אפט געמישט אין געשיכטע בלעטער. זיינע אפגעקליבענע קאפיטלעך זיי־
נען געווען וועגן דעם קאמף ארום די ראסן־דיסקרימינאציעס אין די דרום־
שטאטן פארן בירגער־קריג. ער האט באדויערט, וואס לינקאלן האט נישט
פארענדיקט זיין מיסיע און איז אריין אין דער געשיכטע ווי אן „אראפגע־
שאסענער אדלער, ווען אין דער אמתן האט ער זיך באוויזן ווי א נייער
לוחות־טרעגער.

פינעטא האט נישט געהאלטן פאר איבערטריבן, וואס נאך דער נע־
גער עמאנציאציע האט דאס „קאלירטע פאלק” געקוקט אויף לינקאלנ׳ען
ווי אויף משה׳ן. משה האט אראפגעבראכט די געבאטן פון די וואלקנס
און לינקאלן האט זיי פאנאנדערגעטראגן איבער דער ערד.

אין יעדן מענטש לעבט א באשיידענער מלאך. ער ווערט אבער פאר־
שטעלט פונם גלוסטיקן רשע. דער ווייסער מענטש דארף אין זיך דער־
שטיקן דעם רשע וואס וויל באהערשן, ר׳דארף דערשטיקן דעם מאכט־
יעגער וואס וויל געוועלטיקן. אויב ברידערלעכקייט איז פאר מיליאנען

איגנאָראַנטן אַ נאַקעטע טעאָריע, וועט ער, פּינעטאַ, די טעאָריע פאַר־וואַנדלען אין אַ טעגלעכער טואונג.

פּינעטאַ'ס באַשלוס האָט געבוירן טאַטן. דאָס ערשטע, וואָס ער האָט געטאָן — ער האָט אַרויסגעהאָנגען איבערן פראָנט־אַריינגאַנג אַ נייע שילד מיט פעטער רויטער שריפט. די שילד האָט זיך געלייענט:

דר' וויליאַם פּינעטאַ

אַ פריינט צו די פריינטלאָזע — אַ היילער צו די אומהיילבאַרע נעגער־פּאַציענטן — געוואונטשן

אינעווייניק, אין טרעפּן־הויז אויף דעם שטיינערנעם דיל איז געווען איינגעפאַסט אין אַ ראָם אַ צווייט שילדל מיט אַ אויסגעמאָלטער פייל, וואָס האָט ווי אַ ווייזער געטייטלט אַרויף:

דר' וויליאַם פּינעטאַ
זיין קאַבינעט — אויבן!

דאָקטאָר פּינעטאַ'ס טירן האָבן נישט גערוט. פאַרגעסענע בלינדע און טויבע, פאַרשטויסענע לאָמע און קרעציקע, פאַרנאַכלעסיקטע לעבער־קראַנקע און פאַרלאָזטע קאַנסער־פּאַציענטן — אַלע האָבן געשטראָמט צום רחמנות־דאָקטאָר אויף מעיפּל־סטריט.

די קריפּלס האָבן זיך געצויגן איבער פּינעטאַ'ס טרעפּן ווי אַ קאַוואַל־קאַדע, דער דאָקטאָר איז געווען מיד און אויסגעשעפּט. ער האָט אָנגע־שטעלט צוויי שוואַרץ־הויטיקע קראַנקן־שוועסטער. פּינעטאַ'ס נאָמען האָט מען געטראָגן אויף די ליפּן נישט בלויז צווישן די נעגערס אין וויליאַמס־בורג, נישט בלויז אין די שכנות'דיקע קוואַרטאַלן, נאָר ווייט אַריבער יע־נער זייט בריק. דאָס קאָלירטע פאָלק האָט געקוקט אויף אים ווי אויף אַ געטלעכן מאַן און דער מידער דאָקטאָר האָט אָפּגעצאָלט פאַר זייער צו־טרוי מיט גרויסמוט.

IV

בעת פּינעטאַ איז געווען פאַרנומען מיט טראָגן היילונג צו זיינע אויסדערוויילטע פּאַציענטן, האָט איין טאָג אין זיין קאַבינעט זיך באַוויזן אַ געבויגענע זקנה. זי האָט זיך באַקלאָגט אויף הויכן בלוט־דרוק.

פּינעטאַ האָט געקענט די אַלטיטשקע. ס'איז געווען די לידי פּאַטרי־שאַ. פון די פּלוידערזעק אין וויליאַמסבורג האָט ער געוווּסט, אַז זי איז אַן אַלמנה מיט אַ גרויסער ירושה. אין פאַרלויף פון יאָרן האָט די זקנה געצערט. די ירושה האָט געשימלט. און מענטשן נישט־פאַרגינערס האָבן

זי גערופן „די קארגע לידי פאטרישא". די זקנה האט געשפעט פון די בייזע צינגער. זי האט נישט גערעדט מיט קיין מענטשן. זי האט זיך אויסגעטענהט מיט איר גרויסן הונט. אויף איר צעקנייטשטן קערפער האט זי געטראגן אפגענוצטע קליידער און זיך געשפייזט מיט אלטע בייגל און זויער־מילך.

פינעטא האט באמערקט, אז די זקנה איז פעט געווארן און געטראכט, אז דער גוטער מלאך, וואס זיצט אין יעדן ווייסן מענטש נעבן דעם גלוסטיקן רשע, איז אויסגערונען. דער קורצער עקזאמען האט באשטעטיקט דעם הויכן בלוט־דרוק און געוויזן, אז זי לײַדט פון ארטעריא סקלעראזיס. און דא זײַנען אירע הענט, אירע היפטן אנגעגאסן ווי ביי א שמאלצגאנדז.

פון וואס איז לידי פאטרישא פעט געווארן? פון קייען טרוקענע בייגל? בייגל אנטהאלטן נישט קיין קאלעסטארעל ווי פעט פלייש. אירע באשעדיקטע בלוט־דערן ווערן שטייפער. זיי נעמען אריין דאס הארץ ווי אין צוואנגען. זיי קענען אפשטעלן דעם אטעם. פאר איר קען בלויז זיין אײַן היילונג — זי זאל קריגן שמיץ און אפצערן. אפשר וועט דער טייוול פון איר ארויס.

אין זיין באגער צו באשטראפן די ווייסע פרוי, וואס האט אויפגעגעסן אין זיך דעם גוטן מלאך, איז פינעטא גרייט געווען זי צו סטראשען, אז דאס אפגעשוואכטע הארץ איז איינגעקלעמט צווישן די קראנקע בלוט־דערן. עס קען א ליאדע טאג פלאצן. זיין מרה שחורה'דיקער שטערן האט זיך געוואלקנט. די היפנאטישע פייערלעך אין זיינע אויגן האבן זיך אנגעצונדן. די בייזע ליפן האבן געטריבן די זקנה צו דער טיר.

— איר זייט ווי א באמבע אויפן וואסער, לידי פאטרישא. היינט קענט איר זיך לייגן שלאפן און צומארגנס מער נישט אויפשטיין...

די געבוירענע זקנה האט אויסגעגלייכט אירע אקסלען. פון שנאה איז איר געקארבט פנים אויפגעלאפן. די ברייטע הויט־פאלדן זיינען איינגעשרומפן. אין די גרינע אויגן האבן אויפגעפלאמט שרפות, וואס האבן פארברענט די היפנאטישע פייערלעך אין פינעטא'ס בליקן. זי האט א פראל אויף געגעבן די טיר צום ארויסלויפן און זיך צעשריגן:

— אזוי רעדט דער מלאך המות, נישט קיין דאקטאר. כ'וועל דיך איבערלעבן, פארשאלטענער פינעטא!

דער מידער דאקטאר האט געלאכט פון דער זקנה'ס קללה. צוויי שעה שפעטער האט ער ארויסבאגלייט דעם לעצטן פאציענט און פארשלאסן דעם קאבינעט.

דעם זעלבן אוונט האבן ווייטע פרעמדע טענער, ווי דינע הארפןקלאנגען, געוויספערט אין פינעטא'ס אויערן. ער איז אריינגעגאנגען אין ביבליאטעק־צימער זיך אפרוען. די ביכער אויף די פאליצעס האבן גע־

מורמלט. פון די געלייִשטע רוקנס האָבן אַראָפּגערעדט מאַגישע שפּרוכן. אין די טונקעלע ווינקלען האָבן זיך געדראָפּעט ווינגדיקע שאָטנס.

פּלוצים האָט פּינעטאַ דערשפּירט ווי אַ שניידנדיקער ווייטאָק שטעכט זײַנע קריזשעס, דערנאָך דעם גאַנצן חוט השדרה. די אַטאַקע האָט אים אַרייַנגעטריבן אין יסורים. דער דאָקטאָר האָט געליטן קראַמפּן. דער פאַרדאַכט, אַז די וויסקי, וואָס ער האָט יאָרן־לאַנג געזופט אין די הינטערשטובן פון די סאַלונען, נעמט אַן אים נקמה — דער פאַרדאַכט האָט אים געצוווּנגען איצט צו טראַכטן וועגן זײַן אייגענעם קערפּער אין אַנאַטאָמישע טערמינען. פאַרן שלאָפן גיין האָט פּינעטאַ זיך אויסגעטאָן אַדם נאַקעט און גענומען אינווענטאַר פונם אייגענעם גוף.

ביז פופציק יאָר האָט ער געטראָגן דעם קערפּער ווי מען טראָגט אַ העמדל, אָנגעטאָן און פאַרגעסן. ביי זעכציק האָט ער אָנגעהויבן צו קריגן צוויי יערלעכע פאַרקילונגען, אַרום ניי־יאָר און אין וואַשינגטאָן־טאָג. און יעדן קוואַרטאַל — הינער־אויגן אויף די פיס.

פּינעטאַ האָט זיך אַרומגעזען, אַז די אַנטראָפּאָלאָגן זיינען אומגערעכט ווען זיי האַלטן, אַז דער מענטש איז די פּערפעקציע, ר'איז דער לעצטער שטיין אויף דער פּיראַמידע. הינער ווערן געבוירן לייכטער. טשערעפּאַכעס לעבן לענגער. און אויב עס איז ריכטיק דאָס נאַטור־געזעץ, אַז פונם ערשטן טאָג, ווען דער מענטש הויבט אָן וואַקסן אין דער מוטערטראַכט ביז צום ראַנד פון זײַן קבר — גייט אָן אין זײַן קערפּער אַ פּראָצעס פון בויאונג און אַ פּראָצעס פון צעשטערונג, איז אויך ריכטיק דער קאַלטער שטיינערנער געזעץ, אַז זײַן עלטער אָפּגעשוואַכטער גוף ווערט חרוב.

פּינעטאַ האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן, אַז ער איז אויסגעשפּילט — אַ זיבעציק יאָריקער זקן. אום זיך צו באַרואיקן האָט ער גענומען אַ הייסע וואַנע, געגעבן זיך אַן איינשפּריצונג און אַ מידער זיך אַרייַנגעלייגט אין בעט.

די נאַכט, אָנגעלאָדן מיט חלומות, איז געהאָנגען איבער וויליאַמסבורג. אין דרויסן האָבן אומרואיקע ווינטלעך געגלעט די פאַסאַדן פון געביידעס און געוויגט די בוימער אויף די סקווערן. דאָס קאַלטע לבנהליכט האָט געוואַשן די אויסגעלאָשענע פענצטער פון די הייזער. די טונקעלע אָפּגעשונדענע מויערן זיינען געשטאַנען ווי איינגעפרוירענע פּאַלאַצן.

די ווייכע טוי־קילקייט, וואָס פאַלט אַרויס פונעם באַגינען האָט גענומען דורכזיפּן די ערשטע זון־שטריפן און געצונדן דעם אויפגייענדיקן טאָג. די זון־שטרייפן האָבן אַרייַנגעדרונגען דורך אַלע פענסטער פון דאָקטאָר פּינעטאַ'ס קאַבינעט און אָנגעטראָגן זיילן ליכט איבער דער סטעליע, איבער די ווענט, איבער זײַן בעט. אָבער דאָס ליכט האָט נישט געקענט

אויפוועקן דעם מידן דאָקטאָר פון זיין טיפן שלאָף. ער איז אויסגעגאַנגען אין דער נאַכט, וואָס איז געווען אָנגעלאָדן מיט חלומות.

דורך פינף און דרייסיק יאָר האָבן די בלינדע און די טויבע און די געליימטע פון וויליאַמסבורג געהאַט אַן אָפענע טיר צו פינעטאַ׳ס קאַבינעט. אויפן זעקס און דרייסיקסטן יאָר איז די טיר געווען פאַרשפּאַרט. די צוויי שוואַרצע קראַנקן־שוועסטער זיינען געשטאַנען ביים פאַרשלאָסענעם אַריינגאַנג און געטריבן די טרויעריקע פּאַציענטן צום קאַפּעל, פון וואַנען מען האָט געזאָלט באַגלייטן זייער דאָקטאָר צו זיין הימל־רו. אַזאַ לויה האָט וויליאַמסבורג קיינמאָל פריער נישט געהאַט געזען. איבער דעם וועג צום יידישן בית־עולם האָט זיך געצויגן אַן אויסטערלישע קאַוואַלקאַדע — לאַמע, טויבע, בלינדע, קרעציקע און געליימטע אויף וועגעלער.

פּאַציענטן האָבן אויסגעפונען, אַז פינעטאַ׳ס עשירות איז געווען אַן אויסגעטראַכטע. בייזע צינגער האָבן דעם ליגן באַשאַפן. דעם גוטן דאָקטאָר האָט מען באַגראָבן אין אַ זייטיקן קבר, וואָס אַ פּאָר וויליאַמסבורגער פילאַנטראָפּן האָבן אין איילעניש געקויפט.

אַ חודש נאָך דער לויה האָבן פרומע נעגערס זיך אַרומגעזען, אַז מען דאַרף אויף פינעטאַ׳ס קבר שטעלן אַ מצבה, אַ הייליקן שטיין, וואָס זאָל אָנזאָגן, אַז דער היילער פון די אָרעמע און דערשלאָגענע האָט זיין רו־אָרט אין הימל. עס איז אָנגעגאַנגען אַ שטרייט וועגן דעם עפּיטאַף אויפן שטיין, פיינשמעקער האָבן געוואָלט לאָזן אויסקריצן אַ פּאָר שורות פּאָעזיע. מען האָט אָבער געדענקט, אַז פינעטאַ האָט ביים לעבן פיינט געהאַט פּאָעזיע. אַ מאַראַל־זוכער האָט אָנגעבאָטן עזאָפּ׳ס אַ פאַבעל און אַ גאָטספאַרכטיקער פּאַציענט איז באַשטאַנען אויף אַ פּסוק פון תהילים.

אַלע פּלענער זיינען געווען צו שפּעט. דער נעגער, וואָס איז מיט יאָרן צוריק שיער נישט געלינטשט געוואָרן און זיינע וווּנדן זיינען געוואַשן געוואָרן דורך פינעטאַ׳ס הענט, האָט זיך דערמאָנט אַז זיין דאָקטאָר מיט היפּשע טעג פריער. ער איז געווען אָרעם. קיין געלט אויף אַ מצבה האָט ער נישט געהאַט — האָט ער אַרויסגעריסן דאָס שילדל פון דעם שטיינערנעם דיל אין טרעפּן־הויז. ביינאַכט האָט ער זיך אַריינגעגנבעט אויפן בית־עולם און עס אַריינגעשטעקט אינם בערגלדיקן קבר.

דאָס שילדל מיט אַן אויסגעמאָלענער פּיל ווי אַ וויזער צום הימל, האָט אָנגעזאָגט:

דר׳ וויליאַם פינעטאַ

זיין קאַבינעט — אויבן...

ניו־יאָרק, 1945

די פיר און צוואנציק שעה פון אויגוסט גיינער

I

דער קליינער טומלדיקער סאלון „היידלבערג" אין יארקוויל איז ארום פיר פארטאג שוין געווען ליידיק. די צוויי טונקעלע אלטמאדישע לאמטערנעס איבער דעם פראנט־ארייננאנג, ווי איבער א דארפישן קירדטויער, זיינען געווען פארלאשן. איינער נאכן אנדערן האבן זיך ארויסגערוקט די לעצטע נאכט־געסט. דער סאלון־אייגנטימער, א ברייטבייניקער מיט א מיד, פלעגמאטיש פנים האט אראפגערוימט די לעריע קופלעס און מיט דער היימישקייט, וואס מען טראגט צו אן אלטן שטאם־גאסט, האט ער אונטערגעיאגט דעם איינציקן געבליבענעם ביר־טרינקער:

— נו הער גייגער, צייט צו שליסן.

אויגוסט גייגער האט אויסגעזופט זיין ביר ביז צום דנא. עס איז געווען דער ניינטער קופעל. ער האט א טשמאקע געטאן מיט די ברייטע, פליישיקע ליפן און פויל זיך אראפגעלאזט פונעם קיילעכדיקן דריי־זיץ:

— גוט, הער שטירמייער.

ער איז איצט געשטאנען א קורצער און געזעצטער. זיין אונטערשטער האלבער קערפער איז פארלוירן געווארן הינטער דעם מאסיוון בארטיש. אבער דער אויבערשטער טייל, די פולע, אויסגעשטויסענע פלייצעס און די קאנטיקע ארעמס האבן אויסגעזען ווי ער וואלט נישט געווען א זאטער זקן, וואס האט ארייננעשפאנט איניעם אכטן צענדליק יאר, נאר א מאנסביל אין זיין מיטליאריקער רייפקייט. זיין אויסגעקנאטענע געשטאלט איז געווען נישט ווי פון בלוט און פלייש, נאר א סטאטוע געגאסן פון בראנדז. דער ברייטער אויסגעגאלטער קיילער־קאפ האט גערוט אויף דעם קורצן, אנגעלאפעניעם האלדז. די ברוינע, גלאנציקע הויט ווי א שטייפער פארמעט, האט איבערגעצויגן דעם נאקעטן קאפ און דעם שטערנביין, די קין־באקן און אפילו די ברייטע נאזלעכער. קיין שפראץ פון א האר האט זיך נישט אנגעזען אויף דעם ליידיקן, פעטן פנים, וואס האט געשיינט ווי א פרוכטלאז נאקעט שטיק פעלד. א ווייליע איז גייגער גע־

שטאנען אומבאוועגלעך, שטאר און קאלט, אבער ווען די גרויע אויגן האבן זיך צעוואַרעמט, ווען די דינע אַדערלעך אין האלדז האבן אנגע־הויבן ריטמיש צו צוקן און די שטאַרקע אַנטוויקלטע ברוסטן האבן פלינ־קער געאָטעמט — דעמאָלט האט עס געשלאַגן פון אים מיט דער גבו־רה פון א הערקולעס. ער האט זיך אַנגערופן:

— גוט הער שטירמייער, אבער איידער כ'גיי, מוז איך איבערדער־ציילן א וויץ, וואס כ'האב היינט אויפגעכאפט. זייער שאַרפזיניק... זייער הומאָרפול...

דער דריי און זיבעציק יאָריקער אויגוסט גייגער האט פארדעכטיק זיך אַרומגעקוקט איבערן סאַלון, ווי ער וואלט נישט געטרויט די טונ־קעלע ווענט מיט די שפיגלען. דאס אויסדראַבטעניש האט איצט געוואונקען פון יעדן ווינקל טישל. פון קווענקלעניש האט דאס פארמעט־פנים זיך פאר־קרימט. ער האט געשעפטשעט מער צו זיך, ווי צום סאַלון־אייגנטימער.

— א שיינע דעמאָקראַטיע! איידער דו עפנסט די ליפן, מוסטו זיך באַוואָרענען. ווי לאַנג קום איך שוין אַריין צו אייך, הער שטירמייער? פינף און צוואַנציק יאָר? דרייסיק יאָר? מען קען שוין ציילן מיינע אויס־געטרונקענע קופלעס ביר נישט מיט גלאַזן, נאָר מיט גאַזאָלין־טאַנ־קעס... ניו־יאָרק האט זיך געביטן... אמאָל האב איך געוווסט אין יאָרק־וויל ווער איז ווער? כ'האב דא געקענט יעדן שטאָם־גאַסט. היינט, נישט צו געטרויען א פרעמד פנים.. ווי דו גיסט זיך א דריי שטייט א היטער פון דעמאָקראַטיע, א באַשיצער פון ענגלאַנד. און זיי שנאַפן ווי די יע־גער־הינט... גרייט צו הערן דעם וויץ, הער שטירמייער?

— דערציילט, הער גייגער.

— מיט פופציק יאָר שפעטער זיינען רוזוועלט און טשוירטשיל מער נישט צווישן די לעבעדיקע... זיי גייען מיטן וועג פון אלע פאַרגענגלעכע. נאָך דעם ווי דער גרעבער טוט מיט זיי זייער רעכט, גייען זיי אַרויף אין הימל און שטעלן זיך פארן טויער פון גן־עדן. טשוירטשיל מיט דער טיפישער ענגלישער חוצפה און זעלבסטמאַכט שטופט זיך פאַרויס צום אַריינגאַנג. רוזוועלט בלייבט הינטער אים. עס קומט אַרויס דער הייליקער פעטער:

— וואס ווילסטו?

— כ'וויל אַריין אין גן־עדן — פאָדערט טשוירטשיל.

— נישט דו, מענטשן־קינד. צופיל שלעכטס האסטו געטאָן אויף דער ערד — זאָגט דער הייליקער פעטער.

—איך בין ווינסטאָן טשוירטשיל! — גיט זיך דער ענגלישער מאַכט־האָבער צו דערקענען — דער באַהערשער פון אלע ימען, דער וואָרט־זאָ־גער איבער קאָנטינענטן,

— כ'וויים — ענטפערט קאַלט דער הייליקער פעטער — מיר האָבן דיין רעקאָרד. דו באַלאַנגסט נישט אַהער.

— איך האָב געראַטעוועט אייראָפּע פון אונטערגאַנג — פּראָטעס־טירט טשוירטשיל — כ'האָב אויסגעלייזט די וועלט פון דער גרעסטער קאַטאַסטראָפע. כ'האָב זיך געראַנגלט מיט דעם מוראדיקסטן מענטשן־פיינט...

— כ'וויים. דו געהערסט צום לאַגער פון די אומגערעכטע.

רוזוועלט, וואָס שטייט הינטער טשוירטשלין אין אויפגעקאָכטער, האַלט מער נישט אויס וואָס מע פאַרשעמט זיין פריינט און ער צע־שרייט זיך:

— צעברעך דאָס פאַרדאַמטע טויער, ווינני, איך וועל פאַר דעם שאַדן באַצאָלן...

דער סאַלון־אייגנטימער האָט זיך קיילעכדיק צעלאַכט. אויגוסט גיי־גער האָט מיטגעלאַכט. זיין געלעכטער איז געווען אַ פאַרשטיקטס, אַן איינגעהאַלטנס, ווי די איינגעהאַלטנקייט, וואָס מען ווייזט אַרוים ביים געניסן אַ פאַרבאָטענעם פאַרגעניגן. ער האָט שאַרף זיך איינגעקוקט אין דעם סאַלון־אייגנטימערס פּנים, ווי וועלנדיק אַרויסקריגן אַ באַשטעטיקונג, אַז יענער קען פאַרדייען הומאָר. „אַזוי און אַזוי הער שטירמייער, דאָס איז די איינטיילונג. ענגלאַנד וועט שעדיקן, ענגלאַנד וועט פאַרניכטן און אַנקעל סעם וועט פאַר אַלץ באַצאָלן...״ גייגער האָט איבערגעלאָזט אויפן באַר־טיש טרינק־געלט, דריי אָפּגעפּוצטע ניקלס און איז אַרוים פונעם סאַלון.

אויף דער גאַס איז דער טעם פונעם וויץ נאָך געלעגן אויף זיין גומען. דער שאַרפזין האָט אים געהאַלטן אין אַ מונטערן צושטאַנד. ער איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דער צווייטער עוועניו. ס'איז געווען קיל. פייכטע ווינטלעך, ווי דער אָנזאָג אויף אַ רעגן, האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט, כאָטש דער הימל איז געווען ריין, אויסגעקלאָפּט מיט שטערן. די אַרומיקע געשעפטן פון קליידער, שיכווארג, דאַמען־טאַשן און ביכער־קראָמען זיינען געווען פאַרהעמערט. בלויז דאָ און דאָרט זיינען די שויפענצטער פון אַ פאָטאָגראַפישער סטודיאָ צי די נעאָן־שילד פון אַ ביליאַרד־פּלאַץ, געווען באַלויכטן.

דער נאַכט־שפּאַציר האָט אויף גייגערן געווירקט צום גוטן. עס איז געווען אַן אָטעם־פויזע צווישן זיפּן דאָס ביר און זויגן די לופט.

די פיר און צוואַנציק שעה אין מעת לעת זיינען ביי גייגערן גע־ווען איינגעשטעלט לויט אַן אויסטערלישער פּראָגראַם. ער איז אין קעגנ־זאַץ צו די אַנדערע מיטווינער פון זיין קרייז אין יאָרקוויל, געשלאָפן ביי טאָג און געווען וואַך ביי נאַכט. און כאָטש זיין לעבנס פירונג האָט געהאַט אַ פאַרקערטן סיסטעם, האָט דאָ סאָבער נישט אָפּגעשוואַכט זיי־

נע לעבעדיקע רעזערוואַר־כוחות, מיט וועלכע ער האָט דורכגעפירט זייע נע טעגלעכע, רוטינע פונקציעס.

קיין גרויסע אויפגאַבן האָט גייגער דורכן מעת לעת נישט געדאַרפט דורכפירן. זינט ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון זיין יאָרן־לאַנגער שלאָסער־אַרבעט, האָט ער אָנגעהויבן צו קוקן אויף דער וועלט מיט קילער לעבנס־דערפאַרונג. די טעג האָבן זיך איצט געצויגן עגאַלע, איינער ענלעך אויפן צווייטן. זיינע לויפנדיקע באַשעפטיקונגען אָן פּלאַן, אָן אינהאַלט זיינען געווען מער צוליב אַ באַוועגלעכקייט אײדער צוליב צוועקמעסיקייט. און גייגער האָט זיך צוריקגעצויגן פון זיין אַרבעט ערשט אין די שפּעטע זעכציקער. ביז דעמאָלט איז ער געווען אַ פלייסיקער מיינסטער־שלאָסער. זיין ווערקשטעל האָט געהאַט אַ נאָמען אין יאָרקוויל, אַרום די אכציקער גאַסן. יעדע רעפּאַראַציע, יעדע באַשטעלונג האָט געהאַט דעם צייכן פון אַ געניטן פּרייסישן מייסטער. דאָס האָט אים געהאַלטן שטענדיק פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. דערצו האָט זיין פּעדאַנטישקייט און אויך דאָס וואָס ער איז געבליבן אַן אַלטער בחור, אים געהאָלפן לייגן אַ סך אַכט אויף זיינע אָפּשפּאָרונגען. צו זעכציק יאָר האָט גייגער געהאַט אָנגעזאַמלט אַזויפיל געלט, אַז ער איז אומשטאַנד געווען צו קויפן צוויי פאַרמס מיט־אַמאָל אין פּענסילוואַניע און ווערן דאָרט, פּונקט ווי זיין ברודער, אַן ערד־באַזיצער. ער האָט אָבער אָפּגעשטויסן דעם איינפאַל. ער האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן ניו־יאָרק. ער האָט ליב געהאַט דעם דייטשן יאָרקוויל. די זעלבע שטאָט, וואָס האָט אים געהאַלטן איינגעשפּאַנט פערציק יאָר ביים ווערקשטעל, האָט ער געוואָלט אויסנוצן פאַר פאַרגעניגן און אינהאַלטס פולן צייט פאַרטרייב. זיינע אויפגעראַיעטע בענקשאַפטן נאָך פרייסן האָבן אין אים אויפגעוועקט אויף דער עלטער אַ היימאַט־פּאַטריאָטיזם. און ווען די צווייטע וועלט־מלחמה האָט אין ניינצן ניין און דרייסיק אויסגעבראָכן, האָט גייגער געקויפט אַ פינף־שטאָקיק הויז אויף ריווערסייד־דרייוו — אַ פאַרזאָרגונג און דערנערונגס־קוואַל פאַר די רעשט יאָרן. פאַרוואַלטן דאָס הויז האָט ער איבערגעגעבן אַ טיכטיקן אַדוואָקאַט. אַליין האָט ער זיך איינגעקוואַרטירט אין אַ מעבלירט צימער, ווו די הויז־ווירטין, וועלנדיק מונטער מאַכן זיינע איינזאַמע שעהן, האָט פאַר אים צוגעשטעלט אַ היימלעכן קאַנאַריק און צוויי גוט־דערצויגענע הינט.

און גייגערס פריערדיקע, פאַרלאָפענע יאָרן, ווו יעדער טאָג איז געווען אָנגעלאָדן מיט אַרבעט, יעדע שעה — פול מיט טואונג — זיינען איצט פאַרנומען געוואָרן ביי אים דורך צייטן ניכטערע, אָפּגעקילטע, ווו אין די לויפנדיקע טאָג־געשעענישן האָט ער געזוכט פאַרווײלנדיקע אויפרעגונג און צעשטרייאונג.

גייגער איז שטיין געבליבן פאַר אַ ראָג־גאַס, ווו ס'איז געפאַלן דער

שיין פון א הויכער סלופּ־לאָמפּ. אַרויסנעמענדיק פון זיין פּולאָווער־טאַש די ביינערנע פּייקע, וואָס האָט אים שוין געדינט פערציק יאָר, האָט ער זי גוט אויסגעקלאַפּט אינעם לאָמפּן־סלופּ, דערנאָך אָנגעשטאָפּט דעם קוימען מיט פּרינץ־אַלבערט־טאַבאַק און פאַרויכערט.

ער האָט איצט געוואָלט אויסמיידן דעם גרין־אילומינירטן האָטעל „רהיינלאַנד" אין עק בלאָק, וואָס ער מוז פאַרבייגיין יעדעס מאָל אויף זיין נאַכט־שפּאַציר. אין דער צעפּליגלטער דריי־טיר פונעם האָטעל שטייט פאַרשטעקט מאַרגאַרעט, דאָס טומלדיקע יאָרקווילער גאַסן־מיידל. זי וואַרט אויף יעדן שכורען פאַרבייגייער, צו מאַכן אים איר לעצטן נאַכט־אָנבאָט. ווי נישט דערפאַלגרייך מוז מאַרגאַרעט זיין, אויב זי מוז אָנקומען צו פאַרקויפן ליבע־שעהן צו אימפּאָטענטע זיבעציק־יעריקע!

זיבעציק־יעריקע? — איז גייגערן דורכגעלאָפן א געדאַנק — פון ווען אָן זיינען זיבן צענדליק יאָר א לאַסט פאַרן קערפּער? פון ווען אָן איז א רייפע פרוכט א פאַרשעמונג פאַרן בוים? ער, גייגער אַליין, איז אַן אָפענע פאַרלייקענונג פון אַזאַ פאַרדאַכט. ער איז א קעגנזאַץ צו אימפּאָטענץ. זיין גוט־אויסגעקלאַפּטער קערפּער איז א רעזערוואַר פון קוועלנדיקע זאַפטן. א נעץ לעבנס־שטראָמען. סטאַבילע, אומאויסשעפּלעכע קרעפטן ריזלען זיך ווי בלוט־ריטשקעלעך דורך זיינע ביינער, ווייל ער האָט געוווסט ווי צו לעבן, ווי צו פיטערן זיין רוקנביין, וואָס איז באַדעקט מיט פלייש און בלוט פון א געזונטער, לעבנס־שטאַרקער ראַסע.

אויגוסט גייגער האָט זיך איבערגענומען מיט זיין רייפער עלטער, ווי מיט א גוט אויסגעשטאַנענער, פאַרמאַכטער נוס. ער איז ריין, אָן דעפעקטן. די נאַטור־ענטוזיאַסטן פריידיקן א צוריקער צו ערד, צו לאַנדלעבן און ער, גייגער, לעבט זיינע לעצטע פופציק יאָר אין דער שטאָלענער ניו־יאָרק, צווישן בעטאָן־מויערן, גראַניט־ווענט און אַספאַלט־ברוקן.

אַזוי טראַכטנדיק איז ער געגנווייליק צוגעקומען צום גרין־אילומינירטן האָטעל „„רהיינלאַנד". אין דער פאַרגלאָזטער דריי־טיר, איז מאַרגאַרעט נישט געווען. דער האָטעל־פּאָרטער, א בלאָנדער, גוט־אויסגעקנאַטענער מאַן, האָט, שפּריצנדיק פון א גומענער קישקע שטראָמען וואַסער, געוואַשן דאָס שטיק טראָטואַר פאַרן אַריינגאַנג. ער האָט באַגריסט דעם פאַרבייגייער:

— גוט מאָרגן, הער גייגער.

— העלאָו האַנס! — האָט גייגער א צופרידענער זיך אָפּגעשטעלט און אַרויסגענומען די פּייקע פון מויל, גרייט צו פאַרפירן א שמועס.

— איר איילט זיך אַהיים, הער גייגער? — האָט דער פּאָרטער דער ערשטער אָנגעהויבן.

— כ'אייל זיך נישט, האַנס. כ'אייל זיך גאָרנישט. און צו וואָס זיך איילן? דאָס הויז־ווייב וועט מיר נישט אַנטקעגנגיין מיט א בעזעם.

— נאך אלץ צופרידן מיט אייער ווייבלאז לעבן? — האט דער האטעל־פארטער געשמייכלט — צופרידן וואס איר זייט פריי? דאס מיינט אבער נישט, אז איר דארפט נעכטיקן אויף די יארקווילער גאסן. אין אייער עלטער, הער גייגער, איז רו אין די נאכט־שטונדן וויכטיק...

— דומהייט! און אומזין! — האט גייגער א מאך געטאן מיט דער האנט און האסטיק גענומען זויגן די פייקע — כ'גליב נישט אין די פארשריפטן, וואס מע האט צוגעגרייט פאר דעם מענטשלעכן קערפער. דאס וויכטיקסטע, אז די קאנסטיטוציע איז שטארק... דאס סיסטעם ארבעט ארגאניזירט... און וויסטו אין וואס מיין טעגלעכע דיעטע פאר די לעצטע פופציק יאר באשטייט? שוויין, קאלבסבראטן און ביר. פופצן גלעזער ביר אין פיר און צוואנציק שעה. גארנישט מער, ווי ביר! יא, און לידיק זיין האט אויך עפעס צו טאן מיט מיין געזונטער קאנסטיטוציע, נישט באלעסטיקט זיין פון א ווייב... כ'האב דאס צו פארדאנקען מיין ווייבלאזיקייט, מיין גרויזאמער ווייבלאזיקייט... כע־כע־כע־כע...

— האט איר טאקע גארנישט פארלוירן אז א הויז־ווייב?

— פארלוירן? געשווינט האב איך זיך, האנס. געשווינט זיך גאנצע דריי און זיבעציק יאר. אז ס'איז דא א ווייב, קומען קינדער. און וואס וואלט היינט פון זיי געווען? שוואכזיניקע דעמאקראטן, וואס וואלטן געדינט אין אנקל סעמס ארמיי, וואלטן געגאנגען קעמפן פאר ענגלאנד... יא, געלגענהייטלעך — האט גייגער זיך צוגערוקט נענטער צום האטעל־פארטער, גרייט עפעס צו פארטרויען — כ'וועל דיר דערציילן דעם לעצטן וויץ וועגן ענגלאנד. כ'האב היינט עס אויפגעכאפט אין סאלון... זייער הומארפול, זייער שארפזיניק... גרייט צו הערן, האנס?

א הויכער פאליסמאן אין זיין שווערן בלויען ראק, מיט זיין רעכטע האנט פארלייגט איבערן קלאב, איז מיט זאכטע, געמאסטענע טריט פארבייגעגאנגענע פארן האטעל. גייגער, וואס האט שוין געהאט געעפנט דאס מויל, האט אין פארלעגנהייט פאו קלאפט זיינע יאסלעס, אראפגעשלונגען די סלינע און זיך דערווייטערט.

אפציענדיק פון דעם האטעל „רהיינלאנד", האט גייגער געשפרייזט אין דער ריכטונג צוו טייך. דער גאנג נאכט איין, נאכט אוים פארביי די זעלבע גרויע בלאקן האט געפירט צו דער דריטער עוועניו, ווו אין די זייטן געסלעך זיינען אויסגעשטעלט טונקל־באלויכטענע „סיידער־שטובן".

אויגוסט גייגער טוט אויסמיידן די „סיידער־שטובן". דער סיידער, וואס מען פארקויפט דארט, איז א פליסיקייט געצויגן פון עפל־זאפטן. און אזא טרונק־שטוב איז נישט קיין צוציונגס־ארט פאר מענער מיט נייגונגען צו ביר און ניקאטין. און גייגערן דאכט זיך, אז גראד פון די אומשולדיקע טרונק־שטובן יאגט א פארדאכט. הינטער די זיסע האניק און מעד־פליסיקייטן באהאלט מען פארבאטענע זאכן. ערשט ארום פאר־

טאָג ווערט דאָרט טומלדיק. ער שיטן זיך אַריין ריזיקאַנטן, איינשטעלערס, פּיפּיקע באַנדיטן און געריבענע נאַרקאָטיק־הענדלער — דאָס אָפּפאַל פון יאָרקוויל. אַנשטאָט סקאָטש דערלאַנגט מען מעד, אַנשטאָט דזשין שלאָגט מען פאָר עפּל־זאַפט. און אַלע באַר־באַדינערינס זיינען מיידלעך. מיידלעך רויטהויטיקע, מיידלעך בלאָנדע, מיידלעך שוואַרץ־צעפּיקע, מיידלעך ווי געפעלשטע קינסטלעכע בלומען. זייערע אויגן זיינען פאַרפירערישע, זייערע שמייכלען פאַרדעכטיקע. יעדעס געטראַנק ווערט באַגלייט מיט אַ פייערדיקן בליק — אַ צוזאָג אויף פאַרבאָטענע פאַרגעניגנס.

גייגער באַשולדיקט נישט די מיידלעך, די אַרויסגעשטויסענע פאַר באַהאַלטן זייער פּראָפעסיע הינטער דער פאַרהאַנג פון די סיידער־שטובן. דער מעיאָר פון ניו־יאָרק איז שולדיק. קיין אָרדענונג איז דער ריזיקער שמעלץ־טאָפּ־שטאָט. די סיסטעם דאָ שטינקט! ניו־יאָרק, די שטאָט פון מיליאָנען, וואָס איז פול מיט רעקעטירס, געמבלערס, מיט פאַרברעכן און זינד ווערט פרום, ווען עס קומט צו רעגולירן דאָס פּראָבלעם פון די אַרויסגעשטויסענע מיידלעך. אין דייטשלאַנד איז די פראַגע געלייזט. די באָרדעלן זיינען דאָרט אַ סאָציאַלע נויטווענדיקייט, פּונקט ווי די שטאָט־בעדער.

ניו־יאָרק האָט נישט קיין רויטע ליכט־קוואַרטאַלן. און די היפּאָקריטישע שטאָט־טאַטעס מיט זייערע געזעצן און באַוואָרענישן קעגן אויסגעלאַסנקייט, טרייבן די פריילעכע מיידלעך צו עפענען אַזעלכע זינדיקע נעסטן.

אָפּגעמאַכט זיין מיינונג וועגן די ניו־יאָרקער שטאָט־טאַטעס, האָט גייגער געוואָרפן איצט אַ בליק אויף דער ערשטער סיידער־שטוב, וואָס ער איז פאַרבייגעגאַנגען. אין שויפענצטער זיינען אויף אַ שנור געהאָנגען קאָלירטע באַלאָנען. אויף דער גרינער שויבן־טיר איז געווען אויסגעמאָלן אַ פעטער ביר־זויפער מיט אַפּאָר בלאָנדע וואָנצעס, אין אַ פּאָר שטייערמאַרק־הויזן און אויפן קאָפּ אַ טיראָלער היטל מיט אַ גרינע פעדער. די טיר איז געווען האַלב־אָפן. אַ קאָפּ האָט אַרויסגעשטעקט פון אינעווייניק. דאָס איז געווען עריך שפּאַלנאַגל, דער אייגנטימער פונעם שכנותדיקן שיינהייט־סאַלאָן. ער האָט דערזען גייגערן און אים געצויגן פאַר אַן אָרעם:

— ביטע הער גייגער, טרעט אַריבער. צוזאַמען וועלן מיר האָבן מער שפּאַס.

— ווער זוכט שפּאַס? — האָט גייגער זיך נישט געלאָזט אַריינשלעפּן אין דער סיידער־שטוב — גענוג היינט זיך אָנגעשפּאַסט. איבעריקנס, מיך לאָקט נישט דער ווייבערישער געטראַנק. איך באַלאַנג נישט צו אייער באַנדע און כ׳האָב אויך נישט צו טאָן מיט די נאַכט־פייגל.

— הער נאַר, ווער עס רעדט! דער עלטסטער נאַכט־וואַנדלער פון יאָרקוויל! — האָט עריך שפּאַלנאַגל זיך צעלאַכט — איר הער גייגער,

מיט אייער ווירדע, מיט אייער אַנזען קענט זיין דער נאָבעלער וואַכמייסטער איבער אַלע נעסטן פון די נאַכט־פייגל. טרעט אַריבער אַנקעל גייגער, טרעט אַריבער, מיר וועלן פייערן מיצים געבורטסטאָג.

— ווילקאָמען! ווילקאָמען! — האָט פון אינעווייניק זיך געהערט אַ מיידעליש ליאַרעמדיק קולעכל. באַלד האָט אין טיר זיך באַוויזן מיצי אין אַ רויט־סאַמעט קלייד מיט אויסגעשניטענע אַקסלען. איר קרענקלעך, ווייס פּנים איז געווען איינגעראַמט מיט קענדזשערם אַש — בלאָנדע האָר. און די אָנגעשאַרפטע ברעמען זיינען געווען שפּיציק און קראָען־שוואַרץ. זי האָט איינלאַדנדיק צוגעוואָרפן גייגערן אַ פאַרשייטן בליק. אָבער אַנשטאָט דער בליק זאָל אים אַריינרופן, האָט עס אים צוריקגעהאַלטן.

— ווילסט מיר אָפּזאָגן, אַנקעלכען? — האָט מיצי אים גענומען אונטערן אָרעם און אַ גלעט געגעבן מיט צוויי פינגער זיין האַרטע גאָמבע — ביסט מיין גאַסט. און אַ געהויבענער גאַסט, אַנקעלכען! ווי די אייגנטימעריין, לאָד איך דיך איין צו טרינקען כאַטש איין גלאָז צו מיין געבורטסטאָג.

— רוף מיך נישט אַנקעלכען — האָ טגייגער זיך געווערט — כ'האָב פיינט דיין סיידער־שטוב! כ'פאַרטראָג נישט דיין עפּל־זאַפּט און כ'ליב אויך נישט די זיסע קוואַטשנעמען... האָסט עפּעס מער צוציענדיקס?

מיצי האָט אים איינגערוימט אויפן אויער.

— מען וועט זינגען רהיין־לידער, אַנקעלכען... מען וועט שפּילן די „לאָרעליי"...

גייגער, וואָס האָט אַ מינוט צוריק דורכוים באַשטאַנען צו בלייבן אין דרויסן, האָט איצט נישט געקענט זיך קעגנשטעלן דער צודרינגלעכקייט, און אַ קווענקלדיקער זיך געלאָזט אַריינפירן. וואָס דער ווייבערישער וואָפן האָט נישט געקענט באַוויזן, האָט אויסגעפירט דער צוזאָג, אַז מען וועט שפּילן די „לאָרעליי". די רהיין־לידער, ווי די רהיין־לידער, אָבער פאַר דער „לאָרעליי" ווערט גייגער וואַנזיניק... די מעלאָדיע פירט אים צוריק צום אומפאַרגעסלעכן היימאַט־טייך. עס עפנט ביי אים אַלע קוואַלן פון הייסער בענקעניש און דערמאָנונג. דאָס איז אויך אַן אָפּרו נאָך די טומלדיקע, ליאַרעמדיקע טראָמפּייטער־אָרקעסטערס, וואָס גרילצן אַרויס פון די ניו־יאָרקער שפּיל־הייזער און שענקען. און וואָס פאַר אַ פאַרגלייך קען שוין זיין צווישן דער זיסער פרייסישער מוזיק און דעם קוויטשיקן דזשאַז, וואָס באַגלייט די קאָפּ־שווינדלענדיקע דזשיטערבאָג־טענץ?

אינעווייניק האָבן גייגערן אַרומגערינגלט אַ האַלב טוץ מיידלעך, וואָס האָבן געטראָגן אויף די קעפּ פּאַפּירענע, קאָלירטע מיצן, ווי זיי וואָלטן געפּייערט ניי־יאָר. צוויי האָבן פיבערדיק געראַוויכערט און אין דיערזעלבער צייט געזויגן פון שטרויען, אַריינגעשטעקטע אין פלעשלעך. די אי־

בעריקע האָבן קוויטשענדיק אָנגעקלאַפּט גלעזלעך וויסקי. זיי האָבן אַראָפּגעצויגן דעם טרונק מיט איין שלונג און זיך געווונטשן.

— וואָהל!

— אונדזער אַנקל גייגער!

מיצי האָט געהאַלטן וואָרט. צוליב גייגערן האָט זי באַשטעלט ביים פידל־שפּילער, ער זאָל אויסשפּילן די „לאָרעליי". דער פידלער מיט אַ פּאָר אויפגעראָלטע וואָנצעס ווי ביי אַן אַלטמאָדישן איטאַליענישן פּריזירער איז צוגעגאַנגען צום ווינקל, ווו עס איז געשטאַנען אַ פּוס־האַרמאָניע, אַריינפּאַסנדיק אַן עק פון דער פידל הינטער דער גאָמבע, האָט ער גרימפּלענדיק אָנגעצויגן די סטרונעס. עריק שפּאָלנאַגל, דער אייגנטימער פונעם שכנותדיקן שיינהייטס־סאַלאָן האָט פלינק פאַרנומען זיין אָרט ביי דער פוס־האַרמאָניע און באַלד האָבן די טענער פון דער „לאָרעליי" אָנגעפולט די סיידער־שטוב מיט אַ זיסן, פאַרבענקטן אומעט.

אונטער די קלאַנגען פון דער „לאָרעליי" האָט גייגער געלאָזט מיט זיך אַלץ טאָן. די מוזיק האָט, ווי באַלזאַם, איצט געקילט דאָס אָנגעבריטע לייב. ער האָט פאָלגנדיק אָנגענומען יעדן אָנבאָט. ער האָט געהאָרכזאַם אַריינגעצויגן איין וויסקי נאָכן צווייטן, כאָטש אויס פּרינציפּ האָט ער נישט גענוצט דעם ברענענדיקן געטראַנק. די ריטמישע נאָגנדיקע טענער האָבן אים צעוואָרעמט און נישט געמאַכט אים באַמערקן, ווי אַ פּאָר דינע ווייסע הענט מיט רויטע, מאַניקירטע נעגל טוען געהיימנישפול מישן פאַר אים ביר מיט שערי־ברענדי, מיט סקאָטש. דער באַר־טענדער — אַ דיק, פליישיק מיידל מיט אָנדולירטע רויטע האָר אין שאַרפע בויגנברעמען, — האָט ווווילעריש זיך אַרויפגעזעצט אויפן ראַנד פון באַרטיש. זי האָט אויפגעהויבן איר קליידל איבער דער קני און זיך פאַרנומען מיט דער נישט־דיסקרעטער באַשעפטיקונג — אויפשלייפן איר זאָקן־בענדל. דערנאָך האָט זי אַרויסגעצויגן פונעם פולן, צעעפנטן בוזים אַ קליין מאָט אַלומיניום־פלעשל ווי אַ פאָרט־סיגאַר, אויפגעפּראַפּט דאָס פלאַטשיקע העלדזל און ווי אַ טייערן, קאָסטבאַרן נעקטאַר געגאָסן אַראָפּגוווייז דעם דזשין גלייך אויף גייגערס ליפּן.

די מיידלעך אין די קאָלירטע פּאַפּירענע מיצן, האָבן אונטערשפּרינגענדיק, געקייכט פון געלעכטער.

אויגוסט גייגער האָט נישט פּראָטעסטירט. צי פון פוילקייט, צי פון אָנמעכטיקייט זיך קעגנצושטעלן, אָבער זיינע אויגן האָבן זיך גענומען קלעפּן פאַר דער צייט. אַ מידקייט, וואָס מאַכט שווער דעם קערפּער, האָט אים געצויגן זיך צו זעצן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַן אויסגעגבעט בענקל, וואָס מיצי האָט אים אונטערגעטראָגן. פון וואַנען נעמט זיך די מידקייט? פון צופיל טרינקען? פון אַ באַגער נאָך שלאָף? ער האָט דאָך ערשט אָנגעהויבן צו זופּן! און די פליסיקייט איז זיס ווי לייכטע קינ־

דער־מעדיציין. אויך די שלעפעריקייט איז נישט אין צייט. זיינע שלאף־שעהן הויבן זיך אן ארום האלבן טאג. „הויב זיך אויף, גייגער! וואקל זיך נישט, גוטבאזיצער פון יארקוויל! — האט ער אריינגעציילט אין זיך איין פארווארף נאכן צווייטן, און זיך אנגעשטרענגט צו שטעלן אויף די פיס — וויין זיי, די פלאטער־מיידלעך, אז דו ביסט שטאנדהאפטיק... מוזיק און דזשיין האבן קיין ווירקונג נישט... קענסט זיך האלטן אויף די אייגענע פיס, גייגער, דארפסט נישט קיין אונטערשטופערס...״

די פוס־הארמאניע, באגלייט פון די פידל־טענער, האט אומעטיק געזאגט מיט דעם איינטאניקן ריטם, פונקט ווי די טראפנס דזשין, וואס זיינען איינצלווייז געפאלן אויף זיינע ליפן.

...וואס זאל דען דאס באדייטן,
אז איך אזוי טרויעריק בין? —
איין מערכען פון אוראלטע צייטן — — — —

גייגער האט נישט באוויזן אויסצוציען די קניען, ווי א שארפער שניידנדיקער אקארד, פונקט ווי דער פייפנדיקער שמיץ פון א בייטש, האט אפגעשטעלט דאס שפילן די לארעליי. לעבן גייגערן איז איצט געשטאנען דער פידל־שפילער מיט די אויפגערעדלטע וואנצעס און זיך פארנויגט ווי אן אקטיאר. באטויבט ווי ער איז געווען, האט גייגער גוט געוווסט, וואס דאס מיינט. ער דערקענט די פיינל לויט זייערע פעדערן. דער שפאס ווערט איצט ווערטפול. מען האט אים אריינגעקריגן. די לייכטזיניקייט איז קאסטבאר. איצט וועט זיך אין אים ראנגלען די לוסט נאך פארשווענדערישקייט און דער ווילן צו צוימען זיין ברייטע האנט. אבער זיין גרויסמוטיקייט, די פריטישע גרויסמוטיקייט וועט זיגן...

גייגער האט ארויסגענומען דעם פארטפעל. עס האט אים נישט געארט, וואס דאס רעדל ארום אים האט זיך פארדאפלט. מיט צוויי פינגער האט ער געצויגן איינצלנע גרינע דאלאר־באנקנאטן, איינס נאכן אנדערן און זיי געטיילט צו די אויסגעשטרעקטע הענט.

— דאס איז פארן דזשין, און דאס איז פארן סקאטש. און דאס איז פאר דער לארעליי — — —

פאר זיין ברייטהארציקייט האט ער איצט פארלאנגט באקוועמלעכקייט. ער האט נאכגעגעבן די מידקייט און איז שוין האלב געלעגן אינעם אויסגעבעטן שטול. די פארלאשענע פייקע אויף דער קני. זיינע אויגן־דעקלעך האבן זיך מער נישט געוויגט ארויף און אראפ. זיי זיינען געווען געשלאסן. אין די אויערן האבן נאך געליארעמט די אויסגייענדיקע נאכטענער.

...וואס זאל דען דאס באדייטן,
אז איך אזוי טרויעריק בין?
איין מערכען פון אוראלטע צייטן — — — —

מיצי, וואָס איז געווען פאַרשוווּנדן ביים שפּילן די „לאָרעליי״, האָט זיך איצט באַוויזן, פירנדיק אַ מאָגערן מאַן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אַקראָבאַט. דער מאַן האָט געהאַט אַ שוואַרץ־געקרייזלטן קאָפּ, אַ פּאָר פלינקע, לויפנדיקע אויגן און אַ מעכטיקע נאָז, וואָס קען שנאַפּן אויף מיילן — ווו ס׳ליגט גליק און ווו געפאַר. ער האָט זיך איינגעקוקט אין דעם אויסגעשעפּטן, שלאָפנדיקן גייגער.

— ווער איז דער זויפער?

— דאָס איז אונדזער גוטבאַזיצער פון יאָרקוויל — האָט מיצי געשמייכלט — איר האָט זיך נאָך נישט באַגעגנט? אָנקל גייגער! — האָט זי געוועקט דעם גוטבאַזיצער — באַקענט מיין פריינט, רודאָלף שולטע. אַ גאַסט אין יאָרקוויל.

גייגער האָט נישט געעפנט די אויגן. זיין גאָרגל האָט געכראָפּעט ווי אַ שניידנדיקע זעג.

רודאָלף שולטע האָט פלינק באַטראַכט גייגערן און באַשטעטיקט:

— כ׳זע שוין, ער איז פול מיט סקאַטש. ער האָט געוויס דורכגעמאַכט אַ געוועט מיט אייך זויפערס, ווער עס וועט מער קענען אריינגיסן. דאָס געוועט האָט ער טאַקע געווונען, אָבער די שפּראַך האָט ער פאַרלוירן...

עריק שפּאָלנאַגל, דער אייגנטימער פון דעם שיינהייטס־סאַלאָן האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט דעם אריינגעקומענעם.

— העלאָ אָלדטיימער! אַלטער צויבערמאַן! וועמען זע איך דאָ? רודאָלף שולטע מיט די ביינער! ווו האָסטו זיך אַרומגעשלעפּט דעם גאַנצן זומער? און וואָס איז דיין באַשעפטיקונג איצט? דו ווייזט ווידער מאַגישע קונצן? אַ קאָרטן־וואַרפער? צי אַ ווייבער־יעגער?

—כ׳גנבע פרעמדע געוויסנס...

— דער זעלבער אַלטער שפּאַס־טרייבער! — האָט עריק אַ גליקלעכער אים געקלאַפּט איבער די פּלייצעס. ער האָט זיך צעלאַכט, צופרידן געווען וואָס אַלע לאַכן מיט און זיך אָנגערופן:

— דאָס איז נישט גנבה, רודאָלף. דאָס זיינען ספּאָרט־אַוואַנטורעס. סעאַנסן פון אַ האָקוס־פּאָקוסניק. עס איז אַ טייל פון דיין פּראָגראַם צו דעמאָנסטרירן מאַגישע שטיק. און דו גנבעסט פרעמדע געוויסנס, רייסטו אויס שטיקער נשמהס... וועסטו אויך קענען אַמוזירן אונדז דאָ, אין יאָרקוויל. און שוין איצט. אַכטונג! — האָט עריק אַ פּאַטש געטאָן די הענט, און זיך געווענדעט צום רעדל — רודאָלף שולטע וועט פאַר אונדז דורכפירן אַ סעאַנס פון היפּנאָז. ווער וויל זיין דער מעדיום? ווער גייט פרייוויליק?

— מיך וועט ער נישט קריגן! מיך נישט! — האָבן די מיידלעך געשריען.

—אויך נישט מיך! — האָט מיצי זיך אָפּגעטרייסלט — פאַר אַלץ קען מען מיך קריגן, נאָר נישט פאַר אַ מעדיום. כ'האָב פיינט צו ווערן איינגעשלעפערט. דער לעטאַרגישער שלאָף, איז פּונקט ווי דער טויט.

שולטע, צופרידן וואָס ער איז געוואָרן דער צענטער פון אויפמערק־זאַמקייט, האָט איצט אויסשפּירעריש זיך אַרומגעקוקט. ער האָט געשיקט זיינע פלינקע לויפנדיקע אויגן איבער אַלע ווינקלען פון דער טרונק־שטוב. ער האָט אַ ציִ געטאָן זיין מעכטיקע נאָז פאָרויס, שנאַפּנדיק רעכטס און לינקס און געזאָגט:

— איך האָב אַ מעדיום.

די אויפגעלייגטע געסט האָבן זיך צוזאַמענגערוקט נענטער. אין זייער נייגעריקייט צו דערגיין ווער דער מעדיום איז, האָבן זיי נאָכגעפאָלגט יעדן קער זיינעם, ווי מען פאָלגט נאָך די באַוועגונגען פון אַ שוואַרץ־קינצלער. מיצי איז זיכער געווען אַז שולטע וועט ציען פון זיין בוזים אַרויס טויבן, פייגל, וועוויאָרקעס... ער וועט איינשלינגען אַ שווערד, אַ ברענענדיקן פאַקל... ער וועט פאַרוואַנדלען ציגאַרן דורך די אויערן, שלעפּן גאָלד־שטיקער פון די נאָז־לעכער...

דערווייל איז שולטע, מיטן פנים פון אַ תם, זאַכט און פאַרזיכטיק, צוגעגאַנגען צום שלאָפנדיקן גייגער. ער האָט איבער זיין קאָפּ אַ פיר געטאָן מיט דער רעכטער האַנט, אַ קנאַק געגעבן מיט צוויי פינגער און געזאָגט.

— איך קען נוצן אַ מעדיום אין אַלע פאַלן. מען מוז נישט דווקא איינשלעפערן אַ וואַכעדיקן, כדי אים אַריינצופירן אין דער צויבער־וועלט. מען קען אויך אויפוועקן אַ שלאָפנדיקן.

גייגער, אַנגעבלאָזן, אויפגעקאָכט וואָס מען האָט אים אויפגעוועקט, האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט זיינע שווערע ליפּן.

— פרעכהייט!

— געוואַנטקייט! — האָט שולטע פאַריכט און אין איין אויגנבליק אָפּגעריסן אַ קנאָפּ פון גייגערס ראָק און עס אַ שלידער געטאָן צו דער ערד.

איידער דער באַליידיקטער גייגער האָט באַוויזן צו פּראָטעסטירן, אויסצולאָדענען זיין כעס איבער דעם שפּאָט, וואָס מען טרייבט מיט אים, איז דער קנאָפּ שוין געווען צוריק אין דעם שוואַרצקינצלערס האַנט, פון זיין האַנט איז דער קנאָפּ געפלויגן צו דער סטעליע, דערנאָך צוריק־געפאַלן אויף גייגערס ראָק און מיט איין קלאַפּ פון שולטערס דלאָניע געוועזן צוגענייט אויפן זעלבן אָרט, ווי פריער.

ביי גייגערן האָבן די אויגן זיך אָנגעגאָסן אויף רויט. די אָדערן־שנירלעך אַרום די וויסלען האָבן זיך אָנגעצויגן ביז צום פּלאַצן. די ברייטע נאָזלעכער האָבן געשיפּעט. ער האָט זיך געקלאַפּט אין האַרצן אַריין.

כ׳וועט זיך, אַז דו ביסט אַן אַנגעלאָפענער אין יאָרקוויל. אַ פּליכט־לינג. האָסט יידישע חוצפה!

— געטראָפן! — האָט דער שוואַרץ־קינצלער באַשטעטיקט.

— איצט, אַז דו ביסט אַזאַ וואַנדער־ווייזער — האָט גייגער זיך אויפ־געשטעלט שוין אינגאַנצן אַ וואַכער — וויל איך זען דיינע צויבער־שטיק. רייסן קנעפּ קאָן יעדער ציגיינער. דאַנערוועטער! דו איבערציַיג מיך מיט דיין צויבער־קראַפט. כ׳וועל זיך לאָזן קאָסטן. כ׳שטעל איין גאַנצע פינף דאָלאַר. סאַקראַמענטאָ! כ׳וועל הייסן ברענגען צוויי פליש־מאָלצייטן. פאַר מיר אַ געבאַקענע הון און פאַר דיר — אַ הייסן שווייַן־קאָפּ. דו עסט דאָך כשר, וואָס? איז אויב דו ווילסט עס נישט פאַרזוכן, פאַרטראַגסט נישט דעם גערוך פון שוויין — ווייז דיין מאַגישע קראַפט און פאַרוואַנדל דאָס אין אַן אַנדערע געשמאַקע שפּייז, וואָס דו האָסט ליב... איינפאַר־שטאַנען?

—כ׳נעם אָן דעם אָנבאָט.

ווען דער פידל־שפּילער איז אַרויסגעלאָפן אין דעם נאָענטסטן רעס־טאָראַן אויסצופירן די באַשטעלונג, איז דער שוואַרצקינצלער אים נאָכ־געגאַנגען ביז צו דער טיר. פון דרויסן האָט זיך פאַרבייגעטראָגן דאָס הייזעריקע קול פון אַ פּרוכטן־הענדלער. אַ פאַרשפּעטיקטער איטאַליענער האָט געשטופּט זיין האַנט־וועגעלע, אָנגעלאָדן מיט ברוין־הויטיקע ווינ־טער־עפּל. שולטע האָט צוגערופן דעם איטאַליענער און געפרעגט וויפל עס קאָסט אַן עפּל.

— צען סענט — האָט דער פּרוכטן־הענדלער צוליב דער שפּעטער נאַכט־שעה געפאָדערט אַן אויפגעשרויפטן פּרייז.

שולטע האָט באַצאָלט דאָס געבאָטענע, גענומען אַן עפּל, דערנאָך געבאָרגט ביים הענדלער זיין צעבויגן מעסערל און אויפגעשניטן די פּרוכט. און וואונדער! — פון צווישן די שוואַרצע קערעלעך האָט ער אַרויסגע־שלעפּט אַ צוזאַמענגעקנוילטן פּאַפּירענעם דאָלאַר. דער איטאַליענער האָט געשטוינט, פאַרדעכטיק אָנגעקוקט סיי דעם קויפער, סיי דאָס פאַרוואונ־דערטע הייפל אָרום און פון איבעראַשונג געמיינט, אַז ער ווערט צע־זעצט.

שולטע האָט רואיק אים אַריינגעשטעקט נאָך אַ צען סענט שטיק, גענומען אַ צווייטן עפּל, אָנגעהויבן אויפשניידן און ווידער אַרויסגעצויגן אַ פּאַפּירענעם דאָלאַר.

ביים פּרוכט־הענדלער האָבן די ברעמען זיך אויפגעשטעלט ווי הער־נער. די גרויסע פאַרגאַפטע אויגן האָבן זיך געריסן פון די לעכער. שולטע האָט געוואָלט קויפן אַ דריטן עפּל, אָבער דער איטאַליענער האָט אים געפּאַטשט איבער די הענט. ער האָט אַ כאַפּ געגעבן זיין שטופּ־וועגעלע און גענומען אַנטלויפן מיט אימפּעט. ער איז געלאָפן מיט זיינע פאַר־

כישופטע עפל, זוכנדיק א באהעלטעניש, ווו קיין אויג וועט אים נישט קענען דערטאפן, ווו ער וועט קענען אליין, אומגעשטערט אויפשניידן די אומשעצבארע צויבער־פרוכטן און ארויסשלעפן פון זייערע אינגעווייד, איינס נאך איינס, גרינע פאפירענע דאלארן...

גייגער, וואס האט אויך זיך געדריקט אין הייפל ארום דעם שווארצקינצלער, האט קאלט באטראכט דאס פארבלענדעניש. ער האט נישט באנומען פארוואס מען אפלאדירט אים און נישט פארגינען וואס ער רייסט אן מיט זיינע בייזע וווּנדער.

פונעם נאענטסטן נאכט־רעסטאראן האט א פעטער קוכער ארייגעבראכט צוויי טעלערס. אויף איינעם איז געלעגן א פעטע, צוגעברוינטע הון. אויפן צווייטן — א חזיר־קעפל, מיט צוויי ארויסשטארצנדיקע אויערלעך און א גלאנציקן שנוק. דער אויסוואל איז פון פריער געווען באשטימט. גייגער וועט נעמען די הון, און שולטע — דאס שוויין־קעפל. די מיידלעך וואס האבן איצט זיך געשטופט פון אלע זייטן, זיינען זיכער געווען, אז דאסמאל האט דער גוטבאזיצער פון יארקוויל געשטעלט דעם שווארצקינצלער אין א פארלעגנהייט. שולטע איז טאקע געשטאנען א פארשעמטער פון דער אומגערעכטער איינטיילונג. ער האט געהאט אויף זיך גייגערס שטרענגן בליק. דער אלטער גוטבאזיצער איז געשטאנען איבער אים ווי א בארמלאזער נקמה־נעמער. דאס קאנטיקע פנים פול מיט טריומף. זיינע קאלטע, גרויע אויגן האבן פרעך געלאכט. דער ברייטער אויסגעגאלטער קיילער־קאפ האט גערוט אויף דעם פולן אנגעגאסענעם קארק און זיינע הארטע, פליישיקע ליפן האבן געטשמאקעט, ווי ער וואלט שוין געהאט איינגעמאנט זיין פארציע שאדן־פרייד.

מיטאמאל האט דער שווארצקינצלער צוגעטראגן ביידע טעלערס צו א טישל מיט צוויי שטולן. פאר זיך האט ער אוועקגעשטעלט דאס חזירקעפל, און פאר גייגערן — די הון. ער האט געלאפן אנגעלייגט צוויי סערוועטקעס, גאפל־מעסער, א מעסטל זאלץ, אלץ צוגעגרייט צום איינבייסן. די פארלעגנהייט האט זיך פון אים אפגעטאן. די גרימאסן פון זארג — אפגעווישט. די לוסטיקייט, וואס האט ארויסגעשפריצט פון די פלינקע לויפנדיקע אויגן, האט זיך צעשפרייט איבער זיין מעכטיקער נאז, איבער זיין שטערן־ביין און מאגערע באקן. ער האט אנגעקוקט מיצין, וואס האט אים נאכגעפאלגט מיט שרעק און באדויערונג. ער האט באטראכט די איבעריקע מיידלעך אין דער סיידער־שטוב, וואס האבן געגאפט מיט נייגעריקייט. דער אלטער גייגער, ווי א וואכזאמער שפירהונט האט געשנאפט ביי יעדן קער זיינעם, ווי ער וואלט זיך באווארנט אז קיין פארבלענדעניש וועט דא נישט גילטן, קיין שווארצקינצלעריי וועט דא נישט פארפירן...

שולטע האט מיט דער פויסט א קלאפ געטאן אין טיש. און די ווייסע

סערוועטקעס, ווי פאַרהאַנגען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבער ביידע טעלערס. ער האָט פאַרזיכטיק פאַרקנייטשט די סערוועטקע־עקן איבער זיין טעלער אַזוי, אַז די אויערלעך און דער שנוק פונעם חזיר־קעפּל האָבן זיך אַרויסגעזען. דערנאָך האָט ער פאַשטעלט זיינע אויגן מיט ביידע הענט. ווי עס טוען יידישע ווייבער ביים ליכט־בענטשן, און געמורמלט אַ געבעט: „גאָט פון אַברהם, פון יצחק און פון יעקב! דו ווייסט דאָך אַז איך, אַ ייד, טאָר נישט עסן קיין חזיר. און איך בין שטאַרק הונגעריק, גאָט. טאָ כאָוויז אַ וווּנדער, אַלמעכטיקער, און פאַרוואַנדל דעם חזיר אין אַ הון"...

אָפּגעזאָגט דאָס געבעט, האָט דער שוואַרצקינצליער דריי מאָל געפירט זיין האַנט איבער ביידע טעלער און אַ פּליסטער געטאָן דאָ רעכטס, דאָ לינקס, און געהיימען גייגערן אַראָפּגענומען די סערוועטקעס. גייגער האָט אָפּגעדעקט די טעלערס און פון איבעראַשונג זיך גערוקט אויף צוריק. אויף זיין טעלער איז געלעגן דאָס חזיר־קעפּל מיטן שנוק און אויף שולטערס טעלער — די צוגעברוינטע הון.

אַלע אין דער סיידער־שטוב האָבן אַפּלאָדירט.

פונעם געליטענעם דורכפאַל האָט גייגער זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. מיצי האָט אַ לאָבעדיקע אים פאַרהאַלטן ביי דער טיר. גייגער האָט זי באַטראַכט מיט צאָרן. זיינע לופטיקע נאָזלעכער האָבן זיך צעשפּרייט. דער האַלז איז אָנגעלאָפן ווי אַ בלויע מילץ. פון די נאָסע ליפּן האָט זיך געגאָסן, ווי אַ פלוד, די סלינע און ער האָט ווילד באַטראַכט שולטען, וואָס האָט פאַר זיין געלט געריסן שטיקער פון דער צוגעברוינטער הון, דאָ אַ פליגל, דאָרט אַ פאָלקע. דערצו האָט דער שאַרלאַטאַן יעדעס שטיק באַשמירט מיט מושטאַרדע, באַשאָטן מיט פעפער און געשמאַק געריבן אויף ביידע באַקן.

II

שאַרפע ווינטלעך, וואָס האָבן געבלאָזן פונעם איסט־ריווער האָבן אַרומגעכאַפּט אויגוסט גייגערן. די ווינטלעך האָבן אָנגענעם געקילט זיין קערפּער, ווי זיי וואָלטן אַראָפּגעשאָקלט פון אים דעם נאָך־טעם, וואָס איז אויף אים געבליבן נאָך דעם באַזוך אין דער סיידער־שטוב. עס האָט שוין געטאָגט. די ערשטע ליכט־פאַסן האָבן געגרויט איבערן הימל, האָבן געפליקט די לויזע דורכגעאָקערטע וואָלקנס און גענומען שלעפּן פון דער באַהעלטעניש אַרויס קילע בינטלעך זון.

ס'האָט זיך געקליבן אַ לויטערער האַרבסט־טאָג, איינער פון די ניו־יאָרקער קופּער־גאָלדענע טעג, וואָס באַווייזן זיך אָקטאָבער־צייט. אוי־

גוסט גייגער, האט דעם אינדיאנער זומער ליב. די שווערע, פייכטע היצן, די פלייצנדיקע רעגנס זיינען שוין אריבער, און צו די אנקומענדיקע שנייען איז נאך ווייט. דאס לויטערע ריחותפולע וועטער אין די איבערגאנגס־חדשים איז אויסגעצייכנט — דאס איינציקע, וואס אימפאנירט אים אין אט דער בעטאנענער און שטאלענער שטאט. די פלאנצן און געוויקסן זיינען קאלירפול. יעדער טאג — ווי ריינער אויסגעפוצטער מעש. עס דערמאנט אים די אלטע היימאט־לאנדשאפט. די ניו־יארקער סקווערן פירן אים צוריק צו די רוישיקע פלעצער און שייד־וועגן אין די פרייסישע גרויס־שטעט. דער טיימס־סקווער ווי דער אלעקסאנדער־פלאץ אין בערלין. דער קאלומבוס־צירק ווי דער בראנדענבורגער טויער. דער אונטערשייד איז בלויז, וואס דארט, אין דער היימאט ליגט איבער דעם גערויש אן איינגעהאלטענע, ריטמישע געמיטלעכקייט, ווען דא ליארעמט דער געפילדער, ווי א גרילצנדיקער, פויקענדיקער דזשאז־באנד.

גייגער האט א ווײלע זיך אפגעשטעלט, ווי ער וואלט וועלן נאכאמאל איבערוועגן זיין אפשאצונג וועגן ניו־יארקס רוישיקע גאסן. דער בלויזער איינפאל האט ארויסגערופן א שפאט־שמייכל. וואס פאר א מעסטן און וועגן! די גאסן אין די היימאט־שטעט האבן אזוינע פארצוגן, אז פארגלייכן זיינען אומדערלאזבאר. נישט בלויז די סקווערן און קרייצוועגן אין די גרויסע שטעט, נאר אפילו יעדער אריינפאר אין פרייסן, יעדע פארשטאט, וואס טונקט זיך אין פרעכטיקע פארקן און בלומען־סעדער, ארומגערינגלט מיט פאנטאנען און פלאנצן־מאזאאיק — איז איינציקארטיק! און דעם שטאלצן, איינגעבילדעטן גייגער איז אויפן זינען געקומען וואנזעע, די זומער שטאט הינטער בערלין, ווו סע וווינען די דייטשישע מאגנאטן, אינדוסטריאליסטן — דאס זעמל־מעל פון פרייסנטום. די גאסן מיט ווילעס און פאלאצן, זיינען א פראדוקט פון דער ראפינירטסטער קונסט־בוי. פארשיידענע סטילן און ארכיטעקטורן. געביידעס אונטערגעלענט פון גריכישע קאלאנעס, שלעסער באצירט מיט גאטישער ארנאמענטיק און האלענדישע ווילעס, אויסגעשניצט ווי פאנטאסטישע טויבן־שלאקן און וואסער־מילן. און ווען גייגער דערמאנט זיך אין וואנזעע, טראכט ער וועגן דעם מינכענער בוכבינדער ריכארד שניצלער, וואס האלט זיין בוכבינדעריי דא אין ניו־יארק אויף דער דריטער עוועניו. א פיינשמעקער דער שניצלער און אן ארבעטזאמער מענטש, א פלייסיקער. ער שלאפט פיר שעה און ארבעט גאנצע צוואנציק. זיין געשעפט עפנט ער שטענדיק ביים ערשטן מארגן־ליכט. פון באשעפטיקונג א בוכבינדער, אבער ער איז אויך א געדולדיקער קאלעקציאנער פון אנטיקן, א זאמלער פון אלטע ווערטפולע שריפט־בויגנס. זיין פלינקער מארך איז א לעבעדיקע ענציקלאפעדיע. און עס איז א געוווינהייט ביי אויגוסט גייגערן איינמאל א חודש, נאך אן איבערגעלעבטער ערגערניש, אריינצופאלן צו אים

און זאַלבענאַנד דורכלופטערן בענקשאַפטן און טרוימען. גייגער האָט גי־
בער געשטעלט די טריט און ווי לויט אַן איינגעשטעלטן טאָג־פּלאַן האָט
ער זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון דער פיר און אכציקסטער גאַס,
ווו אין ראָג איז געווען ברייט צעלייגט די בוכבינדעריי פון ריכאַרד
שניצלער.

צוויי דאַרע סקעלעטן־הענט פון דעם קראָם־אייגנטימער האָבן זיך
אַ הויב געגעבן מיט אַ באַגריסונג־צייכן, ווען אין דער טיר האָט זיך באַ־
[illegible]ייזן אויגוסט גייגער. אַ לאַנגער און אויסגעצערטער, מיט אַ שפּיציקן
[illegible]פּ, האָט דער בוכבינדער זיך אויפגעשטעלט פון איבער אַ קאַנטאָר־
טישל, ווו עס האָט טונקל געברענט אַ קליין עלעקטריש לעמפּל ווי אַ קנויט־
ליכט פאַר אַן אַלטאַר. הינטער דעם קאַנטאָר־טישל האָט זיך געפונען
דאָס קליינע וואַרקשטעל, דאָס געצייג איז באַשטאַנען פון אַ פּאָר אַלט־
מאָדישע שנייד־מעסערס, שערן, טעפּ מיט קלייסטער און אַ הילצערנע
האַנט־מאַשין צו פּרעסן די געבונדענע ביכער. דער קראָם־אייגנטימער
האָט געמאַכט נאָך איין שריט פאָרויס. זיין הויכער מאָגערער האַלז, ווי
דער גאָרגל ביי אַן אָפּגעצופּטן עוף האָט זיך אַרויסגערוקט פונעם ווייסן,
שטייפן קאָלנער, כדי בעסער אָנצוקוקן דעם גאַסט. און דאָס וואַקסענע
פּנים האָט זיך צעשמייכלט מיט קנייטשן.

— האַבע די ערע, הער גייגער, האַבע די ערע!

— גוט מאָרגן, הער שניצלער, ווי גייט עס דעם בוכבינדער פון
יאָרקוויל?

— פיל אַרבעט גייגער, פורכטבאַר פיל אַרבעט! — האָט שניצלער
זיך געקלאָגט — די באַשטעלונגען זיינען גרעסער, ווי מען קען זיי אָננעמען.

— כ'זע, אייער קאָלעקציע פון אַנטיק־ביכער וואַקסט! — האָט גיי־
גער זיך אַרומגעקוקט איבער די פאַרגלאָזטע טישן און שויבן־שענק וואָס
זיינען געווען פול מיט שווערע געליישטע ביכער, פּאַרמעט־בויגנס, אַלטע
ספרים־לעך און דיפּלאָמען.

— דאָס זיינען פאַרפאַלענע שאַצבאַרע ליפערונגען, וואָס קונדן פאַר־
געסן אָפּצונעמען — האָט דער אויסגעצערטער בוכבינדער פאַרטרויט זיין
גאַסט.

— נאַכלעסיקייט — האָט גייגער אומצופרידן אַ ברום געטאָן —
די מענטשן האָבן קיין זין נישט אויפצוהאַלטן זייער ווערטפול אייגנ־
טום. אין דער היימאַט ווערט מען אַנדערש דערצויגן. דאָרט ווייסט מען
צו פּרעזערווירן קאָסטבאַרע קעגנשטאַנדן.

— אַ ריזיקע שטאָט, ניו־יאָרק, אַ מעכטיקע טומלדיקע שטאָט, אַ
פאַרשווענדערישע שטאָט! און ווי אַ פאַרשווענדערין קען זי זיך דאָס אויך
פאַרגינען... — האָט דער בוכבינדער פאַרענטפערט ניו־יאָרקס נאַכלע־
סיקע קונדן — און ווי גייט עס אייך, גוטבאַזיצער פון יאָרקוויל?

— יאַרקוויל בייט זיך! — האָט גייגער געקרעכצט — זי בייט זיך מיט יעדן טאָג. דער דייטשישער קוואַרטאַל פאַרלירט זיין כאַראַקטער. מען לויפט דאָ אַהער פון אַלע עקן וועלט. אַפילו די נאַכט־סאַלונען זיינען נישט דיזעלבע... צופיל פּליכטלינגען!

— פּליכטלינגען? — האָט ריכאַרד שניצלער געלאָסן איבערגעפרעגט.

— דאָס איז, נישט קיין אויסזעצונג. אונדזערע אורעלטערן האָט מען אויך גערופן פּליכטלינגען — איז ער איבערגעגאַנגען אין אַ טאָן פון אַ פּרע־דיקער — די אויסוואַנדערער פון דער היימאַט זיינען, אַנטלויפנדיק, ווער פון פּאָליטישע, ווער פון רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען, אויך געוואָרן פּליכט־לינגען. די ערשטע דייטשישע פּיאָנערן האָבן געפּליכטעט!

אויגוסט גייגער, אַנטוישט פון דער אַנצוהערעניש, האָט באַטראַכט דיבאַטער שניצלערן מיט דער מינע פון אייגעם, וואָס ליגט גרויסע דער־וואַרטונגען אויף זיין פריינט און ווערט צום סוף אָפּגענאַרט. געקומען איז ער אַהער דורכלופטערן היימאַט־בענקשאַפטן, און אַנגעטראָפן האָט ער אַ שטרענגן פּרעדיקער. פון ערגערניש האָט די ברוינע גלאַנציקע הויט איבער זיין שטערנביין זיך גענומען רינצלען. די אויגן־ווייסלען זיינען ווידעראַמאָל אָנגעלאָפן מיט דינע בלוט־אָדערלעך און ער האָט אַ קנאַק געטאָן מיט די פלײשיקע ליפּן, רעזיגנירנדיק:

— אויך איר, שניצלער האָט זיך געביטן...

דער אויסגעצערטער בוכבינדער האָט ווידעראַמאָל אויסגעשטרעקט זיינע צוויי דאַרע סקעלעטן־הענט און אָנגענומען גייגערן פאַר אַן אָרעם. דאָס האָט ער אים צוגעפירט צו זיין קליינעם קאַנטאָר־טישל מיט אַזאַ געהיימנישפולע מינע, ווי אַ גרויסע ענדערונג וואָלט נאָר וואָס אויף דער וועלט פאָרגעקומען. ער האָט אים דערלאַנגט אַ מאָרגן־צייטונג מיט אַ פעטן שרייענדיקן קאָפּ און צוגעגעבן:

— די לעצטע נאַכריכטן.

דערנאָך האָט ער גייגערן אָנגעוויזן אַ שטול און אַנידערזעצנדיק זיך אַליין קעגנאיבער זיין גאַסט, האָט ער פאַרטרוילעך אָנגעהויבן ריידן מיט אימפּעט:

— איר זעט דען נישט גייגער, אַז מיר פאַרלירן? דייטשלאַנד פאַר־לירט! שוין באַלד אַ יאָרהונדערט ווי מיר האַלטן אין איין פאַרלירן. אַלע מלחמות אונדזערע זיינען דורכגעפאַלן. אַלע פאַרמעסטונגען — פאַר־שפּילט. אונדזער לעבנס־באַנעם איז באַנקראָט. מיר דייטשן ליידן פון גרויסקייט־מאַניע. מיר טוען איבערטרייבן אונדזערע לעבנס־פונקציעס. מיר ריידן איין דער וועלט, אַז דער הימל אַליין האָט אונדז באַשאַנקען מיט אַ הערשאַפט־מיסיע. אָבער אַ לעבעדיק פאָלק האָט נישט קיין אַנדערע מיסיע, ווי צו געבווירן דורות און פאַרזעצן זיין עקזיסטענץ... בלויז פאַר־צייטיקע, קריגערישע פעלקער־גרופּעס, וואָס האָבן געהאַלטן אין פאַרגיין,

כדי צו מאכן פלאץ פאר אנדערע, אויפקומענדיקע קריגער־גרופעס, האבן גענומען אויף זיך אזא מיסיע. די מיסיע פון בלוט־בעדער און אויסשלאכטונגען...

דער בוכבינדער האט א ווײַלע אפגעשטעלט דעם שטראם רייד, ווי ער וואלט דערמיט וועלן געבן זיין גאסט א געלעגנהייט צו פארדייען די אנקלאגעס אויף די דייטשישע מאכט האבער. ער האט געדולדיק נאכגעפאלגט יעדע גרימאסע אויף זיין צוהערערס שטייפן, מיט פארמעט איבערגעצויגענעם פנים, געגנוג צייט זיך אפגערוט, כדי צו קענען אנזאמלען פרישע באשולדיקונגען קעגן די געזעץ־געבער פון „דריטן רייך", און ווייטער גערעדט:

— דאס ציט זיך נאך פון יענער צייט, ווען דייטשלאנד איז נאך נישט געווען קיין זעלבסטשטענדיקע מאנארכיע, נאר א צעריסענע, צעטיילטע טעריטאריע מיט א נישט־פאראייניקט פאלק. די הערצאגן און קורפירשטן, אין זייער געיעג נאך מאכט, האבן אויפגעהאלטן דייטשלאנדס צעפוילטקייט אויף א לאנגע צייט. אויך אונדזער דרייסיק־יעריקער בירגער־קריג צוליב דעם, צי דייטשלאנד זאל זיין קאטויליש אדער פראטעסטאנטיש, האט אונדז נישט פארשאפט קיין ערע... מיר האבן זיך נישט וואס איבערצונעמען מיט אירע פירער. טילי, אונדזער פארטיידיקער איז געווען א ווילדער, בלוטדורשטיקער הענקער. וואלענשטיין, אויף דער זייט פון די האבסבורגער, איז געווען א גרויסער רויבער־הויפטמאן... און שפעטער די קייסארים, וואס האבן געטריבן דאס פאלק צו אנגריף און פארכאפונג, זיינען אליין נישט געבליבן קיין דייטשן. עס האט זיי געטריבן צו דער פרעמד. דאס איז געווען א גרויסע נאציאנאלע קאטאסטראפע... זעט, גייגער — האט דער אויסגעצערטער בוכבינדער גענומען ציילן אויף די פינגער — פרידריך דער צווייטער, דער לעצטער האהענשטאופען, איז געווען א האלב־אריענטאלער, א סיציליאנער. די האבסבורגער זיינען געווארן, דורך שידוכים און דורך דעם דראנג נאך פארכאפונג, בורגונדער און שפאניער... פערדינאנד, דער ברודער פון קארל דעם פינפטן, האט געכאפט עסטרייך. זיין זון פיליפ האט פארנומען שפאניע, נידערלאנד, דרום איטאליע...

אויגוסט גייגער האט נישט געווארט ביז דער בוכבינדער וועט אויסשעפן אלע אנקלאגעס. ער האט זיך אויפגעשטעלט, ווי אן אפגעביסעניער. דאס איז געווען צופיל. דאס צעטל באגאנגענע אנגריפן און פארברעכנס, וואס ריכארד שניצלער האט, ווי א פראקוראר, אנגעהאנגען אויף דער דייטשישער אור־מאנארכיע, איז געווען צו גרויס, ער זאל עס קענען אויפנעמען אן פראטעסט. דער שטאנדהאפטיקער, אויסגעהאלטענער, פרינציפיעלער גייגער האט געקענט אראפשלינגען פערזענלעכע אטאקעס. אבער באליידיקן די ערשטע הערשאפט־סיסטעמען פונעם פאטערלאנד, — דאס

האָט אין אים געוועקט פאַרדרוס און ווידערווילן. צאָרן און פאַרביטערונג. וואָס די אַמאָליקע מאַכטהאָבער האָבן אַלץ נישט געטאָן, האָבן זיי געמיינט די גלאָריע פון דער דייטשישער ראַסע. און ריכאַרד שניצלער, אַ דייטש פון בלוט און פלייש, אַ געבירטיקער אין מינכען, אַן איינוווינער פון יאָרקוויל, דאַרף די אויפטועז אָפּשאַצן און די פעלערן פאַרגעבן. גייגער האָט איצט באַשטעטיקט דעם פאַרדאַכט, אַז ריכאַרד שניצלער האָט זיך אויך געביטן. הייסט עס, אַז דער פאָרורטייל איז געווען ריכטיק. אויב אַזוי — דאַרף ער, גייגער פאַרשווינדן פון דאַנען און אויסמיידן דעם געפערלעכן ביכער־וואָרעם, וואָס איז פון אַן אויבנאויפיקן פריינט פלוצים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרשטעקטן שונא. אַזוינע העט־רייד שעדיקן. אין דייטשלאַנד האָט מען אַ נאָמען דערפאַר: גרויל־פּראָפּאַגאַנדע. און אויך אַ שטראָף — דער פייער־עסקאַדראָן.

ער איז האַסטיק אַרויס פון דער בוכבינדעריי. אויף דער גאַס איז שוין געווען גרויסער טאָג, די אַנגעצונדענע בינטלעך זון האָבן אויפגעלייזט די צעפליקטע גרויע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך געשאַרט איבערן הימל. די דריטע עוועניו האָט זיך געוועקט. דער האַסטיקער פרימאָרגן־פאַרקער האָט זיך אָנגעהויבן. פאַרמאַכטע טראָקס מיט פּראָוויאַנט האָבן זיך געשטעלט פאַר די געעפנטע גראָסערי־געוועלבער. גרויע, געפּאַקטע מיסט־וועגענער האָבן זיך געיאָגט מיט אַ געפילדער. פאַר אַן עלעווייטאָר־סטאַציע האָבן מענטשן געאײַלט טרעפּ אַרויף צו כאַפּן אַן עקספּרעס־צוג. פון אַ זייטן גאַס איז אַרויסגעפאָרן אַ ווייסער שמאָלער מילך־וואָגן, איינגעשפּאַנט אין איין פערד און, אויפן אַלטמאָדישן שטייגער, — געסקריפּעט מיט די רעדער.

גייגער האָט גיכער געשטעלט די טריט. אין זיין קאָפּ האָבן זיך געצונדן איינפאַלן ווי אַזוי צו באַשטראָפן אַזאַ היימישן פאַרעטער ווי ריכאַרד שניצלער. דורך דעם ענגן פילטער פון זיין מוח איז דורכגעגאַנגען איין באַרמלאָזער פּלאַן נאָכן צווייטן. וואָס מער שטראָף־עקזעקוציעס עס זיינען אים אויפן זינען געקומען, אַלץ גרעסער איז געוואָרן זיין שאָדן־פרייד, זיין הנאה פון קענען נקמה נעמען אַן שניצלערן, בלויז פאַר וועלן אין געדאַנק פאַרשווערן קעגן דער העכסטער אינסטאַנץ פון רייך! דער האַרטער שטערנביין האָט ביי אים זיך געריינצלט. זיינע קאַלטע שטאָלענע אויגן האָבן זיך צעוואָרעמט און געזוכט אַ ווענטקע פאַר שניצלערן. דער רויש פון אַן אַנלויפנדיקער באַן איבער דער עלעווייטאָר־בריק האָט גייגערן צוריקגעבראַכט צו ניכטערקייט. ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער שפּרייזט אויף אַ ניו־יאָרקער גאַס און דאָס באַוווסטזיין, אַז ער איז אַזוי פיל און אַזוי פיל מייל ווייט פון דייטשלאַנד, האָט אים געמאַכט אָנמעכטיק.

אַנטוואָפנט פון דער עקזעקוציע־מאַכט, וואָס ער איז גרייט געווען אַנצווענדן קעגן זיין לאַנדסמאַן, איז גייגער אַ רעזיגנירטער איצט געגאַנ־

גען פאַרביי די שווערע אייזן־סקלאַדן און מעבל־געשעפטן, וואָס זיינען געווען אויסגעשטעלט איבער דער דריטער עוועניו. דער פרימאָרגן־געפילדער פון די טונקעלע, אויפגעוואַכטע גאַסן אַרום האָט נאָך מער גערייצט זיין גרימצאָרן. דאָס הוזשעריי פון די לויפנדיקע עלעוויטאָר־באַנען איבער זיין קאָפּ און פון די טראָקס און טראַמווייען אונטער דעם עלעוויטאָר־בריק, האָבן אים געטריבן צו די זייטיקע גאַסן. אייזערנע רעלסן פון אונטן און אַ נעץ פון שטאָלענע שינעס אויבן, און איבער די שינעס — שווערע, הילצערנע בעלקעס, דורכגעפרעסן פון זשאַווער און אַלטקייט. אַט דער אַנבליק האָט געשווערט אויף זיין געמיט. און אַזוי טראַכטנדיק לויט זיין גערעכטיקייט־קאָדעקס — וועגן די, וואָס דרייען זיך אַרויס פון שטראָף, און וועגן יענע, וואָס קומען אָפּ פאַר יעדער מינדערוויכטיקער זינד, האָט גייגער דורכגעשניטן איין בלאָק און אַ צווייטן, ביז ער איז צוגעקומען צו אַן אָפענעם סקווער.

פון דער רעכטער זייט סקווער האָט זיך געצויגן אַ שמאָלער וועג מיט ליידיקע, אַרומגעצוימטע פלעצער. צווישן די פלעצער, באַדעקטע מיט הויפנס ברוינע סקאָלעס, האָט זיך אַרויסגעהויבן ווי אַ מעכטיקער טויבן־שלאַק, אַ צוויישטאָקיק הילצערן הויז, איינגעטונקען אין אַ געדיכטן בלומענגאָרטן. אַהין האָט איצט גייגער געווענדעט זיינע אויגן. דאָס איז געווען דאָס אייגנטום פון זיין פלימעניק סילוועסטער, אַ זון פון זיין יונגערן ברודער, וואָס לעבט ווי אַ פאַרמער אין פענסילוואַניע.

כאָטש גייגער האָט געוואָלט אויסמיידן דאָס גאָרטן־הויז צוליב די נאַכאַנאַנדיקע ערגערנישן, וואָס ער האָט אין דעם שלימען פרימאָרגן, האָט אָבער אַן אומדערקלערבאַרע פליכט אים געשיקט צום טויערל. דער געלער קאַנאַריק אין זיין צימער איז קראַנק געוואָרן. אויסער דעם האָט די פרישקייט פון די אַרומגעשוירענע בייטן גראָז און די ריחות פון די פאַרביקע פלאַנצן אים אויך געצויגן אַהין. די לאַנדשאַפט האָט געגלעט זיינע אויגן און אָפּגעווישט דעם זשאַווער און די טונקלקייט, וואָס זיינע בליקן האָבן איינגעזאַפט, גייענדיק איבער דער דריטער עוועניו.

שוין שטייענדיק פאַר דעם גאָרטן טויערל, האָט גייגער אָפּגעמאַכט ביי זיך נישט צו ריידן מיט זיין פלימעניק פון קיין זייטיקע זאַכן, אויסמיידן דיספוטן. ער וועט זיין מיט אים פאָרמעל, קאַלט, ווי אַ ווייטער קרוב. ער וועט אים בלויז פרעגן אַן עצה וועגן זיין קראַנקן קאַנאַריק. סילוועסטער, וואָס האָט אַליין פייגל און שטוב־חיות און האָט אַמאָל שטודירט אויף וועטערינאַר, קען אים העלפן אין זיין פאַרלעגנהייט. דער קאַנאַריק זיצט שוין דעם צווייטן טאָג אין שטייג ווי אַ געליימטער. די פעדערן — צעבלאָזן. ער פאַרזוכט נישט קיין שפייז, קיין וואַסער און דאָס געזאַנג זיינס שלאָגט אָפּ מיט קלאַנג פון אַ געשפּאָלטענער גראַמאָפאָן־פליטע.

מיט דער צערטלעכקייט פון אַן איינזאַמען, אַלטן בחור, וואָס איז

פריי פון ווייב, פון קינדער, וואס פארמאגט נישט קיין גליד אין זיין משפחה, איז גייגער איצט גרייט געווען אויסצולאדענען זיין ביסל אויס־געווארעמטע ליבשאפט און רחמנות צום שלאף־געווארענעם פויגל. ער האט אפילו געליטן פון א פארווורף ווי אזוי ער האט געקענט דאס פארגעסן א גאנצע נאכט. און כדי צו קאמפענסירן זיין נאכלעסיקייט האט ער אראפ־געשאקלט פון זיך דאס קווינקלעניש און איז אריין אין גארטן.

ער האט געטראפן זיין פלימעניק ארומגיין אין די פאדזשאמעס מיט א גרויסע צוואנג־שער און אויספליקן די קראפיווע צווישן די פלאנצן. עס האט גענומען עטלעכע שפארע מינוטן, ביז דער גערטנער, א פולער, מיטליאריקער מאן מיט אטלעטישע אקסלען, האט דערשפירט הינטער זיך א פאר בליקן. ער האט זיך אויסגעדרייט און א פארוואונדערטער אויסגע־רופן:

— אום הימלס ווילן, אנקל אויגוסט!

— אן איבערראשונג? — האט גייגער געשמייכלט.

— און נאך וואס פאר אן איבערראשונג! דעם סאנטא קלאוז אין א באד־קאסטיום וואלט איך גיכער דערווארט זען, איידער דיך, אנקל. עפעס האט געמוזט פאסירן אז דו האסט פארלאזט די מויערן פון יארקוויל... אויפריכטיק, אנקל אויגוסט! וואס האט דיך געבראכט אהער?

— מיין קאנאריק.

אויפגעהערט זינגען? — האט דער גערטנער געלאכט.

— ערגער — האט גייגער געקרעכצט — דער פויגל זיצט א געליימ־טער. פאסט. דאס קעפל צווישן די פליגלען און די פעדערן אויפגעבלאזן. כ׳האב מורא, ער איז קאפוט.

— ווי לאנג האלסטו דעם זינגפויגל?

—זיבן יאר.

— א טיפע עלטער פאר א קאנאריק. קיין היילונג, אנקל. ביסט גע־רעכט — ער איז קאפוט. אבער נישטא וואס צו באדויערן. יעדע פייגל־קראם אין ניו־יארק וועט דיר צושטעלן א נייעם זינגער.

— דאס אומגליק איז, אז מען קריגט היינט נישט קיין ריכטיקן קא־נאריק — האט גייגער זיך געקלאגט — פארן קריג איז יעדע וואך אנגע־קומען פון דייטשלאנד א שיף מיט צוואנציק טויזנט פייגל... פאבלהאפטע פייגל... די ריכטיקע זינגערס פון הארצבערג... היינט אימפארטירט מען נישט קיין פרישע, און די אלטע זינגען נישט. זיי קראקען ווי די ראבן...

דער גערטנער האט אויסגעגלייכט זיינע איינגעבויגענע אקסלען. דער־נאך איבערגעלאזט די צוואנג־שער אויפן גראז און צוגעפירט גייגערן צו א באנק, וואס איז געווען איינגעגראבן אין דער זאמד־סטעזשקע. דא האט ער זיך צוגעזעצט נאענט צום אנקל און אים באטראכט פארשנדיק און הינטערליסטיק, ווי ער וואלט פארדעכטיקט דעם צוועק פון זיין וויז־

זיט. דעם אָנקלס וויזיט איז געקומען אין דער ריכטיקער צייט. ס׳איז אַ פּאַסיקע געלעגנהייט אים אויסצורײדן זיין עגאָאיזם, זיין באַרמלאָזי־קייט, זיין אָפּגעפרעמדקייט פון אייגענע. ס׳איז אַ געלעגנהייט אים אַריינ־צוזאָגן פאַר די אָפּגעטוענע עולה׳ס, נאָכלעסיקע האַנדלונגען און באַגאַנ־גענע אומרעכטן אין פאַרלויף פון די לעצטע דריי פערטל יאָר.

סילוועסטער האָט אַלץ שווייגנדיק און דורכדרינגלעך געקוקט אויף גייגערס שטאַרקן הערקולעס־קאָפּ, אויף זיינע האַרטע גרויזאַמע פּנים־שטריכן און אויף זיינע ברייטע קאַנטיק־געהאַקטע אַקסלען, ווי אַט די גאַנצע מאַסיווע געשטאַלט פון זיין אָנקל וואָלט געווען אין ווידערשפּרוך צו דער אינערלעכער פּילבאַרקייט, וואָס ראַיעט אין אים און וועקט זיין מיטגעפיל און איבערגעגעבנקייט צו צאַרטע שטוב־פייגל.

ער האָט זיך אָנגערופן:

— אָנקל, דו ביזט זייער עמפּינדלעך צו שוואַכע הויז־פייגל.

— שטימט — האָט גייגער באַשטעטיקט דעם קאָמפּלימענט.

— און ווי כ׳ווייס, האָדעוועסט דו אויך ביי זיך אין הויז הינט. און דאָס מיינט, אַז דו פאַרמאָגסט מיטגעפיל און איינזען אויך צו שטאַר־קערע שטוב־חיות.

— אָן צווייפל, — האָט גייגער איינגעשטימט.

סילוועסטער האָט איצט שאַרפער געקוקט אין גייגערס אויגן אַריין.

— און פאַרוואָס פעלט דיר אַזאַ מיטגעפיל צו מענטשן, אָנקל, צו אייגענע פאַמיליע־מענטשן?

— איז דאָס אַ פאַרוואָרף, סילוועסטער?

— יאָ אָנקל. מיין פאָטער איז קראַנק, זייער קראַנק... אַ פּאַראַליז איבערן האַלבן קערפּער. און קראַנקע מענטשן זוכן מיטגעפיל, זוכן סימ־פּאַטיע. זיי בענקען נאָך רחמנות און ליבע, נישט ווייניקער ווי שטוב־חיות... ווייט ווי דו, אַ לייבלעכער ברודער זיינער, ביסט שטענדיק פון אים געווען, וואָלט ער מיט דאַנקבאַרקייט אויפגענומען דיין וויזיט אויף זיין פאַרם.

— עמיל איז קראַנק? — האָט גייגער באַדויערנדיק איבערגעפרעגט און ס׳איז נישט קענטיק געווען צי זיין באַדויערונג קומט אוים אַ פליכט־געפיל צי אוים געריירטקייט — אָרעמער ברודער מיינער! ערלעך און אָפּ־געהיטן ווי ער וויל זיין, אַזאַ דומקאָפּ בלייבט ער! דאָנערוועטער! פרום — און אַ דורכפאַל! גאַטפאַרכטיק — און קיין איין אונטערנעמונג אין לעבן איז אים נישט געלונגען! אָפּגעקליבן זיך אַ שווער פאַרמער־לעבן! כ׳וועל אים פאַרן זען. אָבער הערסט, סילוועסטער, מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט, זאָג איך דיר. כ׳האָב צום ווינציקסטן זיך געריכט, אַז עמיל, אַ פרומער קריסט, וואָס לייענט יעדן טאָג די ביבל און האַרכט די זונ־

טיק־דרשות פון די גייסטלעכע, זאָל געשטראָפט ווערן מיט אַזאַ קראַנקהייט.

— צו וואָס דאָס טרייבן שפּאַס, אַנקל? צו וואָס די לעסטערונג? ער וואָלט געבליבן אַ שטרענגער רעליגיעזער מענטש, ווען ער ווערט נישט קיין פאַרמער. און עס איז בעסער די גלויביקע, איידער די צווייפלער. וואָס איז דיין גלויבן, אַנקל?

— דאָס פאָטערלאַנד — האָט גייגער זילבענווייז אויסגעצויגן דאָס וואָרט — ווייסטו סילוועסטער, אַז אונדזער פאָטערלאַנד, פונוואַנען איך קום און פונוואַנען דיין פאָטער קומט, ליגט אויף אַ קאָנטינענט, וואָס איז אַן אייביקער קאָכעדיקער ווולקאַן? קליינע פיינטלעכע פעלקער רינגלען ארום דייטשלאַנד און פאַרטראָגן נישט איר אויסשפּרייטונג, איר דראַנג נאָך לעבנס־רוים. און נישט בלויז פאַרטראָגן זי נישט דייטשלאַנדס וואַקסנדיקע מאַכט, נאָר צווישן זיי אַליין גייט אָן אַ שטענדיקער געראַנגל. פיינטשאַפט און צוזאַמענשטויסן צווישן די דאָרטיקע לענדער איז אַן אומפאַרמיידלעכע דערשיינונג —

— עס איז אומפאַרמיידלעך, ווייל די דאָרטיקע לענדער זיינען נישט געאייניקט, אַנקל — האָט סילוועסטער איבערגעשלאָגן גייגערן — איין פאָלק ביים צווייטן וויל אָפּבייסן אַ שטיק ערד. עס גייט אָן אַ משוגענער דראַנג נאָך ערד־באַזיץ, אָדער ווי דו אַנקל רופסט דאָס: דראַנג נאָך לעבנס־רוים... און צו וואָס אַזוי פיל באַזונדערע לענדער און לענדלעך אויף אַזאַ ענגן קאָנטינענט? קענען דען יענע לענדער נישט וווינען אונטער איין פאָן, פונקט ווי זיי וווינען אונטער איין הימל? מיר יענקים ווייסן נישט פון אַזאַ אומגליק. די אַמעריקאַנער אור־טאַטעס האָבן, מיט זייער איינשטעל אַז רעכט איז מאַכט, אויסגעמיטן היסטאָרישע קאַטאַסטראָפעס... עס קומט קיינעם נישט אויפן זינען, אַז דאָס פאָלק פון ווירדזשיניאַ זאָל פירן קריג קעגן דעם פאָלק פון נעבראַסקאַ. די שטערן און די שטרייפן שיצן אונדז ווי אַ פּאַנצער...

— דו וועסט דאָס נישט פאַרשטיין, סילוועסטער — האָט גייגער זיך נענטער צוגערוקט — ביסט אַ געבוירענער דאָ, אַ יענקי, אַן וואָרצלען, אַן טראַדיציע. פאַרקאָכט אין די געוווינהייטן און פירונגען פון דעם לאַנד... אָבער ליידער, אויך פיל פון דער עלטערער גענעראַציע דייטשן פאַרשטייען דאָס נישט. אויך זיי זיינען פיל מיט אָבערגלויבנס וועגן דעם יונגן לאַנד. צופיל דאַנקבאַרקייט פאַר דער פרעמד און צו ווייניק אָפּשאַצונג פאַר דער היימאַט. און איך האָב געמיינט, אַז פענסילוואַניע איז אַ שטאָט פון דייטשישע איבערזידלער. דייטשישע קאָלאָניסטן אַריבערגעפלאַנצט אויפן אַמעריקאַנער באָדן. באַנעמסט מיך, סילוועסטער? — האָט גייגער נידעריקער און מיט מער פאַרטרויונג גענומען ריידן — מיר דייטשן זיינען אַנדערש אין דער פרעמד... ווי איינוואַנדערער האָבן מיר אַ מיסיע,

א שיקזאַלהאַפטיקע אויפגאַבע. מיר זיינען אייגנטלעך אַריינדרינגער. ווו עס שטייט אַ דייטשישע פוס — דאָרט איז דייטשישער באָדן. דאָס איז די עלעמענטאַרע לערע, וואָס יעדער דייטש, אויסער דער היימאַט, דאַרף וויסן. הערסט סילוועסטער? — האָט גייגער מיט מער היץ, מיט מער ברען גענומען אַריינקנעלן אין זיין פּלימעניק — מיר דייטשן זיינען אַ העכערע לעבנס־שטאַרקע ראַסע. די ענגלענדער און די אַמעריקאַנער, די שוואַכזיניקע דעמאָקראַטן, האָבן דאָס וואָרט „העכערע ראַסע״ נישט ליב. זיי דערמאָנען דאָס מיט שפּאָט און ווידערווילן. זיי פאַרטראָגן נישט קיין אויסדערוויילטקייט ביי אַ פרעמדער, גרויס פאָלק. אָבער אויסדערוויילטקייט איז אַ געשאַנק פון הימל. די נאַטור אַליין האָט אַרויפגעצוואונגען אַזאַ גורל אויפן דייטשישן פאָלק. און אַ נאַטור־גורל איז אַ געזעץ, אַ לעבנס־מיסיע, וואָס דאַרף דורכגעפירט ווערן מיט שטאָלץ און זעלבסטאָנערקענונג.

גייגער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. די אייגענע רייד, ווי אַ באַגייס־טערטע פּרעדיקט, זיינען אים געפעלן. זיין פולער האַלדז האָט זיך אָנגע־בלאָזן ווי אַ פּענכער. ער האָט געקוקט אָן אַנטוישטער אויף זיין פּלימע־ניק, ווי אויף איינעם פון דעם יונגן דייטשישן דור, וואָס איז איבערגע־פלאַנצט אויפן אַמעריקאַנער באָדן. פאַרשטייט ער אים? באַנעמט ער זיין מיין? און אַ נאָגנדיקער פאַרדאַכט, אַז סילוועסטער טראַכט וועגן אים, גייגערן, ווי וועגן איינעם, וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון אָט דער זאַטער, באַקוועמער וועלט — האָט אים שטאַרק געערגערט.

פונדעסטוועגן איז ער צופרידן געווען אַריינצורייד ן מיט אימפּעט אין זיין פּלימעניק, וואָס האָט אויפגענומען זיינע רייד שווייגנדיק און פאַר־גאַפט. אָט דער צוהערער איז נישט אַזוי ווי ריכאַרד שניצלער. פאַר יע־נעם בוכבינדער האָט ער, גייגער אַליין געמוזט אַנטלויפן. יענער האָט געטרעטן אַלץ, וואָס איז טייער. זיין צונג האָט געשמיסן דייטשישע מאַכט־האָבער, האָט דערנידעריקט דייטשישע גלאָריע. אָבער דאָ, אין זיין פּלי־מעניקס גאָרטן־הויף, איז ער דער אָנגרייפער, דער אויפקלערער, וואָס טייטשט אוים פאַר דעם לייכטזיניקן, פלעגמאַטישן אַמעריקאַנער דעם זין פון דייטשישער פולמאַכט צו הערשן איבער פעלקער.

גייגער האָט געדולדיק אויסגעקלאַפּט זיין פאַרלאָשענע פּייקע, אָנגע־שטאָפּט זי מיט פרישן טאַבאַק און פאַרויכערט. פּלוצים האָט ער זיך אויפ־געשטעלט און זיך אויסגעדרייט צו זיין צוהערער.

— כ׳וויים, האָסט מיך וויניק פאַרשטאַנען. אָבער ווי אַ גאַסט בעט איך דיך, פּרוביר נישט אוים העפליכקייט מיר אַריינצורופן אויף פרישטיק. איך פאַרציכט דערויף. הערסט, סילוועסטער? כ׳פאַרציכט! אַ פאָלקס־גע־נאַסע, וואָס ווייסט אַזוי וויניק פון זיין דייטשן אָפּשטאַם, פאַרדינט נישט, מען זאָל צו אים גיין טרינקען קאַפע... צו דיין קראַנקן פאָטער וועל איך

יאָ צופאָרן. און וועגן דעם קאַנאַריק — האָסטו מיר סיי ווי נישט גע־האָלפן. גוטן טאָג!

III

פיר בלאָק וויטער איז אויגוסט גייגער געשטאַנען פאַר זיין שטוב. אַ שמאָל רויט־ציגלדיק הויז מיט מעבלירטע צימערן. אין פראָנט האָט זיך געריסן אַ הויכער, דאַרער קאַשטאַן־בוים און פון ביידע זייטן — פאַר־צווייגטע קוזשאַקעס, באַדעקט מיט די האַרבסטיקע רויטלעך־גאָלדיקע בלעטער. דער הימל איז געווען טיף־בלאָ און דאָס קילע זון־ליכט האָט מיט דורכגעזיפּטער לויטערקייט צוגעדעקט דעכער, מויערן און טראָטואַרן.

גייגער האָט זיך געלאָזט איבער די פראָנט־טרעפּלעך. די הויז־ווירטין, אַ פעטע, אַן אויסגעשטאַפּטע, אירע העלע האָר פאַרלייגט אין צוויי גע־פלאָכטענע קאָקסן — איז אים אנטקעגנגעקומען מיט צוויי דייטשישע צייטונגען אין האַנט.

— די מאָרגן־פּרעסע, הער גייגער, און כ'האָב גאָרנישט געהערט היינט פון אייער צימער דאָס זינגען פונעם קאַנאַריק. אויב כ'זאָל זיין איבערגלויבעריש, הער גייגער, איז דאָס אַ צייכן פון טרויער... די קאַפּע איז אויפן טיש, הער גייגער, און די הינט וואַרטן אויף זייער באַד.

אינעם צימער האָט גייגער מער ווי איין זופּ קאַפּע נישט געטאָן. ער איז איילענדיק צוגעגאַנגען צום הענגשטייג. דער קאַנאַריק איז געווען אוועקגעפאַלן. שטייף און פאַרקילט. דאָס שנעבעלע אַרויף. אפילו די געל־געפלעקטע פעדערן זיינען געווען אויפגעבערשטלט, ווי זיי וואָלטן געוואָרן געקעמט מיט אַ דראָטענעם קאַם. דער טויט פונעם זינגער־פויגל האָט אויף אַ שפּאַרע ווײַלע אַנגעיאָגט אויף גייגערן אַ נאָגעדיקן אומעט, ווי דער ערשטער אומעט, וואָס עס דערשפּירט אַ מענטש אויפן פאַרלוסט פון אַ שטוביקן. אָבער די קאָנסעקווענטקייט גייגערס, זיין שטילע צושטימונג צו די קאַלטע געזעצן פון לעבן האָבן אים געלאָזט אין ניכטערער גלייכ־געוויכט. אָן צו זאָגן אַ וואָרט דער הויזווירטין, האָט ער ציערטלעך אַריינ־געלייגט דעם טויטן פויגל אין זיינע ברייטע דלאָניעס און איז אַרויס דערמיט אין הויף.

פאַרן ברעטער־פּאַרקאַן, הינטער אַ שיטערן צווייגן־קנויפּ האָט ער מיט די הוילע פינגער אויסגעגראָבן אַ לאָך. ער האָט געמאַכט דעם אויס־הויל אַזוי טיף און ברייט, עס זאָל זיין גענוג פּלאַץ פאַרן קאַנאַריק. דער־נאָך האָט ער זאָרגעוודיק און זאַכט אַריינגעלייגט דעם פויגל אין דער וואַ־רעמער, ווייכער ערד, ווי אַן אויסבעטעכץ, און מיט ערפורכט פאַרשאָטן דעם קליינעם קבר.

אָפּגעטאָן דאָס רעכט צום טויטן פויגל, עס זאָל נישט ווערן קיין שפּייז פאַר קעץ אָדער קראָען, איז גייגער איצט גרייט געווען צו טאָן זיין פליכט צו די לעבעדיקע, געטרייע הויז־חיות.ביידע הינט האָבן געוואַרט אויף זייער וועכנטלעכער באָד.

גייגער איז אַריין אין באָד־צימער. די בלעכערנע וואַנע אויף אַ דרייפוס, די זייף, די שוואָם, די רייב־באַרשט — אַלץ איז שוין געווען אָנגעגרייט. דאָס ערשטע האָט ער אַראָפּגעוואָרפן דאָס רעקל און פאַרקאַשערט די אַרבל ביז איבער די עלנבויגנס. ער איז געווען פול מיט באַשעפטיקונג. ער האָט געעפנט די קראַן פון הייס וואַסער, דערנאָך פון קאַלט וואַסער, אונטערגעשטעלט איין קרוג, אַ צווייטע און ווען די וואַנע איז איבער דער העלפט געווען אָנגעפולט מיט לעבלעך וואַסער, האָט ער געעפנט די טיר און אַ רוף געטאָן צו דער קיך:

— פרוי מאַטילדע, ביטע, פירן זי אַריין דעם ערשטן יונגע!

די הויזווירטין האָט באַזאָכט, אויף אַ רימען אַריינגעבראַכט דעם ערשטן הונט. דאָס איז געווען אַ נידעריקער, שווער־לייביקער בולדאָג מיט אַ געלבע פעל, געפלעקט אויף שוואַרץ. גייגער, וויסנדיק, אַז זיינע ביידע הינט זיינען זיך בלוט־שונאים, זיי קריכן זיך אין די גאָרגלען ביי יעדער באַגעגעניש, האָט ער זיי ליבער געבאָדן איינציקווייז. דער בולדאָג האָט געקוקט אַרויף צו זיין באַלעבאָס מיט אונטערטעניקער ליבשאַפט און ווי נאָר ער האָט זיך דערשפּירט פריי פונעם רימען, איז ער מיט איין צי אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער, מעשה־ספּאַרט זיך אונטערגעטונקען און פון גרויס פאַרגעניגן אַרויסגעבלעקעצט די צונג און פאַרזשמורעט זיינע גרויע, טעמפּע אויגן.

גייגער האָט געצוואָגן און גערייניקט דעם הונט, ווי מען צוואָגט אַן אייגן קינד. די פעל איז געווען צעבערשטלט. יעדעם בינטל צעדריוולט. האָט ער מיט דעם שוואָם איינגעזייפט דעם רוקן, דעם בויך און די ריפּנביינער. דערנאָך איז ער פונקט אַזוי פלייסיק איבערגעגאַנגען איבער דעם הונטס לייב מיט דער האַרטער באַרשט. ער האָט נישט פאַרפעלט אַריינצוקוקן אין די אויגן־ווייסלען, אויסצובלאָזן די אויערן, די נאָזלעכער. אַריבער אַ פערטל שעה האָט געדויערט דאָס פּעדאַנטישע צוואָגן און קעמען. זייענדיק איבערצייגט, אַז דער גאַנצער שמוץ איז אַרויס פון הינטער דער געטרייער שטוב־חיה׳ס פעל, האָט ער דעם אויסגעבאָדענעם בולדאָג געלאָזט איצט זיצן אומבאַוועגלעך אין דעם זייף־וואַסער — אַן אָפּרו פון וואָס דער הונט האָט געשעפּט גרויס פאַרגעניגן.

און בשעת דער איינגעווייקטער הונט האָט געדעכעט און געשיפּעט פון ווילטאָג, וואַרטנדיק, דער באַלעבאָס זאָל אים צו יעדע רגע אַרויסטרייבן פון באָד, האָט גייגער דערוויל צעעפנט די דייטשישע צייטונג און אויפמערקזאַם איבערגעלייענט די קעפּ וועגן די מלחמה־נייעס. אַלע

קריגס־באַריכטן האָבן אָנגעזאָגט דייטשישן צוריקטריט אויף די פראָנטן. די נייעס האָט גייגערן נישט געשמעקט. ער האָט זיך געטרייסט, אַז דאָס איז פּראָפּאַגאַנדע און נישט באַנומען ווי נאָך אַ דייטשישע צייטונג אין אַמעריקע, געדרוקט אין דייטשישער, גאָטישער שריפט און באַשטימט פאַר דייטשישע לייענער, זאָל העלפן פאַרשפּרייטן דעם בלבול, אַז די דייטשישע אַרמיי איז מער נישט שלאָג־פעאיק און האַלט זיך אויף דער דעפענסיווע. אַזוי, איבערקומענדיק די ערשטע לייכטע ערגערניש, האָט ער איינגעוויקלט דעם בולדאָג אין אַ ברייטן האַנטוך און אים געלאָזט ליגן אָפּצוטריקענען אויפן קליינעם האַריקן דיוואַן. ער האָט ווידעראַמאָל געעפנט די טיר און געלאָזט וויסן דער הויז־ווירטין אין קיך:

— פרוי מאַטילדע, ביטע, פירן זי אַריין דעם צווייטן יונגע!

פינקטלעך, ווי די הויז־ווירטין האָט אַריינגעבראַכט דעם ערשטן הונט, אַזוי האָט זי אים אויך אַרויסגעפירט. ביים באָדן דעם צווייטן הונט, אַ שוואַרץ־גלאַנציקן האַריקן פודעל, האָט גייגער אַזוי פיל מי און אַרבעט נישט אַריינגעלייגט. כאָטש דער פודעל איז געווען באַדעקט איבערן גאַנצן רוקן, איבער די פיס, קאָפּ און אַפילו איבער די אויערן און אויגן מיט געדיכטע קלעמבעם האָר, וואָס זאָפּן לייכט איין שטויב און איינזעקטן, איז ער אָבער געווען ריינער ווי דער בולדאָג. די שווערע פעל — ווי אַ פוטער געפּוצט און פילטרירט. אַ מוסטערהאַפט באַשעפעניש! — האָט גייגער אין געדאַנק געריימט דעם פודעל. אויס ליבשאַפט האָט ער אים אַ נאָמען געגעבן „שוואַבע", בעת דעם ערשטן הונט האָט ער גערופן איינפאַך: בולדאָג.

פאַרטיק געוואָרן מיט דעם אָנגעזייפטן און אויסגעצוואָגענעם „שוואַבע" און וויסנדיק, אַז דאָס איז זיין לעצטע טואונג פאַרן גיין שלאָפן, האָט גייגער געעפנט דאָס קליינע מעדיצין־שענקל אין באָד צימער. ער האָט דערטאַפּט צווישן די מעדיקאַמענטן אַ ברייט־האַלזיק פלעשל וויסקי, אַ גוטן זופּ געטאָן און אַרויפגערוקט דאָס שמאָלע פענצטער, אַז די וואַרעמע באָד־פּאַרע זאָל אַרויס.

פון אַ שכנותדיק פענסטער האָט זיך געטראָגן די הילכיקע שטים פון ראַדיאָ. ס'איז געווען צען אַזייגער. דער נייעס־אָנאָנסער האָט געלאָזט וויסן איבערן גאַנצן העמיספער די לעצטע קריגס־באַריכטן.

...דער צוריקטריט פון דער דייטשישער אַרמיי אין איטאַליע איז אין פולן שוווּנג. דער פיינט לויפט אויך אין פּאַניק איבערן גאַנצן רוסישן פראָנט. די רויטע אַרמיי טרייבט די דייטשן פון איר טעריטאָריע, באַפרייט הונדערטער באַוווינטע ערטער, שטעט, דערפער. אָבער יעדע צוריקגענומענע שטאָט איז טויט, חרוב און ליידיק פון די איינוווינער —

...עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די דייטשן, איידער זיי עוואַקואירן אַ שטאָט, מאָרדן זיי אויס די ציווילע באַפעלקערונג, צווינגען

זייערע קרבנות צו גראבן אייגענע קברים, טויטן זיי מיט מאשין געווער, דערשטיקן זיי אין גאז־קאמערן —

די הילכיקע שטים פונעם ראדיא־קאמענטאטאר איז זיך פארגאנגען העכער, דראענדיקער, האט געקלינגען ווי אן אנקלאגע, ווי א פראקוראָרס רוף:

...די פאראייניקטע פעלקער ווארענען די ברוטאלע פארברעכער, אז קיינער פון די שולדיקע וועט זיך נישט אויסדרייען פון דער פארדינטער שטראף... ווען דער טאג פון משפט וועט קומען, וועלן זיי דארפן אפגעבן רעכענונג פאר די טייכן פארגאסן בלוט... עס וועלן געשטעלט ווערן פאר דעם וועלט־טריבונאל די גאטלאזע קאניבאלן, וואס זיינען באגאנגען איבער דער אומשולדיקער באפעלקערונג אזעלכע גרויזאמע רציחות און בארמלאזע מערדערייען. —

גייגער האט זיך א קרום געטאן. איבער זיין הארטן, שטייפן פנים האט זיך פארצויגן א ביטערע גרימאסע. טיף אין זיך האט ער אפגעשטויסן די אומהיימלעכע נייעס, וואס האט זיך דורכגעריסן דורך די הייטעלעך פון זיין געהער. ער האט געוואלט דערשטיקן דאס קול פונעם קריגס־קאמענטאטאר, .וואס האט אזוי ברוטאל געווארנט. ער האט געוואלט פארשטאפן דעם קוואל פון וואנען אזא אגיטאציע רייסט זיך צו די אויערן פון דער וועלט. דאס איז פראפאגאנדע. אומפארשעמטע פראפאגאנדע צוגעווירצט מיט גרויל און העצע — צו שעדיקן דייטשלאנדס נאמען. וואס ריידן זיי וועגן א טאג פון רעכענונג? און פאר וועמען גרייטן זיי א וועלט־טריבונאל? פאר די דייטשישע ארמייען? קריג איז קריג! און ווער ווארנט דאס דייטשלאנד? די פלעגמאטישע אמעריקאנער! די פארשטייער פון א גענעראציע, וואס איז געבוירן און אויפגעהאדעוועט אין זיכערקייט און רייכקייט. א גענעראציע, וואס איז ווייט פון די טראגישע געשעענישן, וואס לויערן אייביק אין אייראפע. פארשטייער פון אזא פאסיווער גענעראציע טארן נישט זיין קיין ריכטער. זיי זיינען אויבנאויפיק און לייכטזיניק. פאליטישע געשיכטע איז פאר זיי א פארזיגלט בוך, און וואס שייך אינטערנאציאנאלע קאנפליקטן — זיינען זיי אומוויסנדיק!

מיט אזא אורטייל אויף די פלעגמאטישע אמעריקאנער האט אויגוסט גייגער איבערגעגעבן דעם צווייטן אויסגעבאדענעם הונט דער הויזווירטין און איז אריין צו זיך אין צימער. דא איז אלץ געווען ציכטיק צוגערוימט. די טונקעלע ראלעט איבערן פענצטער אראפגעלאזט. דאס ריינע, געקראכמאלעטע האנטעך אויף דער שפיגל־קאמאדע. דער שלאף־ראק און די שטעק־שיך פארן בעט. אין קעגנזאץ צו דער געלאסנקייט מיט וועלכער ער פלעגט טאג איין, טאג אויס אראפנעמען זיינע קליידער, האט גייגער איצט אין געציילטע סעקונדן געהאט אויף זיין לייב די גרינע, לויזע פאזשאמעס. דאס ווייסע בלענדעדיקע געלעגער און דער צייטיקער באגער

נאָך שלאָף האָט אַריינגעטריבן גייגערן אין אַ גלייכגילטיקייט צו דער וואַכזאַמער וועלט אַרום. אַלע פּאַרדרוסן זיינען אויסגערונען. דער מוח איז געוואָרן הויל. אין דער טעמפּער אויפלייזונג פון געדאַנקען, האָט ער אַפילו זיך באַפרייט פון דער ערגערניש אויף די פלעגמאַטיקער און איגנאַראַנטן, וואָס זיינען איצט קריגעריש, וואָס ווערן אָבער אין פרידנס־צייט קיינמאָל נישט טיף גערירט אויף דער לײדנדיקער אייראָפּע. מיט זיינע קורצע הענט צוקאָפּנס, דער אַלטער מידער קערפּער איינגעבויגן ווי אַ רייף — אַזוי האָט גייגער אין אַ ליכטן אויסגייענדיקן רויש, וואָס קומט ווי פון שווערע, פאַרטויבנדיקע גלעקער, זיך איבערגעגעבן דעם שלאָף.

IV

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען גוט פינצטער. דורך אַ שפּאַלט פון דער אַראָפּגעלאָזטער ראָלעט האָט אַריינגעקוקט אַ שטיק נאַכטיק הימל. גייגער האָט אַ דריק געטאָן דאָס קנעפּל פונעם בעט־לעמפּל. דער אַלאַרם־זייגער אויף דער קאָמאָדע האָט געוויזן זיבן. גייגער האָט זיך אַליין געוווּנדערט איבער זיין שפּעטן שלאָף. ער האָט זיך פויל גע־צויגן און ווי נאָר ער האָט אַרויסגעלאָזט דעם ערשטן ברייטן גענעץ, האָבן פון יענער זייט וואַנט זיך געהערט טריט. באַלד דערנאָך אַ קלאַפּן איבער דער טיר:

—אַריין!

אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אַ גרויער מאַן מיט אַ פּאָר שווערע הינדענבורג־וואָנצעס, אָנגעטאָן אין אַ בייערישן קאָסטיום: אַ פּאָר קורצע ברוינע הויזן, אַ שטייף, גרין העמד איבערגעלייגט איבער דער סאַמעטענער וועסט, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אויף אַ מאַסקן־באַל. דאָס איז געווען ערנסט קרופּ, אַ שכן פונעם צווייטן הויז, אַ צוריקגעצויגענער געשעפטס־מאַן. קרופּ האָט זיך באַגריסט.

— אַ גוטן אויפשטיין, הער גייגער! כ'האָב פאַר אייך נייעס. די דייטש־אַמעריקאַנישע ליגע פאַר מענטש־רעכט רופט היינט אין דעם שאַרלאָטענ־בורג־זאַל אַ גרויסן מיטינג וועגן די פרידנס־אויסזיכטן... כ'האָב גע־קראָגן אַ רעספּעקטפולע איינלאַדונג. אויך אייער הויזווירטין האָט פאַר אייך אָפּגענומען איינע. גייען מיר צוזאַמען, הער גייגער?

גייגער האָט זיך אויפגעזעצט, אַ נישט־אויסגעטשוכעטער אָנגעשטעלט בײדע אויערן, ווי ער וואָלט גלייך נישט אויפגעכאַפּט דעם שכנס נייעס. כדי אַרויסצונעמען גייגערן פון קווינקלענישן און צו זיין זיכער, אַז ער וועט מיטגיין, האָט קרופּ אָנגעהויבן אַגיטירן:

— עס באַטייליקן זיך אויפן מיטינג פיל פּראָמינענטע לאָזשעס...

דאָס שמאָנט פון ניו־יאָרק. פונעם אריסטאָקראַטישן „קלוב פון געגנטע פרויען" ביז צו דער געזעלשאַפט „פריינט פון גאָרטן חיות"... דאָס פאָטערלאַנד איז נישט איינזאַם, האָט גייגער. אין אַמעריקע זיינען פאַראַן גענוג רעספּעקטאַבלע עלעמענטן, וואָס האָבן אַ פאַרשטענדעניש און סימפּאַטיע פאַר דייטשלאַנד.

אויגוסט גייגער האָט אָנגעקוקט זיין שכן מיט אומצוטרוי:

— איר רעדט שוין וועגן סימפּאַטיע פאַר דייטשלאַנד? איך זע נישט קיין אורזאַך צו זיין געפאַלן. די פּראָפּאַגאַנדע דאָ אין דעם לאַנד איז איבערגעטריבן. אַ צייטווייליקע נידערלאַגע אויפן שלאַכט־פעלד, הייסט נאָך נישט, אַז מיר פאַרלירן...

ערנסט קרופּ, שטייף און אָנגעקראָכמאַלעט אין זיין געפּרעסטן בייעַרישן קאָסטיום, איז מיט אַ לייכטן קאָפּנויג טיפער אַריין אין צימער און צופרידן געווען אויפצוקלערן זיין שכן:

— מיר וויסן נישט וואָס דער אויסגאַנג וועט זיין, הער גייגער. אָבער מיר מוזן זיין גרייט צו באַגעגענען יעדע סיטואַציע. כ'האָב אַמאָל געלעזן, אַז אַ דייטשישער גענעראַל אין דינסט פון גראַף פאָן מאָלטקע האָט געלאָזט הערן: „מיר דייטשן זיינען אומבאַזיגבאַר. אין קריג בויען מיר אַלץ אויף אַ זיג. אָבער ווען אַ דורכפאַל זעט אויס צו זיין אומפאַרמיידלעך און מיר האַלטן ביים פאַרלירן — דעמאָלט הויבן מיר אָן וועקן ביי דער וועלט סימפּאַטיע"...

די ציטירטע זאָגונג, ווי אַ קאָנפעסיע, ווי אַן אָפנהאַרציקע רעזיגנאַציע האָט גייגערן אַרויסגעשטויסן פון זיין גלייכגעוויכט. אַזאַ איינפאַל האָט נאָר געקענט קומען פון אַ גענעראַל אין דינסט פונעם פעלדמאַרשאַל פאָן מאָלטקע! אָבער דער פרומער פעלדמאַרשאַל אַליין איז נישט איינגעגאַנגען אויף קאָמפּראָמיסן. ער האָט געגלויבט אין דייטשישער אויבערמאַכט, אין איר באַרעכטיקונג צו באַהערשן די וועלט און טאָקע דורך קריג! עס געדענקט זיך זיין זאָג: „קריג איז אַן עלעמענט אין גאָטס שייִנער וועלט־אָרדענונג. אָן קריג וואָלט די וועלט פאַרזונקען געוואָרן אין מאַטעריאַליזם..."

גייגער איז אַראָפּ פונעם בעט. מיט איין האַנט־וויש איבערן שטערן האָט ער אָפּגעמאַכט מיטצוגיין מיט קרופּן. געוויס, אַז אָפּהאַלט וועט ער מיטגיין! אין אָט דער גרויסער קאָסמאָפּאָליטישער שטאָט, וווּ עס פעלט האַרמאָניע, וווּ אַלע טואונגען זיינען ווידערשפּרוכן, וווּ אַלע נאַציאָנאַלע גרופּעס זיינען פיינטלעך צו דער קעמפנדיקער דייטשלאַנד, וועט ער גיין אָנקוקן יענע געקליבענע עלעמענטן, וואָס ווילן זיין גערעכט צום פאָטערלאַנד... ער האָט שווייגנדיק באַטראַכט דעם ווױלמיינענדיקן, פּאַטריאָטישן שכן, וואָס שטייט אויסגעפּוצט אין זיין בייעַרישן קאָסטיום, ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו אַ פריילעכער פאָלקס־פייערונג. קיין אויפקלערונג איז

נישט געווען נויטיק. אויך ער, גייגער, דאַרף זיך פילן אין אַ געהויבענער היימאַט־שטימונג. אויפמונטערונג איז די טיר צו באַגייסטערונג. און בלויז באַגייסטערטע פאָלקס־גענאָסן, ענטוזיאַסטישע פרייסן דאַרפן באַזוכן דעם מיטינג.

אַז דורכצוּוואַרפן אַ וואָרט מיט קרופּן, איז ער אַריין אין זיינע שטעק־שיך. יעדער שפּאַן איבערן צימער איז איצט געווען פול מיט צוועקמעסיקייט. ער איז צוגעגאַנגען צו דער קאָמאָדע־שאַפע און גענומען עפּעניען איין טירל נאָכן צווייטן. אויפן דנאָ פון דער אונטערשטער שופלאַד האָט ער אויפגעזוכט די שפּאַץ־מיצע, אַן אַלט פּרייסיש היטל, ווי אַ קעפּ. ער האָט אויך געפונען אַ פּאָר אָפּגעמאָסטענע שטייערמאַרק־הויזן און אַן ענגע לעדערנע יאַקע — אַן איבערבלייב פון אַ פאַרלענגענעם יונקער־מונדיר. שטייענדיק פאַרן שפּיגל האָט ער זאָרגפעלטיק דאָס אַלץ זיך אָנגעטאָן. ער האָט זיך געהילט אין דער הלבשה מיט דעם ערפורכטגעפיל פון אַ פּריסטער, וואָס וויקלט זיך אין זיינע הייליקע קליידער.

די אָנגעשטאָפּטע פּייקע האָט ער אַריינגעשטעקט צווישן די ציין. זיין רעכטע האַנט האָט ער אַריינגעלאַכטן אין דעם שכנס אָרעם. און מיט דער איבערצייגונג, אַז דאָס ווייטע היימאַטס־לאַנד שטייט געפּאַנצערט, געשלאָסן ווי אַ פאַרמאַכטע פויסט — האָט אויגוסט גייגער זיך געלאָזט צום שאַרלאָטענבורג־זאַל, צום מיטינג, וווּ פּראָמינענטע, ווייכהאַרציקע אַמעריקאַנער גייען וועקן סימפּאַטיע פאַר אַ דייטשלאַנד, וואָס קען ווערן געשלאָגן און באַזיגט.

ניו־יאָרק, 1944

לינקאָלנ׳ס ביינער

I

די אײַנגעשרומפּענע לוסי פּינקערטאָן האָט שוין געהאַט אויסגעזופּט דאָס זיבעטע גלעזל סקאָטש, ווען זי האָט זיך אויפגעשטעלט פון שאָקלשטול און זיך צוגעזעצט צום פענסטער. דורך דער שויב האָט אַרײַנגעפּלאָסן דאָס ליכט פון אַ בלויען סעפּטעמבער־פאַרנאַכט. די זקנה איז געווען אָנגעטאָן אין אַן אַלטמאָדיש אָפּגענוצט קלייד, באַשפּריצט פון שאַרפע קאָלירן, וואָס מען זעט ביי פּאַזאַניען. אין דער בייטש דיקע קרעלן איבער איר האַלז האָבן זיך געלאָשן די לעצטע זון־שטראַלן און אין איר קראָקאָדיל־בראַש אויפן האַרץ זיינען אויסגעגאַנגען אַלע פאַרבן פון רעגנבויגן.

אַזוי איז זי געזעסן אומבאַוועגלעך. אירע אויגן־דעקלעך האָבן זיך געקלעפּט — אַ מינוט צום אײַנדרימלען. די געלבע הויט איז געוואָרן שיטערער. די דריי וואָרצעלעך אויף דער רעכטער באַק זיינען איינגעלאָפן אין די טיפע קאַרבן. די שלאָפע געדאַנקען האָבן זיך געלאָשן, ווי די לעצטע שטראַלן פון אַ צאַנקענדיק לעבן.

בלויז איין רגע איז איר מח געווען פאַרזונקען. באַלד האָבן דער זקנה׳ס אויערן — וואַכע אויערן — אויפגעכאַפּט די פּרעכע רייד פון דעם פּאַפּוגאַי, וואָס האָט זיך געטראָגן ווי אַ וואָרענונג פון אַ ווינקלשטיג.

— ווערסט אַלט, לוסי, ווערסט אַלט...

לוסי, וואָס איז נאָכן זיבעטן גלעזל סקאָטש עלטער געוואָרן אויף גאַנצע צוואַנציק יאָר, האָט ביי דעם פּאַפּוגאַי׳ס וואָרענונג אָראָפּגעשאָקלט פון זיך די שלאָפקייט. אירע אויגן האָבן זיך ברייט צעעפנט. די נאָזלעכער האָבן געשנאַפּט. די געהער־הייטעלעך, ווי האַטשעקעס, זיינען גרייט געווען אויפצוכאַפּן די הייזעריקע קלאַנגען. ווער האָט אַרײַנגעלייגט די מיאוסע ווערטער אין דעם מויל פונעם קאָלירטן פויגל? ווער האָט איינגעחזרט דעם ליגן? — האָט איין פראַגע פאַרדעכטיקער פון דער צווייטער

זיך געקייקלט אין אירע געהירן — דאָס איז דאָך ריטאַ, די אײַפּערזיכטיקע שכנה, וואָס האָט לוסי'ן איבערגעעלטערט מיט גאַנצע זיבן יאָר, אָבער איז געבליבן הינטערשטעליק אין לעבנס־חכמה, ווי אַ נישט־דערבאַקן קינד.

אין איר פֿיבערדיקן מוח, וואָס האָט געאַרבעט פֿלינק ווי אַ ווינט־מיל, האָט לוסי אַרויפֿגעלייגט אויף איין וואָג־שאָל אירע דרײַ און אַכציק יאָר און אויף דער צווייטער — ריטאַ'ס נײַנציק יאָר. איר, לוסי'ס וואָג־שאָל האָט אַריבערגעוווגן.. נישט אין יאָרן, נאָר אין די אַוואַנטורעס, אין'ם האַסטיקן לעבן ליגט דאָס געוויכט. און לוסי'ס יאָרן זײַנען פֿול מיט אַוואַנטורעס, ווי די אַזיערע אין דרויסן איז פֿול מיט פֿיש. לוסי האָט געהאַט שטורמישע יאָרן נישט בלויז אין ניו־יאָרק, נאָר אויך אין שיקאַגאָ, אין ספּרינגפֿילד. אירע ווילדע פֿירונגען האָבן געקראָגן אַ נאָמען איבער גאַנץ אילינאָי.

— דײַנע ווילדע פֿירונגען האָבן געהאַט אַ נאָמען איבער גאַנץ אילינאָי? — האָט אַ טענה, ווי אַ זלידנע פֿליג, געקלאַפּט איבער אירע אויערן.

— יאָ, מײַנע פֿירונגען! — האָט די זקנה געוואָלט פֿאַרטרײַבן פֿון איר געהער די זלידנע פֿליג.

— האָסט פֿאַרגעסן, לוסי, אַז דו האָסט באַלאַנגט צו דער שיקאַגער אונטערוועלט? ביזט געווען די געליבטע פֿון דעם געלט־פֿעלשער טעדענס מיולען? — האָט די טענה ווײַטער אַרײַנגעכיכעט אין אירע אויערן.

— כ'בין געווען זײַן ווײַב! — האָט לוסי פּראָטעסטירט, וועלנדיק אויפֿכאַפּן פֿון וועלכן ווינקל דאָס קול קומט.

— מיולען האָט נישט געהאַט קיין געזעצלעך ווײַב — האָט דאָס קול זיך געריצט — ער איז געווען אַ פּרויען־יעגער. וויפֿל חדשים אין יאָר, אַזוי פֿיל מעטרעסעס. דער יאָגד אויף פֿרויען איז בײַ אים געווען פּונקט, ווי דאָס פֿעלשן געלט. אַ ווילדע פֿרייד, אַ זינדיק פֿאַרגעניגן. און דו, לוסי, ביסט בלויז זײַנער אַ פֿאַנג.

דאָס קול איז אַנטשוויגן געוואָרן. די אַלטע לוסי האָט זיך אויסגעבויגן, בעסער זיך אײַנגעהאָרכט. דאָס רייצן זיך האָט ווי געטאָן. די באַלײַדיקונג האָט געבריט. איז עס אמת, אַז גײַסטער צעלייגן זיך ווי שפּינוועבס אין די ווינקלען פֿון איר צימער?

פֿון דער סטעליע זײַנען אַראָפּגעקראָכן שאָטנס און אײַנגעשלונגען די לעצטע ליכט־פֿלעקן, וואָס זײַנען געהאַנגען אויף די פֿענצטער־ראָמען. פֿון די אויסגײַענדיקע זון־שטרײַפֿן איז קיין שפּור נישט געבליבן. די פּאָר צעוויגטע בוימער אין דרויסן זײַנען געשטאַנען אָן רויש. די פֿויגל־נעסטן — אָן קלאַנג. איבער דער וואַסער־דעק פֿון דער פֿיש־אַזיערע, איז געלעגן אַ גלעזערנע, גרינלעכע מאַטקייט.

לוסי האָט צוגעטראָגן דאָס סקאָטש־פֿלעשל צו די אויגן. ס'איז געווען ליידיק. מיטאָמאָל האָט אַ פֿינגער־קלאַפּערײַ איבער דער וואַנט זי

אויפגעוועקט פון דער לייכטער שכרות. זי האָט זיך אַרומגעקוקט. אין דער אָפענער טיר האָט מיט לייכטע טריט אַריינגעשלייכט די באַיאָרטע שכנה, ריטאַ.

— הלומ'סט, לוסי?

— דאַכט זיך, כ'רייד מיט די שאָטנס...

— נישט קיין שאָטנס, לוסי, לעבעדיקע קולות ריידן צו דיר — האָט ריטאַ'ס לאַכעדיק מויל זיך אויסגעקרימט ווי אַ שנאָבעל — דאָס זיינען די קולות פון לעבן. די פאַרגאַנגענהייט איז אַ פאַרשאָלטענע פּעסט. זי פירט אונדז אַרויף אויף שמועסן.

— און דו, ריטאַ, אויך דו שמועסט מיט פרעמדע קולות? האָט לוסי געפרעגט.

— נישט אין דער פינסטער, לוסי. כ'שמועס בלויז דעמאָלט, ווען כ'גיב אַ געשמאַקן זופּ. כ'זע, דאָס פלעשל איז ביי דיר ליעצטנס אָפּטער גאַסט — האָט ריטאַ ריידנדיק זיך דערנענטערט צום טישל, וווּ ס'איז געשטאַנען דאָס אויסגעליידיקטע פלעשל — געדענקסטו די צייט, ווען דאָס געזעץ איז געווען קעגן אונדז? ווען מען האָט פאַרווערט דאָס ביסל הנאה פון דעם ביטערן טראָפּן? געדענקסט יענע בוטלעג־טעג פון גע'גנב'עטער משקה און גע'גנב'עטער ליבע?

— איז עס געווען אַ זינד? — האָט לוסי אין פאַרלעגנהייט געשמייכלט.

— קיין טאַט אויף דער וועלט איז נישט קיין זינד, לוסי, אויסער הרג'ענען און פעלשן געלט — האָט ריטאַ טייוואַליש געשמייכלט.

— און אַ געלט־פעלשער איז אַ פאַרברעכער?

— פּונקט ווי אַ רויבער אָדער מערדער.

—דו מיינסט, אַז טערענס מיולען איז אויך געווען אַ פאַרברעכער?

— האָט לוסי ברייט צעעפנט אירע פאַרלאָשענע אויגן.

אויף ריטאַס צעקנייטשטן פּנים האָט זיך געפעלדלט אַ קרומער שמייכל. זי האָט קיינמאָל דעם נאָמען נישט געהערט. איר מויל, שפּיציק ווי אַ שנאָבעל, האָט עפּעס געשעפּטשעט. זי האָט איר שכנ'טע באַדויערט און געטראַכט, אַז זי רעדט אויסן וועג. די עלטער איז נישט קיין וויץ, די עלטער איז פול מיט אַגאָניע. ביי איינעם ווערט דער שכל אָפּגעטעמפּט, ביי אַן אַנדערן אַרבעט דער מוח וואַנזיניק: דער מעת לעת איז אַ לאַנג־ווייליקער ריטואַל. די פרימאָרגנס רינען אויס אינעם ־שלאָף און די נאָכמיטיקס ציען זיך אַן אַ סוף. בלויז דער וויין־בעכער און די טראָפּנס סקאָטש האַלטן אויף דאָס ביסל חיות.

ריטאַ איז זיכער געווען, אַז לוסי האָט היינט צופיל געזופּט. אַ געשמאַקער שלאָף וועט אויסוועפּן דאָס שכרות. און פּונקט ווי זי איז לייכט אַריינגעקומען, אַזוי האָט זי צוריק לייכט זיך אַרויסגעשלייכט פון צימער. לוסי איז צוריק געזעסן אין איר שאָקל־שטול. זי האָט פאַרמאַכט

די אויגן. א זאווערוכע, ווי בערג מיט וואלקנס, האט זיך געהויבן פאר די געשלאסענע וויעס.

די זאווערוכע האט אראפגעבלאזן דריי און פופציק יאר פון דער זקנה׳ס עלטער. די זאווערוכע האט איבערגעדרוקט שטעט. אויפן ארט פון ניו־יארק איז געשטאנען שיקאגא. לוסי, אין די צוואנציקער, איז געווען אויף די ליפן פון אלע רכילות־טרייבער אין שטאט. דער גאט פון שיינ־קייט אליין האט אנגערירט מיט זיינע צויבער־פינגער איר יונגן קערפער. דאס לעבן איז געווען א שטענדיקער טאנץ. יעדער ליבע־פעריאד — אן אוואנטורע. דער מארגן האט נישט אנגעזאגט קיין עלטער. דער מארגן איז געווען א לוסטיקע מעלאדיע, א ווינטעלדיק בלעטל אינעם טאג־בוך פון פרייד. קיין נאכלויפער האבן נישט געפעלט. יעדער טעלעפאן־רוף איז פאר איר געווען א רוישיקע מוזיק. יעדע באגעגעניש — א געטראנק וואס פאר׳שכור׳ט.

לוסי׳ס טירן זיינען געווארן אפגעשלאגן נישט בלויז פון די שיקאַ־גער־ליבע־יונגען, רייכע פרויען־יעגער, נאר אויך פון ניו־יארקער מאטראזן און ים־וועלף. פאר די ים־וועלף האט לוסי זיך געשראקן. זי האט געוווסט, אז זיי רויבן פרויען פונקט ווי אמאל די פיראטן האבן גערויבט אוצרות און זי האט אויסגעמיטן די וויין־קעלערס וווּ די ים־רויבערס זיינען גע־קומען נאך זייער פאנג. לוסי האט נישט געקענט ביישטיין דעם דורשט נאך ליקער, נאך סקאטש. ליקער האט געצונדן דאס בלוט און סקאטש האט געטריבן די אגאניע פון אלט ווערן. און זי האט געזופט פולע וויין־בעכערס ביי די באר־טישן. איינמאל האט דער באר־איינגנטימער, טעריענס מיולען, א מאנסביל מיט מוסקולן אין די הענט און מיטביילן אויפן פנים, זי ארויפגעזעצט אויף זיינע קני און געזאגט:

— אזא איינע ווי דו דארף איך האבן אין מיין באזיץ.

— צו וואס? — האט לוסי אן איבערגעשראקענע אנגעקוקט דעם שטארקן מאנסביל.

— צו מאכן אוצרות!

— וואס פארא אוצרות?

— כ׳בין א געלט־פעלשער, לוסי. און דו דארפסט עס ויסן. וואלט איך געמעגט, וואלט איך דיין שיינעם קאפ, ווי א קרוין, אפגעדרוקט אויף די גרינע באנקנאטן. אזוי אבער וועט דיין קאפ היטן אונדזער באנדע. דיינע אויגן וועלן פארפירן אלע געהיים־אגענטן, וואס יאגן זיך נאך אונ־דזערע שפורן — — —

לוסי, וואס האט מורא געהאט פאר ים־וועלף, פאר פיראטן, וועלכע רויבן פרויען און אוצרות — האט זיך נישט געשראקן פאר דעם געלט־פעלשער, וואס בארויבט די רעגירונג. זי האט אים ליב געקראגן. זיין פלינקע קאנפעסיע האט פארטריבן איר ווידערשטאנד. זיין אויסטער־

לישע פירונג — הינטערן באַר אַ ביר־צאַפּער, און הינטער דער וואַנט אַ געלט־פעלשער — האָט צוגעזאָגט אַ רייך לעבן אַן געפאַרן.

זיין מיאוס'קייט איז אויסגערונען אונטער דער שטייפער הויט פון זיין הארטן, בראָנזענעם קערפּער. פון דיביילן אויפן פּנים זיינען געוואָרן חן־פינטעלעך. די מוסקולן אין די אָרעמס זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ווולקאַנען, וואָס קענען צו יעדער רגע אויסברעכן און פאַרטיליקן אַלע פּאָליסלייט פון שיקאַגאָ.

לוסי איז געבליבן צוגעבונדן צו מיולענען ווי אַן אונטערטעני־קער הונט.

די געהיים־אַגענטן האָבן געהאַט געבראַטענע צרות פון לוסי'ן. אין באַר האָט זי געאַרבעט ווי אַ קעלנערין, אָבער אויף אַן אמת האָט זי גע־פירט אַ דרייסטן שפּיאָנאַזש. זי איז געווען אַ פאַנצער פאַר טערענס מיו־לען'ס באַנדע קעגן זייערע נאָכיאָגער. איר ווינגענדיקע פיגור, ווי ביי אַ דראָט־גייערין, האָט אַראָפּגעפירט די אויספאָרשער פון די ריכטיקע שפּורן און איר קליין זאַפטיק ווינשל־מויל האָט פאַררעדט די ציין פון יעדן דורכ־געטריבענעם געזעץ־היטער.

II

סוף מערץ, ווען די ערד, אויסגעוואַשן פון שניי און פון רעגן, האָט זיך געוועקט מיט אויפגאַנג־ריחות — האָט אין לוסי'ן זיך געוועקט די פרייד פון פרילינג. זי האָט געפייערט איר געבורטס־טאָג. מיולענס באַר איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַסקאַראַד־הויז. איינגעלאַדן זיינען גע־ווען נישט בלויז די שטענדיקע געסט, די טרינקערס און די קיבעצערס, נאָר אויך געקליבענע געזעץ־היטער. דאָס האָט לוסי זיי פאַרבעטן צו ווייזן, אַז מיולען היט זיך נישט, אַז זיין שענק שטייט אָפן, אַז לוסי'ס יום־טוב איז אַלעמענס פרייד.

די מוזיקאַנטן — אַ פידלער, אַ טרובאַטש, אַ גיטאַרע־ציפּער און אַ פייקלער — האָבן אויסגעשפּילט אַ רוישיקע סימפאָניע. איידער די טרויעריקע טענער פון דער פידל האָבן נאָכגעלאָזט, האָבן אויפגעשאַלט די פריילעכערע קולות פונעם טרובאַטש. דערנאָך האָט געוויינט די גיטאַ־רע. דער פייקלער האָט אויסגעקלאַפּט קלאַנגען, ווי מלחמה־סיגנאַלן. און אונטער די פייערדיקע מעלאָדיעס האָט לוסי זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן באַר־טיש און גענומען אויסטאַנצן דעם טאַנץ פון דער יונגפרוי.

אין איין אויגנבליק איז דער באַר־טיש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בינע, פאַר לוסי'ס ווינגענדיקע קניען זיינען געווען אויסגעשטעלט גאַ־לאָנען מיט געטראַנקען אַנשטאָט פוס־ליכט. איבער איר קאָפּ האָבן זיך

געצונדן קאַלירטע סופּיט־לעמפּלער ווי פלאַמענדיקע דימענטן אין אַ קרוין. לוסי האָט געטאַנצט ווי אַ כהנת אין אַן אינדישן טעמפּל. איר דינער קערפּער געוויקלט אין בלויע שלייערן. הינטער די שלייערן — אַ זייַדענער גאַרטל מיט נאָכגעמאַכטע גאָלדענע פּראַנזן. די פּאַנטאַלאָנען ביז אַריבער די היפטן, זייַנען געווען געשטריקט פון זילבערנע פעדים. די פלאַכע סאַנדאַלן, אויסגעבעט מיט פאַווע־פעדערן, וואָס מיניען מיט אַלע רעגנבויגן־קאָלירן.

לויט די אומעטיקע טענער פון דער פידל האָט לוסי געוויקלט אירע אָרעמס, ווי שלאַנגען. און לויט די האַסטיקע קנאַלן פון דעם פּייקלער האָט איר קערפּער זיך געוואַקלט אין קאַנוווּלסיעס. אירע דינע אַקסלען האָבן זיך געקאַרטשעט אין אַנגסטן. די היפטן, דער בויך האָבן זיך געטרייסלט. אויף די שפּיץ־פינגער האָט זי איצט געשפּאַנט איבער דעם עק פונם באַר־טיש, ווי איבערן ברעג פון אַן אָפּגרונט.

די סאַפיר־אויערינגלעך האָבן זיך געבאַמבלט אין בלויע פייַערן. דער שימערירנדיקער האַנט־בראַנסלעט האָט געפלאַמט מיט שרפות. אויף היפּטן האָבן ריטמיש זיך געוויגט און געצונדן אַלע מאַנסבילשע אויגן. און לוסי, לייכטער פון אַ שמעטערלינג, האָט זיך געדרייט ווי אַ ווינט־מיל. זי איז געטראָגן געוואָרן ווי אַ פלאַנץ אין שטורעם.

מיולען, באַזויפן ווי לוט, איז געווען פאַרכאַפּט פון לוסי׳ס טאַנץ. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען ווי זייַן באַר איז פול מיט געהיימאַגענטן. אַלע שלינגען מיט די אויגן לוסי׳ן. די שכרות האָט נישט אויסגעלאָשן זייַן שנאה צו די פּאָליציי־לייט. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון זייַן שטול, מיט אויפגעהויבענע הענט געוואָלט אָפּשטעלן דעם טאַנץ און זיך צעשריגן:

— טו דאָס נישט, לוסי! אַ באַנדע שפּיר־הינט יאָגן אונדז אַרום. זיי פאַרדינען נישט אַזאַ פאַרשטעלונג.

לוסי האָט טאַנצנדיק געוואָרפן אירע בליקן איבערן באַר. זי האָט פאַמעלעך זיך ווייטער גערוקט אויף די שפּיץ פינגער. איין צי — און זי איז געווען פאַרויס; איין שריט — און זי איז שיעור נישט אַראָפּגעשפּרינגען פון באַר־טיש. אירע אויגן האָבן געזוכט מיולענס קאָפּ. אירע ליפּן האָבן קונציק דערלאַנגט זייַנע אויערן און אַריינגעשעפּטשעט:

— רייד נישט וועגן דייַנע פייַנט שלעכטס, מיולען. געדענק, דו האָסט דייַנע פייַנט באַשאַפן...

די ווערטער האָבן מיולענען אָפּגעמאַסטן ווי מיט אַ האַק. פּייערלעך פון פאַרדאַכט האָבן זיך געצונדן אין זייַן לויזן מוח. איז לוסי מיט אים? אָדער שפּיאָנירט זי פאַר די שפּיר־הינט? זייַנען דאָס סיגנאַלן צו די אַגענטן, וואָס לויערן ווי אַ טשאַטע יעגערס אויף וויינע מיענטשן, כדי זיי אויסצופאַנגען איינעם נאָך איינעם?

דער פֿאַרדאַכט איז איבערגעגאַנגען אין אײפֿערזוכט. פֿלעמלעך פֿון שנאה האָבן געברענט אין זײַן קאָפּ. די זיכערקײט, אַז די דעטעקטיװן האַלטן אים אין אַ פּאַסטקע, האָט אים געטריבן צו אַן אָפֿענעם געפֿעכט. דאָס שטײן פּנים אל פּנים מיט זײַנע שונאים, װאָס יאָגן זיך נאָך אים אַזױ לאַנג, האָט אים באַפֿרײַט פֿון דער שרעק, פֿון דעם שטענדיקן שפּיל אין באַהעלטעניש. ער האָט זיך גערוקט צו לוסי׳ן שװער, ליאַפּיש װי אַ גאָרילאַ, און געשיפּעט:

— האָסט מיך אױסגעגעבן, לוסי! דײַן צונג איז געװאָרן לױז װי מײַן קראַנקער צאָן. און איך האָב געמײנט אַז דו שיצסט מיך, װי אַ פּאַנצער. איצט קענסטו זיך בלױז אױסקױפֿן, לוסי, װען דו װעסט פֿאַר די יאַג־הינט אַראָפּװאַרפֿן פֿון זיך דײַנע שלײערס.

די איבערגעשראָקענע לוסי האָט נישט דערקענט מיולענס כריפּענדיק קול. זי האָט אױפֿגעהערט טאַנצן. דער טרובאַטש האָט אָפּגעשטעלט דעם בלאָזן. די פֿידל האָט אױפֿגעהערט קרעכצן און מיולען, װילד און צערײצט האָט װײַטער געשיפּעט.

— װאַרף אַראָפּ דײַנע שלײערן, לוסי. דײַן באָס הײסט אַזױ. טערענס מיולען הײסט! װעסט זיך שטעלן פֿאַר די הינטישע זין נאַקעט. װי אַן אָפּגעשײלטע באַנאַנע. װעסט זײ פֿאַרשפּילן אַזױ לאַנג, ביז מײַנע מענטשן װעלן באַװײַזן אײנער נאָכן אַנדערן צו אַנטלױפֿן. ס׳איז גענוג ביטער, אַז דו האָסט מיך, זײער קאָפּ אױסגעגעבן. און ס׳איז אַ שאָד לוסי, װאָס אין אילינאָי לינטשט מען נישט קײן פֿאַרעטער.

מיולענס שיפּענדיקע רײד זײַנען געװען גענוג הױך, אַז אַ דעדעקטיװ קעגנאיבער דעם באַר־טיש זאָל זײ אױפֿכאַפּן. קוקנדיק אױף זײַן פֿאַרדעכטיקער מינע האָט אײנער צװישן די געלט־פֿעלשער, אַ צערודערטער פֿאַרשװין זיך אױפֿגעהױבן פֿון פּלאַץ. אים האָבן נאָכגעטאָן די איבעריקע פֿון דער באַנדע. שטולן האָבן זיך גענומען פֿונאַנדעררוקן. זיבן צעטראָגענע מענער האָבן געזוכט די הינטער־טיר.

די פֿלינקע געהײמ־אַגענטן זײַנען געװען אױף די פֿיס. זײ האָבן פֿאַרשטעלט אַלע זײַטיקע אַרױסגענג, פֿאַרריגלט די פֿראָנט־טיר און װי געניטע פֿישער געהאַט אַ פֿולע נעץ מיט קאַרפּן פֿון דער שיקאַגער אונטערװעלט.

צומאָרגנס איז די שטאָט־טורמע געשטורעמט געװאָרן פֿון אינעװײניק דורך די אַרעסטאַנטן. זײער קאַצניאַמער איז געשטיגן ביז צום הימל. די פּאָליצײ האָט פֿלײסיק געזוכט שטאַרקע באַװײַזן. מען האָט די געפֿאַנגענע נישט געטאָרט האַלטן פֿאַרשפּאַרט אַז אַן אָנקלאַגע און מען האָט מורא געהאַט זײ אַרױסצולאָזן. לוסי האָט אַראָפּגעװאָרפֿן פֿון זיך די שלײערן. זי האָט אָנגעטאָן אַ קאָלירט פֿאַזאָן־קלײד און לױט אַ געריכט־קאָדעקס, װאָס פֿאַרװערט צו פֿאַרורטײלן מענטשן בלױז אױף אַ פֿאַר־

דאַכט, האָט זי באַפרייט דעם רייכן פאַנג פון די יעגערס. געבליבן איז טורמע איז בלויז איינער. בען באַיד, דער עקספּערט פון פאַלשן געלט, אין וועמענס קעשענע מען האָט געפונען די פּלאַטן צו דרוקן די דאָלאַר־אַסיגנאַציעס.

טערענס מיולען האָט זיך אַליין געשאָלטן מיט ביטערע קללות, וואָס ער איז געווען אַזוי גענאַרט און פאַרדעכטיקט לוסי׳ס געטריישאַפט. ער האָט זי איצט געהאַלטן נישט בלויז פאַר אַ געליבטע, אַ פּאַרוויילערין אין באַר, נאָר אויך פאַר אַ ראַטנגעבערין. לוסי האָט אים מוחל געווען זיין שלעכטע באַהאַנדלונג, און אים געטרייסט.

— איצט זע איך, אַז דו ווערסט אַלט, מוליען. און איך וועל דיך מוזן צערטלען. עס איז אמת דער שפּרוך, אַז אין דער יוגנט דאַרף די פרוי זיין פאַרן מאַן אַ געליבטע. אין די מיטעלע יאָרן — אַ חבר׳טע און אויף דער עלטער — אַ קראַנקן־שוועסטער, וואָס צערטלט.

III

אונטער לוסי׳ס בליקן איז מיולען געוואָרן געהאַרכזאַמער, געצוימטער ווי אַ גוט טרענירטער לייב. אָבער זיין הונגער נאָך אַוואַנטורעס האָט זיך נישט געשטילט. לוסי האָט אים נישט געוואָרנט, אַז זיינע פּלענער וועלן אים פאַרשיטן. אירע שטרענגע אויגן וואָס האָבן געזאָלט אים אָפּהאַלטן פון פאַרברעכנס, האָבן נאָכגעגעבן, ווי מען גיט נאָך אַ צעלאָזן קינד. איר צינגל וואָס האָט געזאָלט אים שטראָפן, האָט אים איבערגעבעטן, ווי מען בעט איבער אַ באַליידיקטן ברודער. מיולען האָט קיין איין טאָג נישט פאַרגעסן אַז די געהיים־אַגענטן. סוף זומער האָט ער איינמאָל, שטייענדיק הינטער זיין באַר־טיש, זיך אָנגערופן:

— מיינע מענטשן זיינען אַז אַ שטאָך אַרבעט, לוסי, אונדזער עקספּערט, דער פּלאַטן־מאַכער איז פאַרשפּאַרט און עס איז נישט די טבע פון שיקאַגער ריזיקאַנטן צו זיצן ליידיק, כ׳האָב אַ פּלאַן, לוסי, אַ פּלאַן ווי נקמה צו נעמען אַן דער פּאָליציי.

— נקמה צו נעמען? — האָט לוסי געפרעגט.

— זיי האָבן דאָס פאַרדינט, די יאָג־הינט! — האָט מיולען זיך געהיצט — און די נקמה וועט זיין אַ צווייפאַכיקע. כ׳וועל זיי צווינגען צו באַפרייען אונדזער עקספּערט און מיר וועלן דערביי נאָך מאַכן אַ שווערע אַפּותיקאַ.

— ביזט אַ פאַנטאַזיאָר! — האָט לוסי געלאַכט.

— כ׳בין אַ ריזיקאַנט, כ׳שטעל איין מיין קאָפּ. אָבער איך פאַרליר אים קיינמאָל נישט. ווילסטו הערן? כ׳גיי אויספירן אַ רויב. כ׳וועל צו־

גנבֿנען די ווערטפולסטע זאַך וואָס דאָס לאַנד פאַרמאָגט, און כאַטש דער זאַק־רויב איז געוואַלדיק קאָסטבאַר, וועט פון דער גנבֿה קיין מענטש אין אַלע אכט און פערציק שטאַטן נישט ליידן. און אויסלייז־געלט וועל איך מאַכן אַ פאַרמעגן!

לוסי, צוגעוווינט צו מיולענס קאַפּריזן, האָט איצט נישט באַנומען זיין איינפאַל, נישט פאַרשטאַנען זיין משוגענעם פּלאַן און ווידעראַמאָל געזאָגט:

— ביזט אַ פאַנטאַזיאָר!

טערענס מיולען האָט נישט פאַרטראָגן לוסי׳ס גרינגשעצונג. זיין בראַנזעניער שטערן האָט זיך פאַרוואָלקנט. אין די אויגן האָבן זיך געצונדן בליצן. די ביילן אויפן פּנים זיינען אָנגעלאָפן ווי פּענכערס, און די רייד זיינען געוואָרן היציקער:

— מען זאָגט, אַז פאַרברעכן האָט אַ סך אינסטרומענטן, אָבער דער ליגן איז דאָס פּאַסיקסטע הענטל דערצו. כ׳וועל זיך באַנוצן מיט אַ גרויסן ליגן. מיינע מענטשן וועלן פאַרשפּרייטן אַ קלאַנג, אַז אין ספּרינגפילד האָט מען אַנטדעקט גאָלד. קיין גאָלד־זוכער וועלן נישט פעלן. גאַנץ ספּרינגפילד וועט זיך גראָבן אינעם בויך פון דער ערד. אָבער דאָס וועט זיין אַ פאַרפירעניש. זיי וועלן גראָבן אין דער ערד פון ספּרינגפילד גאָלד און מיר וועלן גראָבן אין טונעל פון אָקוואָוד — אַן אוצר פון ביינער.

— וואָס רעדסטו מיולען? וואָס פאַר אַן אוצר פון ביינער?

— אַז דו ביסט פאַראינטערעסירט איז גוט! — האָט מיולען ריידנדיק זיך געפּאַטשט אין זיינע שטאַרקע הענט — הער לוסי, כ׳טראָג זיך אַרום מיט אַ גרויסן פּלאַן. כ׳וועל אַרויסגנבֿענען לינקאָלן׳ס קערפּער.

— פון קבֿר?

— פון דעם מאָנומענט אין אָקוואָוד.

— ס׳איז אַ ווילדע פאַנטאַזיע!

— ס׳איז מער ווי דאָס. ס׳איז אַ משוגעת. אָבער אַז כ׳וועל מיינס אויספירן, וועט די וועלט זיין געפּלעפט. דעמאָלט וועל איך קענען דיקטירן מיינע באַדינגונגען דער רעגירונג אין וואַשינגטאָן.

— דו וועסט דיקטירן באַדינגונגען אין וואַשינגטאָן?

— איך. און די באַדינגונגען וועלן זיין שטרענגע. ערשטנס זאָל מען באַפרייען בען באָיד׳ן, דעם עקספּערט וואָס האָט די פּלאַטן צו מאַכן פאַלש געלט. צווייטנס, זאָל מען אונדז באַצאָלן פאַר דעם שאָדן דורך דער צייט וואָס ער איז פאַרשפּאַרט. דריטנס, ווילן מיר ווי אָנשטענדיקע גוטע פּאַטריאָטן דאָס אויסלייז־געלט פאַר לינקאָלן׳ס קערפּער. און ווייסטו וויפל דאָס אויסלייז־געלט דאַרף באַטרעפן? פינף מיליאָן דאָלאַר!

ווען מיולען האָט אויסגעציילט זיינע באַדינגונגען וואָס ער וועט דיקטירן אין וואַשינגטאָן, האָט די געפּלעפטע לוסי געגלאָצט אויף אים. זיין

צערודערטקייט האט זי געשראקן... מיולען פאנטאזירט נישט, ער איז קראנק. א זיכערע אז ער רעדט פון היץ, האט זי פאר אים צוגעגרייט קאלטע קאמפרעסן. זי האט געוואלט אריינגיין אזי צווייטן צימער און איבערבעטן זיין געלעגער. מיולען האט זי צוריקגעהאלטן.

— כ׳בין ניכטער לוסי, אבער איך מוז ריידן. איך קען נישט בלייבן שטיל ווי א פיש, ווען דער איינפאל באגייסטערט מיך. ווען איך זאל בלויז קריגן איין פאסיקן מענטש ווי איך בין, דורכצופירן דעם פלאן, שפאן איך איין די באנדע. צו די וואנדערער, וואס פאלן אריין אין באר האב איך נישט קיין צוטרוי. אויף די ארומשליעפערס קען מען זיך נישט פאר־לאזן...

לוסי האט געגאפט צו דער טיר. אין אריינגאנג האט זיך באוויזן א שווערער, האריקער יונג. ער איז געווען אפגעריסן און אפגעשליסן. די צע־שויבערטע האר — קויטיק. דאס פנים — באדעקט מיט שניטן. דערזעענ־דיק אים, האט מיולען אויפגעהערט ריידן. אויף זיין ווונק האט זיך צוגע־שארט דער הויכער טאם, מיולענס א לייב־וועכטער, כדי ארומצושנאפן דעם פרעמדן.

טאם האט געשנאפט און געוואפט ווי א שפיר־הונט.

— פון וועלכער נעסט קומט מען?

— נישט פון קיין טויבן־נעסט — האט דער פרעמדער א בורטשע געטאן, באשטעלט א טרונק און איינגעלאדן טאם׳ן — ווילסט מיט־טרינ־קען?

— א דאנק. מיר שיקאגער נויטיקן זיך נישט אין קיין מעצענאטן.

— דו בלאזט זיך? גוט! אבער אביסל נייעס וועט דיר נישט שאטן צו הערן.

— ביסט א קוריער? א פליענדיקער פלוידערזאק?

— כ׳בין בלויז א דורכוואנדעריער. אבער א פרייליכע פאסירונג דער־גייט שטענדיק צו מיינע אויערן.

— וואס פאר א פאסירונג?

— האסט דאך געהערט פון מארשאל ביל היקאק, דעם גארגל־שניי־דער פון סאוט דאקאטא? ער איז היינט דערשאסן געווארן. און ווייסטו ווער עס האט אים אוועקגעלייגט? דזשייק מעקאל. ער האט נקמה גענומען פאר זיין ברודערס טויט.

דער הויכער טאם האט זיך צעלאכט מיט א פערדיש געלעכטער און גערופן אלע באר־זיצערס:

— העי חברה, קומט אלע אהער! איר ווילט הערן א שיינע באבע־מעשה וואס דער פלוידערזאק דערציילט? מארשאל היקאק איז היינט דערשאסן געווארן פון מעקאל׳ס ברודער.

בשעת דאס גאנצע הייפל מיט זויפערס האט שוין געהאט ארומגע־

רינגלט דאָס טישל, האָט מיולען זיך דורכגעשטופּט א וועג צום פרעמדן און זיך געבייזערט.

— זאָג וואַנדעריער, ליגנערס האָבן מיר איבערגענוג. זיי קענען אי־בערגעבן פון א בער וואָס שווימט און אן העלפאַנט וואָס פליט. אָבער מיר נויטיקן זיך נישט אין קיין אַנגעלאָפענע רכילות־טרייבער וואָס דערציילן אַזעלכע נישט־געשטויגענע מעשיות.

זיין בייזער בליק האָט דעם פרעמדן געטריבן פונעם זיץ־אָרט. דער פרעמדער האָט געקוקט אויף דעם הייפל אָרום זיך. אין אַלעמענס בליקן האָט געברענט שנאה און פאַרדאַכט.

— איר גלויבט נישט? איז נישט! — האָט ער פלינק זיך אויפגע־הויבן און איז א שולדיקער ארויסגעלאָפן פון באַר.

דעם זעלבן אוונט האָבן אַלע שיקאַגער צייטונגען צעפּויקט מיט פּע־טע קעפּ די נייעס, אַז מאַרשאַל היקאָק איז דערשאָסן געוואָרן.

מיולען איז אַרומגעגאַנגען א צערודערטער, ווי ער וואָלט עפּעס אַנגעוווירן. ער האָט צוגערופן לוסי'ן.

— דער פרעמדער האָט געזאָגט אמת. ער האָט געבראַכט א גוטע בשורה. ער איז איצט אַזוי ווילקאָמען ווי סאַנטאַ קלאָוז אין קריסטמעס. איך וועל אים דאַרפן.

עס זיינען קום פאַרביי פינף טעג און דער פרעמדער האָט זיך ווי־דער־אַמאָל באוויזן אויף דער שוועל פון באַר. דער איבעראַשטער מיולען איז אים אַקעגן־געגאַנגען מיט צוויי גלעזער עכטן סקאָטש און מיט דריי פאַלשע שמייכלען. ער האָט אים געוואָלט איבערבעטן פאַר דער ערשטער בייזער אויפנאַמע.

— איך זע, מיר באַלאַנגען צו דער זעלבער קאַסטע גאָלד־זוכער — האָט ער געזאָגט — פון וואַנען קומט מען?

— פון דער ווייטער וועסט. מיין נאָמען איז קאַרסאָן.

— ווער דאַרף דיין נאָמען? דאָס איז נישט קיין פּאָליציי רעקאָרד. ביי מיר וועסטו הייסן: דער אומבאַקאַנטער. וואָס פאַרקויפסטו?

— פיר פּיסיקע בהמות.

— און וואָס האָט דיר געבראַכט קיין שיקאַגאָ?

— געקומען אויף וואַקאַציע.

— אויסרוען, אָדער אויסבאַהאַלטן זיך?

— ווי דו ווילסט.

— געפעלסט מיר פרעמדער — האָט מיולען געשמייכלט — דאַרפס־טו אפשר א פּאָר דאָלאַר? קענסט עס ביי מיר קריגן אַז א משכון.

— איך בין נישט געבראַכן.

— גוט, אומבאַקאַנטער. קום מיך זען א פּאָר טעג שפּעטער. פאַראַן א געשעפט.

IV

אויפן זיבעטן טאג פארנאכט־צו האט דער אומבאקאנטער זיך אריינגערוקט אין באר. ער איז געווען פריש געגאלט. זיין רויטער געקעסטלטער זשאקעט האט אויף אים גוט געפאסט. ארום דעם איבערגעלייגטן קאלנער איז געווען פארפלאכטן א ברייטער שניפס, ווי ביי אן ארטיסט. אויף די צעבויגענע פיס האט ער געטראגן ריטער־שטיוול. ביים דערזען מיולענען האבן זיינע ציין געלאכט. דאס לינקע אויג האט פריילעך א ווינק געגעבן, ווי ביידע וואלטן געהאט אן אפגערעדטע באגעגעניש.

טערענס מיולען האט איבערגעלאזט הינטער זיך לוסי'ן און אריינגעפירט זיין גאסט אין א הינטער־צימערל. נאכן אויסליידיקן די ערשטע פאר גלעזלעך, האט ער א דריק געטאן אויף א האנט־קנאפ און א גערהיים טירל האט זיך געעפנט. ער האט פון א פארקראטעוועט שענקל ארויסגענומען אן איינגעוויקלטן גרינעם בויגן מיט געבראכענע ליניעס און צירקלען ווי א מאפע. ער האט אויסגעשפרייט דעם בויגן אויף דעם טיש. האט אריינגעשטאכן אין די צירקלען צוויי פינגער, ווי פענדלעך און געזאגט:

— דאס איז דער פלאן. די אונטערנעמונג וועט אריינברענגען מיליאנען. איך שאץ אפ גוטע ארבעט. און אז עס קומט זיך צו פארטיילן מיט שותפים, בין איך ברייטהארציק.

— וואס ווילסטו? — האט קארסאן געפרעגט.

— איך וויל אויסגראבן לינקאלנס ביינער.

קארסאן האט ראפטום זיך אויפגעשטעלט. ער האט מיט פארדאכט א בליק געטאן אויף מיולענען און זיך געלאזט צו דער טיר.

— איך וועל בעסער גיין. משוגעת איז איין זאך, מיט וועלכער כ'וויל נישט האבן צו טאן...

— דו וועסט נישט גיין, אומבאקאנטער — האט מיולען געזאגט, פארשפארנדיק דעם ארויסגאנג — אז דו וועסט מיך אויסהערן מיט קאפ, וועסטו דא בלייבןווארטן, ביז איך וועל דיך אריינפירן אין דעם אוקוואוד־מוזעאום. נאך א גלעזל, אומבאקאנטער?

יער האט מיט כוח צוריק אוועקגעזעצט קארסאנען און אריינגעגאסן אין זיין האלז סקאטש, ווי מען גיסט בוימל אויפן פייער. וואס מער דער אומבאקאנטער האט געטרונקען, אלץ שטארקער האט ער זיך געריסן פון מיולענס הענט, פראטעסטירנדיק און געוואלדעווענדיק, אז ער וועט מיולענען איינשפארן אין א משוגעים־הויז. דעם פרעמדנס געוואלדן האבן מיולענען אימפאנירט. ער האט פיינט געהאט מענטשן, וואס זיינען גרינג אויפן טראט און פלינק אויף דער צונג. שטרייטיקייט און קעגנערשאפט העלפן גרינטלעכער אויסלייגן פלענער, און דער אומבאקאנטער

וועט אויפגעבן זיין קעגנערשאַפט. מען דאַרף אים בלויז געבן צו זופן.

ביים אַכטן גלעזל איז קאַרסאָן געווען איינגעשטילט. זיין ווידער־שטאַנד — געבראָכן. ער האָט בלויז שטיל געפרעגט.

— צו וואָס דאַרפסטו לינקאָלנס ביינער?

— איך וויל אַזוי פיל אויסלייז־געלט, אומבאַקאַנטער — האָט מיו־לען באַגייסטערט אויסגעשריען — אַז מיינע מענטשן זאָלן קענען הערשן איבער גאַנץ אילינאָי.

— איך האָב געהערט, אַז דער אָוקוואָוד־מאָנומענט איז אַ פאַרהאָ־מערטע פעסטונג. אַרום די ווענט דרייען זיך באַוואָפנטע וועכטער. אויף די טירן הענגען שלעסער.

— פאָר טערענס מיולענען וועלן די וועכטער זיך אונטערגעבן און די שלעסער וועלן נאָכלאָזן.

— איך בין אַ מענטש פון טאַטן, מיולען. דיינע פּלענער זיינען שיין. אָבער מען דאַרף האָבן גבורים אַזוינע פּלענער דורכצופירן.

מיולען האָט אַרומגענומען קאַרסאָנען, ווי אַ ברודער און איינגעבויגן זיין קאָפּ איבערן צעוויקלטן גרינעם פּלאַן. זיינע פינגער, ווי שאָד־פיגורן, האָבן מאַרשירט איבער דעם בויגן.

— עפן די אויגן, אומבאַקאַנטער. די ליניעס זיינען די וועגן און די צירקלען זיינען די סטאַנציעס, וואָס פירן ביז אָוקוואָוד. עס איז אין גאַנצן צוויי מייל פון ספּרינגפילד. לינקאָלנס קבר איז דער אָוקוואָוד מאָנומענט. דער קערפּער איז געשיצט, ווי אַן עגיפּטישע מומיע אין אַן אָרון פון בליי. דער בלייענער אָרון איז אַריינגעלייגט אין אַ דעמבענעם קאַסטן. דער דעמבענער קאַסטן ליגט ווידער אין אַ טרונע פון מירמלשטיין. עפענען דעם אָרון וועט מען נישט קענען מיט קיין צוויבער־שפּרוכן. עס וועלן נויטיק זיין אינסטרומענטן. אָבער מיר וועלן אָפּשיילן דעם טויטן קערפּער פון די הילצערנע, בלייענע און מירמלשטיינערנע הויטן, ווי מען שיילט אָפּ אַ ציבעלע...

— רייד ווייטער, מיולען — האָט קאַרסאָן זיך געבעטן.

— דער מאָנומענט פון לינקאָלן ווערט באַוואַכט פון אַ זקן, אַ וועטעראַן פון בירגער קריג. זעקס פאַרנאַכט גייט דער אַלטער שלאָפן. אין רעגנס און אין שנייען איז דער וועכטער פאַרשטעקט אין אַ זייטיק צי־מערל. דאָס צימערל פירט דורך אַ טונעל צום אָרון. מען וועט דעם אַלטן אפילו נישט דאַרפן דערהרגענען. פאַרבינדן זיין מויל וועט זיין גענוג. אונ־טער די קלעפּ פון מיינע בעסטע הענט וועלן וועגט פאַלן. טירן וועלן זיך ברעכן; אַ וואָגן וועט זיין אָנגעגרייט אָוועקצופירן דעם קערפּער אין אַזאַ אָרט, וואָס בלויז גאָט און מיר וועלן ווייסן. דער דערפאָלג איז אונדזערער און אויב מיר וועלן אַפילו דורכפאַלן, בלייבן מיר מיט גאַנצע ביינער,

ווייל ס׳איז נישטאָ אין אילינאָי אַ געזעץ קעגן גנבֿענען אַ טויטן קערפּער. וואָס זאָגסטו, אומבאַקאַנטער?

— עס קלינגט ווי אַ מעשה פֿון באַגדאַד...

— ס׳וועט זיין די מעשה פֿון אָקוואָוד! ס׳וועט זיין דיווירקלעכקייט פֿון 1876. ווילסט איינשטעלן?

קאַרסאָן האָט אַזוי לאַנג זיך געקווענקלט, ביז אין זיינע אויגן האָבן זיך געצונדן בלויע פֿייערלעך. זיינע האַרטע ברעמען האָבן זיך געשטייפֿט ווי דראָטן. זיינע ציין האָבן געלאַכט און ער האָט אַריינגעפּאַטשט מיולע־נען אַ האַנט.

— איך בין מיט דיר. ווען שטעלן מיר זיך צו דער אַרבעט?

— דעם זיבעטן נאָוועמבער ביינאַכט.

— אין דער נאַכט פֿון די וואַלן?

— שטימט. ספּרינגפֿילד וועט זיין געפּאַקט מיט רעדנערס. מיט מאַרק־טומלערס. די איינוווינער וועלן אָנפֿילן די גאַסן ווי אין אַ קאַרנאַוואַל. דער געפּילדער וועט אַזוי פֿאַרטויבן די הימלען, אַז קיינער וועט אונדז נישט באַמערקן. ביזט אַנטשלאָסן?

— איך בין מיט דיר!

V

דעם זיבעטן נאָוועמבער ביינאַכט האָט ספּרינגפֿילד געלויכטן מיט פֿייערן פֿון דער ברענענדיקער רוים. טויזנטער ליכט האָבן געצונדן די מויערן ווי אָפּגעריסענע ראַקעטן. די גלעכטערס האָבן זיך געקייקלט מיט דער קנאַלעריי פֿון ביקסן־שרויט. איבער די גאַסן האָט זיך געטראָגן דער גערויש ווי פֿון אַ מעקסיקאַנער יאַריד טאָג.

טערענס מיולען, באַגלייט פֿון קאַרסאָנען האָט אין איילעניש דורכ־געשפּאַנט די טומלדיקע גאַסן. אויפֿן שטילן וועג, וואָס פֿירט קיין אָק־וואָוד, האָבן איינציקווייז זיך אָנגעשלאָסן געקליבענע הענט פֿון דער באַנ־דע. ווען זיי האָבן דערגרייכט דאָס הינטערשטאָטישע וועלדל, האָבן זיי שוין געציילט זיבן פּאַרשוין. נאָך זיי, איינגעהילט אין שלייערס, איז גע־גאַנגען לוסי, ווי אַ גוטער מלאך.

אַרום דעם אָקוואָוד־מאָנומענט איז געווען שטיל ווי אין אַ קבֿרים־הויף. דער וועכטער, אָנגעשטעקט מיט דער פֿרייד פֿון דער שאַלנדיקער ספּרינגפֿילד, איז געלעגן שיכור אויף דער שוועל פֿון זיין וואַך־שטיבל. די באַנדע האָט אים געבונדן, אַריינגעגאָסן אין זיין האַלדז אַ גאַנצע קוואָרט סקאָטש און אים פֿאַרשלעפּט אין וועלדל. די שלעסער האָבן נאָכ־

געלאָזט אַן איין קרעכץ. דער ערשטער איז אין וואַד־שטיבל אַריין טערענס מיולען מיט אַ לאַמטערנע אין האַנט. ער האָט באַפוילן:

— צוויי וועלן בלייבן היטן דעם אַריינגאַנג, די איבעריקע גייען הינטער מיר. דער אומבאַקאַנטער איז מיין רעכטע האַנט. זיינע באַפעלן זיינען געבאָטן, און לוסי וועט אונדז באַוואַכן ווי אַ גוט אויג...

דאָס דורכגיין דעם שמאָלן טונעל האָט געדויערט סעקונדן. מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס זיינען זיי צוגעקומען צום אָרט פון לינקאָלנס אָרון. מיולען האָט זיינע באַפעלן איינגערוימט אין די אויערן פון דער באַנדע. די געשליפענע אינסטרומענטן האָבן געאַרבעט ווי חלפים און דער אויבערשטער בלייענער קאַסטן איז אויפגעבראָכן געוואָרן. קאַרסאָן האָט שטראַלנדיק אויסגערופן:

— נישט אַנדערש, נאָר מלאכים העלפן אונדז אַרויס.

מיולען, צופרידן וואָס אַלץ גייט ווי געשמירט איז געווען באַזאָרגט אַז די באַנדע וועט אַריינפאַלן אין התפעלות. ער האָט געשעפּטשעט צו קאַרסאָנען:

— דיין פרייד איז פּריצייטיק, אומבאַקאַנטער. באַהאַלט די באַגייסטערונג פאַר דער טהענקסגיווינג־סעודה. איצט טעמפּאָ, ברידערלעך, מער טעמפּאָ!

לייכטע האַמערס האָבן געקלאַפּט, דינע צוואַנגען האָבן געביסן דאָס האָלץ און זאַוויאַסעס האָבן נאָכגעלאָזט. מיטאַמאָל האָט פון אַ פינסטערן ווינקל זיך פאַרטראָגן אַ שטיל קלאַפּעריי, ווי עמיצער וואָלט צעקנאַקט ניס.

— איך הער אַ גערויש — האָט איינער פון דער באַנדע אָוועקגעלייגט דעם האַמער — מען איז אויף אונדזערע שפּורן.

— אויסדראַכטעניש! — האָט מיולען זיך אָנגערופן — דער אַריינגאַנג איז באַוואַכט און די גייסטער זיינען זיך צעלאָפן ביים שיין פון אונדזער לאַמטערנע.

אומרואיקע האָבן די איבערפאַלער זיך אַרומגעקוקט און צעפּירט זייערע הענט, סיי מיולען, סיי קאַרסאָן האָבן איינגעהאַלטן די אָטעמס, דער פאַרדאַכט פאַר מסירה און די שרעק פאַר אַ פאַסטקע האָבן געלויערט איבער דער טונקעלער קבר־שטוב. מער ווי אַ רגע איז געווען שטיל. דערנאָך איז פון יענער זייט וואַנט געקומען אַ קראַצעריי. דאָס קראַצעריי איז איבערגעגאַנגען אין אַ געפּילדער, וואָס איז געוואָרן שטאַרקער, האַסטיקער ווי מען וואָלט צענומען טירן, ווי מען וואָלט געבראָכן מויערן. מיט אַ מאַך פון דער האַנט האָט מיולען אָפּגעשטעלט די אַרבעט.

— איבערוואַרטן!

ווי נאָר די באַנדע האָט אָוועקגעלייגט די האַמערס מיט די צוואַנגען האָט אין דער לופט זיך דורכגעריסן אַ סוויסטש. אַ קנאַל פון אַ רע־

וואַלוּוער־שאַס האָט געטראָפֿן אין דער לאַמטערנע. דאָס צעפּיצלטע גלאָז איז צעשאָטן געוואָרן איבערן דעק פֿון אָרון. אַרום איז געוואָרן פֿינצטער, שטאַרק פֿינסטער ווי אין אַ הייל.

— לאָמיר אַנטלויפֿן איידער ס׳איז צו שפּעט! — האָט קאַרסאַן אַלאַרמירט — עמיץ האָט אונדז פֿאַראַטן. לאָמיר זיך ראַטעווען!

אַלע האָבן זיך געלאָזט לויפֿן צום אַרויסגאַנג. די טירן זײַנען געווען פֿאַרשפּאַרט. מיטאַמאָל האָט אַ הינטערשטע וואַנט זיך אויפֿגעבראָכן. אין דער עפֿענונג זײַנען געשטאַנען פּאָליסלײַט מיט געלאָדענע פּיסטאָלן. קאַרסאַן האָט פֿון שרעק אויסגעשאָסן אין דער לופֿט און זיך דורכגעריסן. הינטער אים זײַנען נאָכגעלאָפֿן מיולען און לוסי. די איבעריקע פֿון דער באַנדע זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון די געזעץ־היטער, ווי פֿיש אין אַ נעץ.

לוסי מיטביידע מענער האָבן זיך דערשלעפּט צום וועלדל. זי האָט אַרומגעוואָרפֿן זייערע צעקראַצטע לײַבער. זי האָט אויסגעבעט פֿאַר זיי אַ געלעגער פֿון אָנגעבראָכענע צווײַגן. קאַרסאַן האָט געקאָכט פֿון צאָרן.

— דו האָסט געהאַט אַ פֿאַרעטער צווישן דײַנע מענטשן, מיולען. ווער איז ער?

מיולען האָט פֿאַרלוירן דעם ענטפֿער. פֿונעם דורכפֿאַל זײַנען די בײַלן אויף זײַן פּנים אויפֿגעלאָפֿן. דאָס מויל איז שטום געוואָרן. דער בלוטדרוק האָט זיך געהויבן. ער האָט זיך אָוועקגעלייגט מיט הויכן פֿיבער. נאָך די ערשטע ספּאַזמען פֿון אויפֿרעגונג האָט ער צוגערופֿן לוסין און פֿאַר איר אויסגעפּלאַנט זײַן נקמה.

— מיר מוזן דאָ בלײַבן ביז די שפּיר־הינט וועלן מיד ווערן אונדז צו זוכן. אַז כ׳וועל פּאַקן דעם פֿאַרעטער, וועל איך אים נישט דערשיסן. כ׳וועל אים צווינגען אַראָפּצושלינגען גיפֿט־פּילן אום זײַן קערפּער זאָל נישט באַשעדיקט ווערן נאָכן טויט. און נאָך דרײַ חדשים וועט זײַן סקעלעט שטיין אין מײַן טיר ווי אַ סטראַשידלע פֿאַר אַלע שפּיאָנען אין אילינאָי. אַז זײַן שאַרבן וועל איך שאַרפֿן מײַן גאָל־מעסער און מיט די האָר פֿון זײַן קאָפּ וועל איך אָפּבאַרשטן די פֿלעשער אין מײַן באַר. וואָס, כ׳שוויַיג לוסי? כ׳גיי אויס נאָך אַ טרונק...

מיולען האָט שווער געקרעכצט. לוסי האָט געקילט זײַן שטערן מיט אירע פֿינגער. זי האָט געקוקט אין דער געדיכטער וואַלד־פֿינסטערניש. איבער די ביימער־קעפּ איז געהאַנגען דער אָפּהילך פֿון דער שאַלענדיקער שטאָט ספּרינגפֿילד. אירע אויערן האָבן געקענט אויפֿכאַפּן די פֿרײלעכע געלעכטערס, וואָס האָבן זיך געטראָגן איבער די גאַסן. מיט שעהן צוריק האָט ספּרינגפֿילד געלויכטן מיט די פֿײַערן פֿון דער ברענענדיקער רויט. פֿלאַמענדיקע ליכט, ווי אָפּגעריסענע ראַקעטן האָבן געצונדן די מויערן. לוסטיקע קולות האָבן זיך געקײַקלט מיט דער קאַוואַלעריי פֿון ביקסן־שרויט.

איצט רינט אַלץ אוים, ווי עס רינט אוים די נאַכט. זי, לוסי וואַכט איבער דעם קראַנקן מיולען. און ער? א חלום האָט אויסגעוועפּט. נישטאָ ליג־קאָלנס ביינער! אוים מיט די צוגעזאָגטע אוצרות!

אַז מיולען איז איינגעשלאָפן, האָט ער גענומען פּעסט שנאָרכן. דער אומבאַקאַנטער איז געווען וואַך. זיינע נאָז־לעכער האָבן געשנאָפּט. שאַרנ־דיק זיך אויפן בויך, האָט ער זיך צוגערוקט צו לוסי'ן און איר איינגערוימט.

— מיולען פאַנטאַזירט. אויב ס'איז געווען צווישן אונדז א פאַרע־טער, זיינען מיר פאַרלוירן. ער וועט אונדז אומברענגען. נישט מיר — אים. דאָ צו בלייבן איז א געפאַר.. לאָמיר זיך ציען טיפער אין וואַלד אַריין.

— מיולען פיבערט — האָט לוסי גערעדט טרויעריק.

— כ'וועל אים טראָגן אויף די הענט — האָט קאַרסאָן געזאָגט און זיך אויפגעהויבן פון דעם צווייגן־געלעגער.

ערשט איצט האָט לוסי אָפּגעמאָסטן זיין צעוואַקסנקייט. די אויסגע־זעגטע געשטאַלט האָט אי אַרויסגערופן שרעק, אי צוגעזאָגט שוץ. זיינע אויגן, אָנגעלאָדן מיט טונקעלע פייערלעך, האָבן געבריט. אויף זיינע די־קע ליפּן האָבן געבלעזלט זינלעכע אַפּעטיטן. ער איז באַשטאַנען צו העלפן מיולענען.

אין קאַרסאָנען האָבן זיך געוועקט כוחות פון א לייב. ער האָט אַריבערגעוואָרפן דעם שלאָפנדיקן מיולען איבער זיין לינקן אַקסל. מיט דער רעכטער האַנט האָט ער געצויגן נאָך זיך די דערשלאָגענע לוסי, וואָס האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. מידע, דאָרשטיקע האָבן ביידע אַרוי־כער א שעה געוואַנדערט איבער דער האַרטער נאָדל־ערד, ביז זיי זיינען אַרויסגעקומען אויף יענער זייט וואַלד.

מיט די צעביילטע הענט האָט קאַרסאָן געגראָבן אַ אויסהויל אין דער ערד. ער האָט אַריינגעשטעקט אַן אָפּגעבראָכענעם צווייג ווי א פאָן און זיך דאָרט באַפעסטיקט ווי אין א שוץ־גראָבן.

לוסי האָט נישט געקענט איינשלאָפן ביז פאַרטאָג.

ביים אויפגאַנג פון די ערשטע ליכט־שטרייפן האָט מיולען זיך אוי־בערגעוועקט מיט א מינע, ווי ער וואָלט בייגעקומען א קריזיס נאָך א שווע־רער קראַנקהייט. ער האָט זיך געצויגן, זיך געשטרעקט, אויסגעקנאַקט די ביינער ווי אַן אויסגערוטער בער. קאַרסאָן האָט מיט אים זיך צעקושט. און איידער די דערפרייטע לוסי האָט זיך איבערגעבויגן צו צערטלען אים, האָבן פון צווישן די הינטערשטע בוימער זיך גענומען טראָגן פאַרשטיק־טע קולות. ליכט פון שיין־וואַרפערס האָבן געצונדן די בלעטער־צווייגן, האָבן געגנישטערט צווישן די שטאַמען און פאַרשלינגען די פאַסן פינסטער־ניש. ס'האָט געדויערט בלויז מינוטן און די שיין־וואַרפערס האָבן דער־טאַפּט דאָס באַהעלטעניש.

מיולען האָט פּרובירט אויסשיסן אויף די אַנלויפנדיקע פּאָליסלייט

און פעדעראלע אגענטן. קארסאן און לוסי האבן געהויבן די הענט און זיך אונטערגעגעבן. באלד האבן אויף די געלענקען פון די דריי געפאנגע־נע געהאנגען קייטעלעך.

מיולען איז געשטאנען ווי א באזיגטער לייב. ער האט זיך מער נישט געווערט. מיט די אויגן האט ער אריבערגעירעדט צו לוסי׳ן און צו קאר־סאנען:

— האב איך געדארפט בייקומען דעם פיבער, איבערשלאפן א קראנק־הייט, נאר כדי געפאנגען צו ווערן פון די יאג־הינט?...

ער האט זיך צעברומט.

— כ׳וועל געבן טויזנט דאלאר אויף צדקה, אויב מען וועט מיר ארויסגעבן דעם נאמען פון דעם, וואס האט אונדז פאראטן.

— ס׳איז אן אפמאך, מיולען! — האט איינער פון די אגענטן זיך צעלאכט — און מיר וועלן אים ארויסגעבן!

טערענס מיולען איז געווען א מענטש פון ווארט. אפילו ביים טויער פון טורמע האט ער נישט געבראכן זיין צוזאג. דער פעדעראלער אגענט האט אויסגעשריבן א טשעק אויף טויזנט דאלער און דערלאנגט דעם ארעסטאנט א פען. און ווען מיולען האט מיט די קייטעלעך אויף די הענט ארויפגעלייגט זיין אונטערשריפט, איז ארויסגעטראטן קארסאן. אויף זיינע ליפן האט זיך געבלעזלט א שמייכל. ער האט באפרייט זיינע הענט פון די קייטעלעך און זיך פארנויגט.

— איך בין לואיס ס. סווינגעל, אן אגענט פון דער פעדעראלער פאליציי. מיין אמט איז אויסצורויכערן די פארברעכער פון אילינאי...

מיולען האט זיך א וואקל געגעבן אויף הינטערוויילעכץ, ווי ער וואלט געהאלטן ביים פאלן. פון איבערראשונג האט דאס פנים גענומען צוקן מיט קאנוואלסיעס. די ביילן האבן זיך אנגעבלאזן. ארום די שלייפן איז אנגעלאפן א נעץ מיט אדערלעך. ער האט געעפנט דאס מויל עפעס צו זאגן. קארסאנס צונג איז געווען פלינקער.

— קענסט גוט די געזעצן פון אילינאי, מיולען. כ׳מוז צוגעבן, מען קען טאקע נישט באשטראפן א מענטש פאר וועלן גנבענען א טויטן קער־פער. האסט אבער פארגעסן, אז מען מעג יא באשטראפן פאר א פארשווע־רונג צו גנבענען א טרונע. און איצט אין טורמע אריין, טערענס מיולען. האסט פארדינט א וואקאציע!

מיולען האט זיך געלאזט פירן פון די פעדעראלע אגענטן. נישט קיין באזיגטער לייב איז געגאנגען, נאר א געבוויגענער טיגער, א טיגער וואס האט נאך נישט פארלוירן די ציין, וואס קען נאך טשאטעווען, קען זיך נאך ווארפן אויף זיינע קרבנות און זיי אומברענגען.

זיינע בליקן, ווי פיילן, האבן געטראפן די באגלייטער. זיין צונג, איינגעטונקען אין פלוך, האט גענומען שעלטן יענע, וואס האבן אים ארומ־

גערינגלט. ער האָט געשאָלטן קאַרסאַנען, וואָס האָט אים פּאַראַטן, גע־שאָלטן די פּעדעראַלע אַגענטן, וואָס האָבן אים געפירט צו דער טורמע. ער האָט געשאָלטן לוסי'ן, וואָס האָט אים נישט אויפגעוועקט אין צייט, נאָר געלאָזט זיך איבערריידן פון דעם שפּיאָן, ווי חוה פונעם שלאַנג.

VI

מיולענס קללה האָט נישט אומגעבראַכט קאַרסאַנען, נישט אומגעבראַכט די פּעדעראַלע אַגענטן. די קללה איז אָבער נאָכגעגאַנגען לוסי'ן אַ גאַנץ לעבן און געטריבן זי צו מעלאַנכאָליע, צו גלעזלעך סקאָטש און צום שאָקל־שטול.

דער שאָקל־שטול שטייט שוין איבער פערציק יאָר קעגנאיבער דעם פענסטער, וואָס קוקט אַרויס צו דער גרינלעך־מאַטער אַזיערע. און די אַזיערע איז פול מיט פיש, ווי לוסיס לעבן מיט אוואַנטורעס.

לוסי האָט אַ געבויגענע זיך צוריק אַריינגעזעצט אינעם שאָקל־שטול און מיט שפּרוכן געטריבן די גייסטער, וואָס האָבן זיך צעלייגט ווי שפּינ־וועבס אין די ווינקלען פון איר צימער. זי האָט געוואָרנט דעם פּאַפּוגאַי אין דער סטעליע־שטייג. זי האָט זיך געקריגט מיט די שאָטנס אויף די ווענט.

דער בלויער סעפּטעמבער־פאַרנאַכט איז אויסגערונען אין די קאַרבן פון איר גערונצלט פּנים. אין איר בייטש געלבע קרעלן האָבן זיך געלאָשן די לעצטע זון־שטראַלן און אינעם קראָקאָדיל־בראָש אויפן האַרץ זיינען אויסגעגאַנגען אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן.

ניו־יאָרק, 1945

א װוּנדערפֿאַל

I

פון די זיבן טויזנט וואונדער־פאלן, וואס פאסירן יעדן טאג אין ניו־יארק — די שטאט פון שטיין און חלום — ווערט דער גרעסטער טייל פארגראבן הינטער די שווערע ווענט פון די הימל־קראצערס. גאר ווייניק רינען אוים מיטן ליכט פון טאג. געציילטע צויבער־מעשיות ווערן אויסגעשריען אויף די פילדערנדיקע ראדיא־כוואליעס. בלויז איין וואונדערפאל פון גאנצע זיבן טויזנט האט דאס מזל איבערצולעבן דעם קורצן טאג־אטעם.

אזא וואונדער־פאל ווערט אויפגעכאפט פון דעם שטאט־כראניקער, וואס זאמלט זיין כישוף־רעקארד ווי דער קאלעקציאנער זיינע אנטיקן. דער כראניקער צעוויקלט דעם וואונדער־פאל, ווי א קאלירטן טעפיך פאר מיליאנען מענטשן וואס זיינען, אין זייער יאגעניש נאך אויסטערלישקייטן, גרייט צו פארבייטן פרייד־געשיכטעס אויף שוידער־מעשיות, געמיטלעכע פאסירונגען אויף אומהיימלעכע אוואנטורעס.

און איינער אזא וואונדערפאל האט זיך אנגעהויבן אין א פארנאכט פון פופצנטן אפריל, אויפן רוישיקן ווינקל, וווּ עס קרייצן זיך די צוויי און פערציקסטע גאס מיט דער פינפטער עוועניו.

פון דער טרעפ פאר דער גרויסער שטאט־ביבליאטעק איז אראפגעגאנגען מילטאן באטלער, א מאן אין די יארן, וואס מענטשן טראכטן, אז זיי זיינען רייפע, אבער נישט אויסגעשעפטע. ער האט געשטעלט זאכטע טריט מיט דער נישט־אנטשלאסנקייט פון א מענטש, וואס דערגענטערט זיך צו א שייד־וועג. זיין פנים איז געווען פלעגמאטיש, אבער אן מעלאנכאליע. ער האט אויסגעזען זאט אין דערפארונגען און רייך אין אנטוישונגען, אבער נישט דערשלאגן פון צופעליקע לעבנס־דורכפאלן. פארקערט, א לייכטע ווילנס־קראפט האט געוועקט אין אים נייע לעבנס־כוחות און דער געדאנק, וואס איז דער פאטער פון יעדן טאט, האט אים איצט געשטויסן צו א טעלעפאן־בודקע, אים געשטויסן אויפצוזוכן איבער דער דראט א מענטש, וואס וויל אים, באטלערן, פארלירן פון זיין גדעכעניש.

מילטאן באטלער האט זיך ארומגעקוקט.

לינקס האָט זיך געשפּרייט דאָס ביבליאָטעק־פּאַרקל, אַרומגערינגלט מיט די גרינע קרוינען־בוימער. רעכטס — די געפּוצטע געשעפטן פון דער פינפטער עוועניו. איינצלנע טראַמווייען, ווי אַפּגעטשעפּעטע באַן־וואַגאָנען האָבן געלאָזן זיך געגליטשט איבער דער צווייטער פּרעציקסטער גאַס. און פון די שייד־וועגן זיינען אַנגעלאָפן הונדערטער אויטאָמאָבילן מיט דעם געפּלאָטער פון שטורם־פייגל.

דער פאַרנאַכט אין ניו־יאָרק איז געהאַנגען צווישן גראַנאַט־בלויקייט און זשמעניעס זון־גאָלד. פּלאָמענדיקע שטראַלן האָבן אַפּגעגאָסן די קאַר־ניזן און טורעמלעך פון די וואָלקן־קראַצערס. בינטלעך גליענדיק ליכט האָבן געהאַלטן אין איין צינדן די אומצאָליקע שייבלעך פון די הונדערט־שטאָקיקע געביידעס, ווי פייער־לאָמטערנעס.

מילטאָן איז אריבער אויף דער צווייטער זייט גאַס. ער איז אַריין אין אַ סיגאַר־סטאָר. די ערשטע אָפענע טעלעפאָן־בודקע האָט ער פאַרכאַפּט. דאָס דיקע טעלעפאָן־בוך, וואָס איז געלעגן צעעפנט, האָט ער אפילו נישט איבערגעמישט. אַריינוואַרפנדיק אַ ניקעל, האָט ער אַ דריי געטאָן אַן אי־ניציאַל און גערופן:

— העלאָו. אָפּערייטאָר! גיט מיר באָטלערן, אוירווינג באָטלער. צי ס'איז באָטלער פון פּאַרק עוועניו? אודאי פון פּאַרק עוועניו, פון די מאָטאָר־פאַבריקאַנטן. ס'וועט נישט זיין אומבאַשיידן זיי צוזורעכענען צו די „פיר הונדערט", צו די, וואָס האָבן שוין דערגרייכט אַלץ אין זייער לעבנס־שפּאַן: רייכטום, וווילטאָג און לאַנגווייליקייט... העלאָ, אָפּע־רייטאָר!

ער האָט אָפּגעהאַקט. כאַפּנדיק זיך, אַז דאָס אָפּערייטאָר־מיידל איז נישט אין דינסט אויסצוהערן זיין אויבערפלעכלעכע לעבנס־פילאָזאָפיע, אָדער אָפּשאַצונג וועגן מענטשן. איר אַמט איז צו פאַרבינדן איין שטים מיט דער אַנדערער, אָפּווישן דיסטאַנצן. און איצט דאַרף זי שטעלן אין קאָנטאַקט דעם דורכגעפאַלענעם מילטאָן באָטלער מיט דעם דערפאָלגרייכן אוירווינג באָטלער.

— העלאָ!

דער טעלעפאָן האָט הייזעריק זיך צעקלונגען. מילטאָן האָט נענטער צוגעשטעלט דאָס טרייבל צום אויער:

— העלאָו! אוירווינג באָטלער אַליין? ווי גוט! דאָ רעדט מילטאָן, דיין ברודערן־זון מילטאָן באָטלער... יאָ, יאָ, דאָס רעדט דער דורכפאַל צום דערפאָלג. וואָס כ'האָב דערגרייכט אין די דריי יאָר זינט כ'האָלט אין אַנטלויפן פון פּרויען? פאָלקומענע גלייכגילטיקייט. כ'שטיי איצט קעגנ־איבער דער גרויסער שטאָט־ביבליאָטעק. כ'היט אָפּ מיינע טעגלעכע לייען־שעהן. די פילאָזאָפן מונטערן מיך נישט, אָבער זיי אַמוזירן... העלאָו, אויר־ווינג! צי מיין גייסטיקער באַגאַזש איז רייכער געוואָרן? נישט מיט קיין

געשעפטלעכער דורכגעטריבנקייט און נישט מיט קיין פּרוּויזן־פּאַנג. כ׳פאַר־שטיי דיין אַנטוישונג, אווירווינג, העלאָו! ווילסט מיך ווייטער נישט זען? זאָגסט זיך אָפּ פון אַזאַ פּאַמיליען־מיטגליד, וואָס איז געבליבן אַ מיזעראַבלער דורכפאַל? האַלט די דראָט, אווירווינג! נאָך אַ ווײַלע. לאָז אויסרעדן! דו ווילסט עפּעס זאָגן? גוט. איך הער.

מילטאָן האָט פּעסט צוגעדריקט דאָס טרייבל צום אויער. אַלע זיינע חושים זיינען געווען אָנגעשפּיצט:

— כ׳הער! רעד ווייטער, אווירווינג, רעד אַז אויפהער! די עצה איז גרויסאַרטיק! דער צופאַל איז דער פאָטער פון יעדן דערפאָלג? פיין! אויב צופאַל קען ברענגען אַן אַנטשיידונג אין מיין אויסגעלייִדיקט לעבן, וועל איך זיך לאָזן נאָך צופאַלן. דער אָוונט איז פול מיט דערוואַרטונגען, כ׳גיי שוין אַנהויבן ס׳געיעג. העלאָו, אווירווינג, העלאָו! העלאָו!...

עס האָט זיך דערהערט אַ קליק. פון יענער זייט דראָט האָט מען אוועקגעלייגט דאָס טרייבל. דער שמועס איז געווען אָפּגעהאַקט. מילטאָן האָט אויפגעהאָנגען זיין האָרן און איז אַרויס פון דער טעלעפאָן־בודקע.

איצט איז מילטאָן געווען אָנגעלאָדן מיט באַגערן איינצונעמען דעם באַשאָף. דער אויפגעוועקטער ווילן האָט אים געטריבן צו פאַרוואַנדלען זיינע באַגערן אין טאַטן. דער איבעריקער איבערן טעלעפאָן איז נישט געווען גלאַט אַ צוזאָג צו אווירווינג באַטלערן. עס איז געווען אַ פאַרלאַנג צו פאַרבייטן ווילן אויף טאַטזאַכן, ווונטשן אויף האַנדלונגען. און וואָס גי־כער די האַנדלונג — אַלץ ווירקזאַמער דער רעזולטאַט.

אין אַזאַ צושטאַנד פון אויפמונטערונג איז מילטאָן געגאַנגען לענג־אויס מיט דער פינפטער עוועניו. די גאַנצע דריי יאָר, וואָס ער האָט זיך אָפּגעזונדערט פון דער רייכער משפּחה, האָבן איצט אויסגעזען ווי אַ שפּיל, ווי אַ שפּיצל פון אַ צעבאַלעוועט ייִנגל. צו וואָס האָט ער זיך אָפּגעזאָגט אַלס שותף אין דער מאָטאָר־פאַבריק, אויסגעמיטן אַלע רייכע כלות, פאַר־קויפט זיינע אַקציעס, ווען דאָס עשירות אַרום האָט געשוימט? אויב וויל־טאָג איז דער קוואַל פון לאַנגווייליקייט, האָט ער דאָך געקענט גיין זוכן אויפהייטערונג אין טומלענדיקן צייט־פאַרטרייב, אין שטורמישע פאַרוויי־לונגען. די האַסטיקע אַמוזירונגען שרייען אַראָפּ פון יעדן גאַס־ווינקל אין ניו־יאָרק. אַ פּראַקטישערער פּרוּוון־יעגער פון אים וואָלט נישט אַוועק־געוואָרפן אַזאַ שפע. ער וואָלט פאַרזעראַוירט זיין פאַרמעגן, אויפגעהיטן זיין חלק, וואָס די השגחה האָט אים צוגעטיילט מיט אַזאַ ברייטער האַנט און, ווי אַ פאַרזיכטיקער קמצן, וואָס שטעלט קיין זאַך נישט אין קאָן, וואָלט ער זיך געלאָזט זוכן זין און תּכלית אַרום.

מילטאָן האָט דאָס נישט געטאָן. ווי אַ נזיר וואָס איז פאַרשווענדע־ריש מיט זיין אָרעמקייט, האָט ער זיין אייגנטום אויפגעלייזט. אויסער דעם איז ער געווען אָנגעשטעקט מיט אַ מאַניע זיך צו יאָגן נאָך פּרוּוון. ער

האט געוווסט, אז דאס פרויען־געיעג איז א משוגענער פארגעניגן. אין דעם נאכלויפן דעם שיינעם מין שטעקט וואנזין. ניו־יארק איז א ווילדערניש, א ריזיקער חיות־דזשאנגל און אירע פרויען זיינען א רייכער קאליפורלער פאנג. די פרייד פון טשאטעווען אויף א פרוי איז פונקט ווי די פרייד פון א יעגער ביים אפווארטן זיין פאנג.

מילטאן האט געהאט זיין סטראטעגיע. אויף יעדער פרוי דארף מען אנדערש אנשטעלן דאס וואפן. א געשיקטער יעגער ווייסט זיינע פונקציעס. ער ווייסט ווען צו פארגלייכן די פרוי צו א פויגל און ווען צו א האז. ער כאפט זיך, ווען צו דערשיסן דעם פויגל און ווען בלויז צו פארוווּנדן א פליגל אדער א פיסל. מילטאן, א דורכגעטריבענער, האט נאכגעשפירט זיין יעדן פאנג, גוט געוווסט וואס פאר א סארט געווער מען דארף אנווענדן אויף יעדן קרבן. שיסן אדער דורכשטעכן? באזיגן די פרוי מיט איין שווערד־פאד, אדער זי באהאגלען מיט זאלפן, זי זאל נישט קענען אנטרינען פון דער אטאקע?

מילטאן׳ס קרובים האבן אים נישט באטראכט ווי משוגע, בלויז חושד געווען, אז דער אכט און דרייסיק יאריקער יונגערמאן אנטלויפט פון ווילטאג, ווייל ער האט שטענדיק אן אפענע טיר אויף צוריק. אזא אפזאגן זיך פון ווילשטאנד קען נישט טרעפן ביי מענטשן, וואס ווילן זיך ארויפארבעטן. דאס קען בלויז פאסירן אין א הויז, ווו דערפאלג איז א טעגלעכער מוז און אין דעם הויז פון די באטלערס איז דער דערפאלג איינגעפונדעוועט שוין דעם דריטן דור. מילטאן איז אויפן קאפ נישט געווירט. ער וועט נישט אויסבייטן זיין טייל עולם הזה אויף לעבנס־עקספערימענטן, וואס פאסן פאר רעוואלוציאנערן און ארעמע פרעדיקער. דער עלטסטער אנקעל אירווינג באטלער האט זיך נישט גענומען צום הארצן פון דער פאסירונג. מילטאנס אנטלויפן איז פאר אים נישט געווען קיין איבעראשונג. צווישן די טויזנטער אויסטערלישע „קרענקס" וואס באווייזן זיך יעדעס יאר אין ניו־יארק איז צוגעקומען נאך איינער.

מילטאנען האט נישט געארט זיין אנקעלס גרינגשעצונג. ער האט איגנארירט זיין אנשטעל, זיין תקיפות. דריי יאר האט ער זיך געדרייט איבער די ניו־יארקער גאסן און סקווערן. ער האט געזופט וויסקי אין ארעמע סאלונען און געגעכטיקט אין ביליקע האטעלן. ער האט באזוכט די שטילע מוזעומס און געווען אן עדות פון יעדער טומלדיקער גאסן־סצענע. לאנגע נאכמיטיקס האט ער פארבראכט אין די אפגעלעגענע ביבליאטעקן און געהאט א וואך אויער צו די שטאטישע אלארם־פארפאלן. ער האט געלייענט די רעדעס פון די פארצייטיקע גריכישע אראטארן און זיך צוגעהערט צו יעדן גאסן־אגיטאטאר, וואס האט אראפגעשריגן פון א זייף־קעסטל.

דאס אלץ האט מילטאן געטאן, נאר צו געפינען דאס אויסטערלישע,

וואָס ער האָט נישט געקאָנט באַגעגענען אין זיין טעגלעכן איינשטעל, צווישן די ווענט פון זיין באַקוועמען אָפיס, פון זיין פאַבריק. דאָס אַלץ האָט ער געטאָן, זיך ארויסצורייסן פון זיין ענג וועלטל, וואָס איז געשטאַנען אויף פּרינציפּן, אויף רעגולאַציעס, אויפן קאַלענדאַר און ווו ער איז געווען געפאַנגען ווי אין א כישוף־ראָד.

נאָך דריי יאָר אַרומוואַנדערן איבער ניו־יאָרק, האָט מילטאָן אָנגעזאַמלט אַזוי פיל דערפאַרונגען אַז ער האָט דערפילט אין זיך גענוג חוצפּה זיך אַ רייץ צו טאָן מיט זיין אָנקעל אורווינג באַטלער און אים לערנען לעבנס־חכמה, אים געבן אָנווייזונגען. אורווינג איז געווען דער שאַרפער מוח צווישן די באַטלערס, ער האָט געבליצט מיט איינפאַלן און מיט געשעפטלעכע אונטערנעמונגען.

און ווען מילטאָן האָט אים איצט אָנגעקלונגען און אויסגעפונען, אַז דער אָנקעל איז וויליק צו געבן עצות, נישט צו נעמען, האָט דאָס ביי אים נישט אָפּגענומען העגט און פיס. דער אָנקעל איז טאַקע געבליבן דער תקיף, אָבער מילטאָן איז נישט געבליבן נאָכגעביק. די אַנטדעקונג, אַז דער צופאַל איז דער פאָטער פון יעדן דערפאַלג איז אַלט ווי די וועלט. שוין אדם'ען האָט דער צופאַל אונטערגעטראָגן אַלע געווינסן: דאָס ווייב חוה, דעם עפּלבוים.

און איצט, אין דעם גראַנאַט־בלויען פאַרנאַכט, וואָס האָט געגאָסן מיט זשמעניעס גאָלד אויף די טורעמס און דעכער פון די הונדערט־שטאָקיקע הימל־קראַצערס, וואָס זיינען געווען אויסגעשטעלט ווי געקיעסטלטע פּיראַמידעס — האָט מילטאָן אַן אויפגעהייטערטער זיך געלאָזט אין געיעג נאָך אַ צופאַל.

II

דער צופאַל איז געקומען מיט דער האַסטיקייט פון א טויבן־געפלאַטער, וואָס דערטראָגט זיך אין די זוניקע פרימאָרגנס איבער די סקווערן פון ניו־יאָרק. מילטאָן איז אַריין אין אַ צען־סענט־סטאָר אויף דער צוויי און פערציקסטער גאַס. ער האָט זיך געדרייט צווישן די שטויסן דאַמען־זאַקן, קאָסמעטיק־זאַכן און שרייב־געצייג מיטן מיין גלאַט זיך אַרומצוקוקן. באַלד האָט ער זיך פאַרהאַלטן פאַר דער אָפּטיילונג פון מענער־בי־זשוטעריע.

די פאַרקויפערין, אַ בלאָנדע, אין אַן אָפּגעמאָסטענעם „דירענדל”, וואָס האָט געבלענדעט מיט אַלע דיעגנבויגן־פאַרבן, האָט זיך פאַרביי־געטראָגן ווי א פאַזאַן. זי האָט אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר לאַכעדיקע אויגן.

— קען איך אייך העלפן?

— כ'זוך א שפּילקע ,א שיינע קראַוואַט־שפּילקע — האָט מילטאָן מונטער געקוקט אויף דעם מיידל, ווי א יעגער אויף זיין פאַנג.

— פון בראָנז, צי אַן אָפּגעגילדעטע? מ'מיר האָבן א גרויסן אויסוואַל פון זילבער־בראַמירטע קנעפּ, שפּילקעס, קראַוואַטן־האַלטערס — האָט די בלאָנדע פאַרקויפערין צעפירט אירע מאַניוקירטע הענט איבער איר ביז־זשוטעריע־אָפּטיילונג.

מילטאָן האָט געשמייכלט אין פאַרלעגנהייט און נישט געוווּסט וואָס פאַר א וואָפן ער זאָל באַנוצן. שיסן אָדער בלויז פאַרוווּנדן א פליגל?

— גיט מיר א שפּילקע, וואָס זאָל פּאַסן צו יעדן קראַגוואַט. א מעטאַל וואָס מיניעט. איך האָב א געשמאַק פאַר קאָלירן. בונטקייט איז מיין שוואַכקייט. כ'פאַרמאָג א גאַנצע קאָלעקציע פון פאַרביקע קראַוואַטן, הונדערטער שרייענדיקע קראַוואַטן: ברוינע, רויטע, בלויע, פיאָלעטענע...

די פאַרקויפערין האָט אָפּגעמאָסטן מילטאָנען מיט אירע פרייליכע בלויע אויגן און אויסגעשאָסן אין א גלעקעלדיקן געלעכטער:

— מיסטער, איר האָט פאַרגעסן היינט אָנצוטאָן איינעם פון אייערע קראַוואַטן!

דאָס גלעקלדיקע געלעכטער איז געווען א סיגנאַל. ס'האָט ארויסגערופן אין אים דעם יעגער. ער האָט אָבער א פיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן קראַגן, ווו עס האָט געפעלט דער שניפּס און מיט א שטאַמל האָט ער זיך פאַרענטפערט:

— נאַכלעסיקייט, מיידל, פון צופיל זוכן און שנאַפּן קומט אַזאַ אומפאַרגעבלעכע נאַכלעסיקייט. אַנטשולדיקט. אַלס קאַוואַליר בין איך דוקא שטענדיק קאָרעקט.

ער האָט באַטראַכט דעם לאַכעדיקן קאָפּ פון דער בלאָנדער פאַרקויפערין, איר אַריינזאָג איז אים געפעלן געוואָרן. איר געלעכטער, א פרעכער, א געשמאַקער, האָט אים אויפגעהייטערט. דער אַריינזאָג צוליבן קראַוואַט איז נישט געווען גלאַט א פאַרוואורף. ס'איז געווען אויפמערקזאַמקייט פון איר זייט. דאָס האָט אים געשטויסן אָפּצוצאָלן מיט אויפמערקזאַמקייט. דער פּלאַן איז געווען פאַרטיק. זיין צונג האָט אויסגעפּאָלגט דעם איינפאַל:

— וואָס טוט איר היינטיקן אָוונט?

— אַ געוואָגטע פראַגע, מיסטער. און איך קען אייך ווינציק.

— וואָס איז דער פּרייז פון געווינען אייער צוטרוי?

— העפליכקייט, קאָרעקטע האַלטונג און א פּאָר שעה אַמוזירונג אין קאָסטבאַרע פּלעצער.

— אין א בראָדוויי׳ער נאַכט־קלוב?

— עס מוז זיין אויף דער צווייִ און פופציקסטער גאַס.

— כ׳נעם אָן.

די פּאַרקויפערין האָט אַ טרייסל געטאָן מיט אַ בלאָנדן לאָק האָר, ווי זי וואָלט חרטה געהאַט אויף איר אָנבאָט.

— איר זייט צו אָרעם.

— האָסט געציילט מיינע באַנקנאָטן? — איז מילטאָן געוואָרן צעגלאָזענער.

— איר קוקט נישט אויס ווי קיין מיליאָנער. מען דערקענט גלייך, אַז גראָבן אויל איז נישט אייער באַשעפטיקונג. און אָרעמע פילאַנטראָפּן דאַרפן נישט מיין באַקאַנטשאַפט.

— האָסט אַרויסגעגעבן אַ שנעלן אורטייל.

דאָס גלעקלדיקע געלעכטער ביי דער פאַרקויפערין איז פאַרשוווּנדן, זי האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער דעם אָנגעפּראָפּטן טיש. איר וויקלדיקער קערפּער האָט זיך אַ צי געגעבן אונטער דעם אָפּגעמאָסטענעם „דירנדל״ מיט אַזאַ געשיקטקייט, אַז מילטאָן האָט געזען אין איר פיגור בלויז גלידער־געטרייסל, בלויז רייץ. זי האָט גערעדט ערנסט:

— קוקט, מיסטער, איך אַרבעט שווער. ניין שעה אַ טאָג פאַר אַ קליינעם לוין. קיין נאָכלויפער פעלן מיר נישט. קאָמפּלימענטן מאַכן מיך מיד. כ׳בין שיין. כ׳וויים מיין ווערט און אויב פאַרבריינגען מיט אַ פרעמדן, פלעגמאַטישן מאַן, וויל איך מיין קאָמפּענסאַציע.

— כ׳קוק דען אויס פלעגמאַטיש? — האָט מילטאָן זיך אַ טאַפּ געגעבן איבערן פּנים.

— נישט בלויז פלעגמאַטיש, נאָר אויך אויסגעשעפּט און מעלאַנכאָליש.

— האָסט אַ פאַלשן איינדרוק, מיידל.

— אַ ריכטיקן.

— דאָס מאַכט נישט, אַז כ׳זאָל בייטן מיין באַשלוס.

— מיך אַרויסצונעמען?

— יאָ.

— איך וואָרן אייך, מיסטער, איך בין אַ פאַרשווענדערין, אַן אויסברענגערין. עס וועט קאָסטן זייער פיל... אַ פּאָר שעה אַמוזירן וועט אייך פאַרשאַטן. און שפּעטער? דער שאַמפּאַניער וועט אויסקילן. דער טשאַד וועט אויסוועפּן. צומאָרגנס וועט איר אויפשטיין מיט אַ קאַצניאָמער. דער אַלאַרם־זייגער וועט טרייבן צו דער אַרבעט, איר וועט שעלטן דעם נעכטן, דאָס פאַרלוירענע געלט. איך וועל אייך האָבן פאַרגעסן און איר וועט אפילו נישט געדענקען, אַז מיין נאָמען איז געווען סוזי...

— ביזט גרויסאַרטיק, סוזי!

מילטאָן האָט אָנגעקוואָלן. די פלינקייט, מיט וועלכער ער האָט איבערגערעדט דאָס איינגעשפּאַרטע מיידל, האָט דערהויבן זיין יעגער־קונצט.

ער האָט זי באַוואָרפן מיט בריענדיקע בליקן ווי מיט הייסן שרויט. אירע אויגן, אירע האָר, אירע ליפּן — פון אַלץ האָט געפליצט מיט שטראַמען ליכט. דאָס אָפּגעמאָסטענע קליידל האָט געשלאָגן מיט אַלע רעגנבויגן־קאָלירן.

ער האָט איילענדיק אַ קוק געטאָן אויף זיין געלענק־זייגער און געזאָגט:

— אין צוויי שעה אַרום שליסט מען די סטאָר, סוזי.

— איר וועט וואַרטן אויף מיר אין שפּייז־אויטאָמאַט קעגנאיבער. איך וועל קומען אַן איבערגעטוענע. און איר פאַרגעסט הײַנט, אַז איר זייט אַ באַשיידענער אינשורענס־מאַן, אָדער אַן אָרימער אַפּיס־אָנגעשטעלטער. שמייכלען דאַרפט איר אָפטער און אַ ווייסער קראַגן־שניפּס וועט זיך פּאַסן צו אײַער קאָמפּלעקציע... איך וויל אײַך זען אין פולער אוונט־קליידונג, פאַרשטאַנען?

III

אין דעם שפּייז־אויטאָמאַט איז מילטאָן געזעסן ווי אויף בריענדיקע קוילן. די צייט פון טרעפונג איז שוין געווען אָפּגעלאָפן. זיין פולע אוונט־קליידונג איז אויף אים געווען אַ לאַסט. דער מאַן ווערט איינגעפּרעסט אין אַ שטייפן פראַק, אין אַ געקראָכמאַלעט העמד, נאָר כדי אָפּצונאַרן אַ פרעמד אויג, צו וועקן די אָפּטישע אילוזיע, צו פאַרשפּילן זיך און יענעם מיט קאָלירטע סטענגעס. דאָס אַלץ וואָלט פאַר מילטאָנען געווען דערטרעגלעך, ווען סוזי באַווייזט זיך בלויז אין איר צייט. דער אומגעדולד האָט געטריבן צום אויספיר, אַז אין סוזי׳ס פאַרזאַמונג שטעקט אינטריגע, אין איר פאַרשפּעטיקונג — געשפּאַנטקייט, אייגנשאַפטן פון וועלכע מילטאָן איז פאַר די לעצטע דריי יאָר געווען פריי. הייסט עס, דער יעגער לויערט נישט אויף זיין פאַנג. דער קרבן רייצט זיך מיט דעם יעגער.. און די געשפּאַנטקייט ציט די ביינער, מאַכט פיבערן. איז דאָס אַ צופאַל? אַ דיאַבאָלישער איינפאַל פון סוזי׳ן אים אָנצוציען, לאָזן זיצן אַ שטייפן, אויסגעקראָכמאַלעטן קאַוואַליר, ווי אַ פאַרשעמטן, דורכגעפאַלענעם קאַזאַנאָווא?

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין געלענק־זייגער. ס׳איז געווען עלף.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אַריבערגעקוקט איבער די שיטערבאַזעצטע טישלעך. זיין אוונט־קליידונג האָט פייערלעך אַרויסגעשיינט צווישן די וואָכעדיק־אָנגעטוענע געסט. ער האָט זיך געוואָלט אַ לאָז טאָן צום אַרויסגאַנג. אָבער אין דער דריי־טיר האָט זיך פּלוצים באַוויזן אַ דיקער נעגער־יינגל מיט אַ ווייסן קאָנווערט אין האַנט. דער נעגער האָט,

גייענדיק צווישן די טישלעך, געפּאַטשט מיט דעם קאָנווערט אין דער לופט און גערופן אויף אַ קול:

— אַ מעסעדזש פאַר דעם מאַן אין פּולער אָוונט קליידונג!

מילטאָן אַ זיכערער, אַז ער איז דער איינציקער מאַן אין אַ פראַק אינעם שפּייז־אויטאָמאַט, האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט און גערופן:

— איך!

— פון דיין מיידל, מיסטער! — האָט דאָס נעגער־יינגל דערלאַנגט דעם קאָנווערט.

— כ'וויים.

— האָסט זי ערשט היינט באַגעגנט? — האָט דאָס נעגערל, אַ נייגעריקער אַרויסגערוקט דעם אויבערשטן קאַסטן ווייסע ציין.

— יאָ!

— און זי האָט נישט געהאַט גענוג צייט צו נעמען דיין נאָמען?

— פרעגסט צופיל — האָט מילטאָן געשמייכלט.

— דזשי! דאָס איז געווען נאָך פלינקער, ווי ליבע אויפן ערשטן בליק! — האָט דער נעגער פון התפעלות אויפגעפּראַלט זיינע פולע ווייסל־אויגן, אַ כאַפּ געטאָן פון מילטאָנען אַ מטבע און איז אַרויסגעלאָפן.

מילטאָן האָט אויפגעריסן דעם קאָנווערט און האָסטיק דורכגעלייענט ס'בריוול, ווי אַ טעלעגראַפישע שריפט:

„אַ צופאַל האָט מיך פאַרהאַלטן אין הויז. כ'באַדויער מיין פאַרשפּעטיקונג. קום אַריבער אין הויז וועסט 258, זיבן און דרייסיקסטע גאַס, אַפּאַרטאַמענט 9. די אומשטענדן וועלן פאַרענטפערן מיין האַנדלונג.

סוזי".

דער וועג צו דער זיבן און דרייסיקסטער גאַס איז געווען אַ קורצער שפּאַן. פינף בלאָק. אַ גאַנג אויף צען מינוט. מילטאָן איז נישט געגאַנגען. די ערשטע פאַרביילויפנדיקע טאַקסי האָט אים איינגעשלונגען, אַוועקגעיאָגט מיט אימפּעט און אים אַרויסגעשטעלט אויף דער אָנגעוויזענער אַדרעס.

מילטאָן איז פלינק אַריין אין טרעפּן־הויז.ביים ליכט האָט ער געפונען דעם פרעס־קנאָפּ נומער 9. ער האָט אַ דריק געטאָן, פונעם אויבערשטן שטאָק האָט זיך געעפנט אַ טיר מיט אַ גרילץ.

אויף די הילצערנע טרעפּ האָט זיך באַוויזן סוזי, ווי אַ פייערדיקע סאַלאַמעאַ. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ רויט אָוונט־קלייד, לאַנג ביז איבער די פיס־פינגער. דאָס רויטע זייד, וואָס איז דין איינגעלאָפן אין דער

טאַליע, איז לויזער געפאַלן איבער די היפטן, אַרויסברענגענדיק יעדן בויג, יעדן קאָרטש פון דעם גוט געפאָרעמטן קערפּער. אויף אירע פּיס האָבן געבלישטשעט געזילבערטע טאַנץ־לעטשלעך. איר צירונג איז באַשטאַנען פון אַ מעקסיקאַנער בראַסלעט, אַ פּאָר שווערע ציגיינער־אויררינגען, און אויף דריי פינגער פון איר רעכטער האַנט — רינגען מיט קאָלירטע שטיינער. די פאַליעס קאָרן־בלאָנדע האָר יאָ צעקעמט, נישט צעקעמט — זיינען געפאַלן איבערן נאַקן מיט אַ ווילדער שיינקייט. בלויז אַ דיקע בלויע טאַשמע האָט אַרומגענומען דעם שייטל פון די אויערן ביז איבערן שטערן און זיך צונויפגעגאָסן מיטן קאָליר פון די פולע אויגן, וואָס האָבן געברענט מיט שאַרפע פלעמלעך.

— פּערפעקט! — איז מילטאָן אַן אַנטציקטער אַרויפגעלאָפן די טרעפּ.

— בלויז אויסערלעך! — האָט סוזי שטיל געלאַכט — עס איז די פּערפעקציע פון אַ קאַבאַרעט־פאַרוויילעריִן. פון אויבן שטייפקייט, אָנגעצווינגנקייט, וואָס שיצט זיך הינטער רוזש און קאָסמעטיק און אינעווייניק אַ שווער האַרץ, אַ נשמה פול ריסן און אַ געפיל פון מינדערווערטיקייט, וואָס מענטשן האָבן ליב אַזוי חנעוודיק אָנצורופן „אינפעריאָריטי קאָמפּלעקס". קום אַריין. און ווילסטו זיך נאָך אַלץ נישט פאַרשטעלן?

— מילטאָן באָטלער — האָט ער פראַנטיש זיך פאָרגעשטעלט — רוף מיך מילטאָן.

— וואַרט, מילטאָן — האָט זי מיט די רויט־מאַניקירטע פינגער אָנגענומען זיין האַנט — איך קום שוין אַראָפּ!

— עס ווערט שפּעט, סוזי. און איך האָב דיין צושטימונג מיר זאָלן זיך יאָגן נאָך אַביסל פאַרווײלונג.

— דאָס געיעג נאָך פאַרווײלונג הויבט זיך אָן שפּעטער, מילטאָן — האָט סוזי געוויספּערט — וואָס פינסטערער דער הימל, אַלץ שטאַרקער פינקלען די שטערן, און וואָס טיפער אין דער נאַכט, אַלץ איבעראַשנדיקער איז בראָדוויי.

מילטאָן האָט זיך געוווּנדערט וואָס די אויבערפלעכלעכע סוזי, וואָס האָט געקענט לייכט פלאַפּלען אינעם צען־סענט־סטאָר, האָט איצט אינעם האַלב־באַלויכטענעם טרעפּן הויז פאַרלוירן איר איינפאַכע שפּראַך. זי רעדט שווער, מיט סימבאָלן. צוזאַמען מיט די פייערלעכע קליידער האָט זי אויך אָנגעטאָן אויף זיך אַ פייערלעכע מאַסקע. אַרום די לאַכנדיקע מויל־ווינקלען הענגט אַ שטומער פאַרדאַכט, וואָס מאָנט עפּעס, וואָס קלאָגט אָן, וואָס זוכט אַ שולדיקן. און כאָטש אין די מיניענדיקע, בלויע אויגן האָט אויפגעלויכטן אַ פריילעכער ספּאַזם, אַ שפּיל, איז עס געווען דער שפּיל וואָס פאַרדעקט דעם מענטשלעכן טרויער, ווען ער קומט אומגעריכט.

סוזי איז אַ פלאַטערנדיקע אַראָפּ די טרעפּ. זי האָט אַ שלעפּ געטאָן

מילטאָנענ פאַר אַ האַנט אוןביידע זיינע מיט אַ שווים אַרויסגעלאָפן פונעם האַלב־באַלויכטענעם טרעפּן־הויז.

IV

די אָפּגעשטעלטע טאַקסי אויף דער גאַס איז געווען אַ זיבערע נעסט פאַר ביידע. מילטאָן האָט זיך געזעצט לעבן סוזי'ן מיט דער אַנגענומענער חוצפּה פון אַ מאַן, וואָס טוט זיך צושפּאַרן צו זיין געליבטער. ער האָט געהייסן דעם טרייבער יאָגן צו דער צוויי און פופציקסטער גאַס, צו דער גאַס ווו עס פילדערט מיט פרייד און פאַרווײלונג. סוזי איז געווען אומרואיק. זי איז נישט געזעסן מיט דער שטילער שפּאַנונג פון אַ הוליאַנקע־זוכעריןָ, וואָס פאַרט אין אַ נאַכט־קלוב זוכן צעשטרייונג. אַ געלאַנגווײליקטע האָט זי באַטראַכט איר פייערדיק סאַלאַמעאַ־קלייד און זיך באַקלאָגט.

— מיין קליידונג וועט נישט זיין פּערפעקט, אויב איך וועל נישט אָנטאָן אויף מיין פינגער אַ רינג מיט אַ שמאַראַגדן־שטיין.

— נאָך אַ רינג? — האָט מילטאָן פאַרוואונדערט אַ פייף געטאָן און געקוקט אויף אירע דריי רינגעלעך מיט קאָלירטע שטיינער. — דו ביסט באַדעקט מיט צירונג, ווי אַ שוי־פענסטער אין אַ יוועליר־געשעפט.

אין איר ענטפער איז געווען אַ לייכטער פאַרוואורף:

— איך אַרבעט מיט מיין קאָסמעטיק ווי אַ מאָלער מיט זיין פּאַליטרע. יעדער עפעקט, יעדער שטריך דאַרף זיין אויפן ריכטיקן פונקט. און אַ רינג אויפן מיטל־פינגער איז פונקט ווי דער לעצטער פּענדזל־באַריר פון דעם קינסטלער אויפן לייוונט.

— טרעפלעך! — האָט מילטאָן אַנטציקט צוגעשטימט און אַ רוף געטאָן — טרייבער, בלייב שטיין ביים ערשטן צירונג־סטאָר.

מילטאָן האָט פראַנטיש אַרויסגעפירט סוזי'ן פון דער טאַקסי און אַרויפגעלייגט אויף אירע אַקסלען דעם ברוינעם פוטער־זשאַקעט. אַ ברייט געפוצט שוי־פענסטער פון אַ יוועליר־געשעפט האָט אַנטקעגן געלויכטן. דאָס צירונג געשליפן און פּאַלירט, האָט געברענט מיט טויזנטער פייער־טראָפּנס.

אַריבערגייענדיק מיט סוזי'ן די שוועל איז מילטאָן געוואָרן אויפגעהייטערט. די אייגענע לאַגע האָט אים אַמוזירט. ער האָט זיך געפילט ווי אַ חתן־בחור, וואָס גייט באַזאָרגן זיין מיידל מיט אַ פאַרלאָבונגס־רינג. דער צופאַל, וואָס דאַרף זיין דער פאָטער פון יעדן דערפאָלג, האָט ווייטער געשפּונען דעם שפּיל, האָט פאַר אים אויסגעשניטן ספּיראַלן, געשטויסן אים אויף געדרייטע סטעזשקעס און ער, פאַרכאַפּט פון דער אינטריגע, האָט נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד. דער צופאַל — געהאָרכזאַם צו

זיין ווונטש — האט אים געשלעפט פון איין אוואנטורע צו דער צווייטער.

און סוזי אליין? צוערשט א קליינע, העפליכע פארקויפעריז, דערנאך א דורכגעטריבענע שטיפערקע, וואס זוכט פארעקשנט א באגלייטער צו פארוויילונג און איצט א רייפע, צוויבערליכע פרוי, א פייערדיקע סאלאמעא. זי באפעלט און ער, א לאקיי פירט אוים געהארכזאם אירע באפעלן.

אינעווייניק, אין יוועליר געשעפט האבן אלע פארגלאזטע שענקלעך פאר סוזי׳ן זיך געעפנט. קרישטאלענע שטענדערס באליגט מיט בראסלעטן און רינגען, האבן גערופן און געווונקען מיט פייערדיקע טראפנס.

סוזי האט געווארפן שמייכלען צו מילטאנען, צום העפליכן פארקויפער און זיך געערגערט וואס דער פרוים העגט זיינען צו קליין ארויפצונעמען אויף זיך אזוי פיל צירונג. ביי א גלעזערנעם ראד, ווי א גלאבוס, באשטעקט מיט קאסטבארע רינגען, האט זי זיך פארהאלטן. די איינגעפאסטע קאלירטע שטיינער האבן געשאסן מיט פאספאר און געפלייצט מיט רעגנבויגן־ליכט. סוזי׳ן האט געצויגן צ ודי בריליאנטענע פלעמלעך, ווי עס ציט א שמעטערלינג צום פייער. דער פארקויפער האט געדרייט דאס גלעזערנע ראד ווי א פאקוסניק. ער האט ארויסגעשלעפט איין שאכטל מעדאליאנען נאך דער צווייטער, געזוכט צוצוטראגן סוזין וואס מער אויסוואל, און ווען ער האט זיך א בויג געגעבן אז א זייט צו דערלאנגען נאך א פרישן שטענדער מיט דיאמענטענע רינגלעך, האט סוזי פלינק פארלוירן צווישן אירע צוויי פינגער א שמאראגדען־רינג און פונקט אזוי פלינק עס אריינגעלאזט אין בוזים.

מילטאן א דערשטוינטער האט איר א שטוים געטאן.

— סוזי!

— שווייג!

— איך קען זיך פארגינען צו באצאלן — האט ער געוויספערט.

— זיי נישט קיין בארימער! — האט זי ביטול׳דיק אים אנגעקוקט, און זי האט מיט א שמייכל זיך געווענדעט צום פארקויפער — א דאנק פארן ווייזן. ליידער, נישט מיין געשמאק. אפשר אן אנדערש מאל!

אויף דער גאס איז סוזי צוריק אריינגעשפרונגען אין דער טאקסי, מילטאן — נאך איר. און ווען דער טרייבער איז אפגעפארן א גאנצן בלאק האט זי געשטופט מילטאנען אין פנים אריין דעם צוגעגנבעטן רינג, וואס האט געבלענדעט מיט קאלירטע שרפות.

— דאס איז א שמאראגד! דריי חדשים פון דיין געהאלט וואלט נישט גענוג געווען דאס צו באצאלן.

— האסט עס געמאכט געשיקט — האט מילטאן אומרואיק געשמייכלט.

— א געניטע פארקויפערין דארף זיין געשיקט — האט זי קאקעטיש

אָנגעשטעלט אירע אויגן אויף אים — דערפֿאַרונג האָב איך געקראָגן אויף מײַן שטעלע אין דעם צען סענט־סטאָר. איבעריקנס, די פֿינגער־מאַנעווערס האָב איך געלערנט פֿון מײַנע קונדן, די אויסגעצוואָגענע דאַמען, וואָס קומען אַרום גלײַך פֿון די שיינהייטס־סאַלאָנען פֿאַר אײַנקויף און טוען די פֿינגער־אַרבעט אַזוי פּערפֿעקט, אַז עס וואָלט געווען אַן אונטערשעצונג פֿון זייער אָנשטענדיקייט צו פֿאַרפֿאַלגן זיי מיט פֿאַרדאַכט...

מילטאָן האָט שאַרף אָנגעקוקט סוזין. אין אירע ווערטער איז געווען עפּעס מער ווי שטיפֿערישקייט, מער ווי פֿאַרביטערטער שפּאַס. עס איז געווען אַ ווילן צו פֿאַרגלעטן אַ גנבֿה, אַ ווונטש צו פֿאַרוואַנדלען אַ קליינעם פֿאַרברעכן אין אַ קונץ־שטיק. ער האָט אַ לאַנגע ווײַלע נישט אַראָפּגענומען פֿון איר זײַנע בליקן. אין אירע בלויע אויגן האָט איצט נישט געמינעט קיין ליכט. עס האָבן זיך געצונדן פֿאַרדאַרבענע פֿלעמלעך. עס האָבן געברענט פֿײַערלעך פֿון שלעכטס.

די טאַקסי איז געלאָפֿן לענגאויס די זיבעטע עוועניו. דורך די שײַבלעך האָבן אַרײַנגעלויכטן די ליכט־רערן פֿון די פֿאַרביישווימענדיקע נעאָןשילדן און געפֿלעקט סוזי׳ס פּנים אויף פֿײַערדיק רויט, וואָרענענדיק אים אַז דאָ זיצט אַ קליינע מכשפֿה, וואָס וועבט אַרום אים זײַדענע נעצן פֿון שפּינוועבס.

מילטאָן איז געווען קאַלט צו דער וואָרענונג. ער האָט נישט געוואָלט אויסטאָן זיך פֿון דער שטיפֿערישקייט. שפּאַס איז געווען גוט צום געמיט. סײַ ווי האָט ער די נאַכט באַשטימט אויף אויסטערלישקייטן. און דאָס נאַרן איינער דעם צווייטן איז קענגזײַטיק. אויב סוזי וויל שפּילן די הוליאַקע, דאָס נאַכט־פֿייגעלע, מסר׳ט ער דאָך אויך נישט זײַן שטאַנד. ער לייקנט נישט אַפֿ איר אײַנרעדעניש, אַז ער איז אַ נעבעכדיקער אינשורענס אַגענט. זאָל דאָס שפּיל אָנגיין! דערצו איז דאָך דער מילד־וועג פֿון בראָדוויי פֿול מיט צוזאָגן. סוזי זוכט פֿאַרווײַלונג — און ער אוואַנטורעס.

די טאַקסי האָט אַרײַנגעדרייט אין דער צוויי און פֿופֿציקסטער גאַס און געבליבן שטיין פֿאַר דעם נאַכט־קלוב „אַרקאַדיאַ". דער טרײַבער האָט צוגענומען אַ פֿינף דאָלער באַנקנאָט, אויף מילטאָנס ווונק פֿאַרשטאַנען אַז ער דאַרף נישט געבן קיין רעשט און די טאַקסי איז פֿאַרלוירן געגאַנגען אין גאַסן־געדרענג.

דאָס אַרײַנגיין אין נאַכט־קלוב איז געווען לויט דער רוטין. דער טירמאַן אין רויטן אוניפֿאָרם מיט די עפּאָלעטן, האָט זיך פֿאַרנויגט. דאָס גאַרדעראָב־מיידל האָט העפֿלעך צוגענומען דעם מאַנטל און הוט. די ווילגנדיקע מוזיק און דאָס געדעמפּטע ליכט האָט אַרײַנגערופֿן דאָס פּאָרל.

אינעווייניק זײַנען די לעמפּלעך איבער די געדיכט באַזעצטע טישלעך געווען פֿאַרלאָשן. אַ בלויער ליכט־פּראָזשעקטאָר האָט געפֿלעקט דעם דיל און זיך געיאָגט מיט אַן אָפּגעדעקטער טענצערין, וואָס האָט וואַנדערנ־

דיק צווישן די געסט, אויסגעזונגען אַ בראַזיליאַנער שלאַגער־ליד. לייכ־טע דזשאַז־אַקאָרדן האָבן שטיל אויסגעקלאַפּט די באַגלייטונג־טענער און אָנגעהאַלטן דעם ריטם.

ביים טישל האָט מילטאָן באַשטעלט סקאָטש, סוזי איז באַשטאַנען אויף פראַנצויזישן שאַמפּאַניער. נאָך דעם ערשטן בעכער האָבן אירע באַקן זיך צעפלאַמט. זי האָט נישט־פאַרגינעריש באַטראַכט די טענצעריןן, וואָס שווימט אונטער די בלויע פּראָזשעקטאָר־שטראַלן. איר ציעניש מיט די גלידער, איר היפּטן־געטרייסל און יעדער קניען־וואָרף האָט אָנגעשטעקט סוזי'ן מיט דער גלוסטונג פון סאַלאָמעאַ. מילטאָן האָט זיך אָנגעשטויסן אויף איר ווונטש און אַז עס איז געוואָרן ליכטיק, האָט ער פּראַנטיש אַריינגעפירט זיין דאַמע אינעם געדרענג פון די טאַנצנדיקע פּאָרלעך.

סוזי האָט געטאַנצט שטייף און קאַלט, אַז דער באַרוישטקייט פון מיידלעך וואָס ווערן אונטערטעניק אונטער די טענער פון דזשאַז. דער בעכער שאַמפּאַניער האָט אויפגעבריט דאָס בלוט, אָבער בלויז פאַר איי־גענעם קוראַזש. זי האָט נישט אָנגעשפּאַרט איר באַק אָן זייגער, נישט געוויגט זיך אין דער פּאַזע פון אַ פאַרליבט מיידל, וואָס שטעלט אָן פאַר־חלשטע ליפּן און וואַרט מען זאָל אויפוועקן אין איר אונטערדריקטע ווונ־טשונגען און חלומות.

מילטאָן האָט זיך געוויגט פלינקער, ריטמישער. איין האַנט אַרום איר טאַליע. די צווייטע — פאַרפלאָנטערט אין אירע פינגער, באַשטעקטע מיט בלישטשענדיקע רינגען. זיינע שלייפן האָבן האַסטיקער גענומען קלאַפּן. אונטער דעם געפלאַטער פונעם רויטן זייד, האָט ער אָנגעוווירן זיין שטאַנד־האַפטיקייט.

אַלץ אין אים האָט זיך געצויגן פעסטער צוצודריקן דעם יונגן קער־פּער, וואָס האָט איצט אין טאַנץ זיך געוויקלט ווי אַ שלאַנג, געדרייט זיך אין בויגנס, אויסגעפּאַרעמט ליניעס און פאַרט געבליבן הענגען פאַר אים ווי אַן אָנגעצויגענע ספּרוזשינע. און כאָטש זיינע אויגן האָבן געפיבערט, געפרעגט: ווי מאַכט מען סוזין אונטערטעניק? איז זיין הייסער אָטעם, וואָס האָט געזוכט סוזיס בריענדיקע ליפּן, געבליבן הענגען איבער אירע פאַליענדיקע האָר, וואָס האָבן געבלאָזן מיטן ריח פון שכורע קאַנוואַליעס.

ער האָט אַ פּליסטער געטאָן:

— וואָס באַגערסטו, סוזי?

— איך וואָלט וועלן זיין די פרוי פון אַ באַנקיר — האָבן אין סו־זי'ס אויגן פייערלעך געטאַנצט.

— זייער אַ גרויער ווונטש, סוזי — האָט מילטאָן טאַנצנדיק איר איינגערוימט — אַ באַנקיר איז אַן אַראַגאַנט, אַ טרוקענער מענטש, אַן סענטימענטן.

— איך ווייס, אָרעמע מענטשן האָבן נישט קיין לויב־ווערטער פאַר

דער פּראָפּעסיע — האָט סוזי לאַכנדיק פּאַראַדירט מיט אַ בייטשל פּערל־ציין — וואָס איז דען אַ באַנקיר? אַ מענטש וואָס טוט אויס ביי יענעם דאָס העמד און טוט אָן — ווי אַ פּאַרגיטיקונג — אויף זיין פרוי די פעל פון אַ טיגער!

מילטאָן האָט געשאַרט מיט די פּיס און געוויספּערט:

— קענסט דעם באַרימטן זאָג, סוזי? „אַ באַנקיר איז אַ מענטש, וואָס באָרגט דיר אַ שירעם ווען די זון שיינט און פאָדערט עס צוריק ווען עס גיסט אַ רעגן".

—דאָס האָט געזאָגט מאַרק טוועין. און ער איז געווען אַ הומאָריסט. איך האָב אַן אָנקעל. ער איז רייך און קאַרג. ער רעדט אויך מיט הומאָר אָבער דאָס איז אַ גאַל־שפּראַך. ער באָרגט נישט קיין געלט אויף פּראָצענט, אָבער ער איז גרויזאַמער פון אַ באַנקיר.

— פון אים, הייסט עס, האָסטו געלערנט עגאָאיזם און אייגנליבע?

— יאָ, אָבער אין דער צייט ווען זיין רייכטום איז פאַר אים אַ לאַסט, וואָלט דאָס פאַר מיר געווען אַ קוואַל פון פאַרשווענדונג. ווילסט זיך צו־זעצן?

ביים טישל האָט דער קעלנער אַן אויסגעצויגענער, אַ דראַטענער, אויפגעקאָרקעוועט אַ פריש געקילטע פלאַש שאַמפּאַניער. דער שוימיקער טרונק האָט אָפּגעפרישט די גומענס און לוסטיקער געמאַכט די געמיטער. ביי סוזין איז דאָס צינגל באַוועגלעכער געוואָרן, אירע אויגן, פול מיט טייוואַלימלעך, האָבן אַריינגעלאַכט מילטאָנען אין פּנים אַריין.

— דו נעמסט אַלץ צו ערנסט.

— איך?

— יאָ. איך האָב דיר געהייסן זיין פאַרשווענדעריש, ווייסנדיק אַז דו ביסט אָרעם. און דו, נאַאיווער, האָסט געפאָלגט. ווילסט מיר זאָגן, אַז דו קענסט זיך דאָס אַלץ פאַרגינען? צו וואָס דער שפּיל? אַזאַ פּלאַץ איז צו קאָסטבאַר. כאָטש דו באַמיסט זיך צו זיין עלעגאַנט, שטויסטו זיך אוודאי אָן, אַז אונדזער באַגעגעניש איז בלויז אַ פאַרגענגלעכער עפּי־זאָד. אַ הייראַט צווישן אונדז איז אַן איינרעדעניש. מיין וווּנטש, אַז דער רייכער אָנקעל זאָל מיר אָפּשרייבן אַ צענטל פון זיין פאַרמעגן איז אַ ווילדער חלום. דו וועסט נישט נעמען אַן אָרעם מיידל, ווען עלטערע, הונגעריקע דאַמען אין פּאַרק עוועניו לאָזן זיך אויף יאַגד, נאָך יונגע, געוויקסיקע מענער. און איך? — האָט זי ריידנדיק געלאָזט שפּילן די טייוואַלימלעך אין אירע אויגן — איך וועל וואַרטן אויף ווייטערדיקע צוזאַמענטרעפן. יעדער צופאַל טראָגט אין זיך טויזנט מעגלעכקייטן.

דער ווייגנדיקער דזשאַז האָט אויפגעהערט קלאַפּן און שטיין גע־מאַכט די טאַנצנדיקע פּאָרלעך. מילטאָן האָט אויפגעכאַפּט סוזי'ס לעצטע ווערטער, אָ נישט זיכערער צי ער האָט עפּעס נישט פאַרהערט. אויך זי

רעדט פון צופאַלן! דער זאָג „יעדער צופאַל טראָגט אין זיך טויזנט מעג־לעכקייטן" האָט אים צוריקגעברענגט צום צען־סענט־סטאָר, ווו ער האָט סוזין דאָס ערשטע מאָל געטראָפן. פון צוויי פאַרשיידענע ריכטונגען זיינען זיי אָקעגנגעגאַנגען דעם צוזאַמענטרעף. דער צוזאַמענטרעף האָט גע־קראָגן אַ נאָמען: צופאַל. און צופאַל איז נישט גלאַט אַ פאַרוואַנדלונג פון אַ וואָרט. צופאַל איז אַ באַהעלטעניש, אַ באַקוועם קעמערל, ווו עס ליגן פאַרבאָרגן אַלע ווונטשן זיך צו יאָגן נאָך אַוואַנטורעס.

פונדעסטוועגן איז מילטאָנען נישט היימלעך געווען פון סוזיס זאָג. ער האָט זיך געערגערט פון איר אָנצוהערעניש, אַז זי וועט זוכן נייע צו־צוזאַמענטרעפן. די לייכטע מורא אַז סוזי וועט זיך באַלד אָפּטראָגן, האָט אין אים אַרויסגערופן אַ בענקעניש נאָך אַ זאַך. וואָס מען האַלט ביים פאַרלירן. הייסט עס, אַז פון דעם פלירט איז געוואָרן אַ פאַרבלענדעניש. פון דעם יאָגד — אַן אמתער פאַנג. ער האָט געוואָלט דערשטיקן דעם גע־דאַנק וואָס האָט איינגערעדט, אַז סוזי ווערט אויס שפּיל. דאָס פייער פון אירע אויגן צינדט זיינע שלייפן, דער ברי פון אירע ליפּן צעוואַרעמט זיינע אָדערן און ער, אומבאַהאָלפן, אַז ווידערשטאַנד ווערט אַריינגעוויקלט אין אירע זיידענע נעצן.

צום טישל האָט זיך צוגערוקט אומגעבעטענערהייט אַ קורץ־געוויקסיקע דאַמע, וואָס האָט געהאַט דעם אויסקוק סיי פון אַ פאַרווילעריןִ, סיי פון אַ נודניצע. איר בלוי, לאַנג אוונט־קלייד ביז צו די קנעכלעך איז געווען פאַרזייט מיט גאָלדענע שטערנדלעך, וואָס האָבן זיך געצונדן ווי גלי־פליגעלעך. איר קאָפּ — אַ טורעם מיט רויטע האָר, איז פאַרריסן געזעסן אויף אַ פעטן נאַקן. איבערביידע שלייפן זיינען געפאַלן זאַרגפעלטיק־פריי־זירטע פּאַפּילאָטקעס. דער קורצער, דיקלעכער האַלדז איז געווען אַרומ־געוויקלט מיט אַ שווערע בייטש קאַלירטע קרעלן. נאָר די באַקן אָנגעפּו־דערט מיט אַ רוזש, זיינען געווען איינגעפאַלן ווי ביי אַ לונגען־קראַנקע. פון אירע מאַטע, גרינלעכע אויגן האָט אַרויסגעשיינט אי מעלאַנכאָליע, אי פרייד.

די דאַמע האָט, באַלד ביים צוקומען, זיך צערעדט:

— באַקוועם? ס'וואָלט געווען אַן אומרעכט נישט צו זיין אָפּנהאַר־ציק. כ'מוז אַליין צוגעבן, דער דזשאַז דאָ איז צו ליאַרעמדיק. עס הערט זיך צופיל וואַלד־ריטם. עס פעלט די מעלאַדישקייט פון דעם ניו־יאָרקער „ווייסן וועג". וואָס פאַרא ווידערשפּרוך! מענטשן לאַנגווייליקן זיך אָפּט אין דעם הויז פון פאַרווילונג. מיין אמת איז צו אונטערהאַלטן די, וואָס פאַרלירן די פרייד צווישן די ווענט פון זאַרגלאָזיקייט. מען רופט מיך: די פּאַמפּאַדור פון דער צוויי און פופציקסטער גאַס. דאָס פאַרגעפיל האָט מיך נישט גענאַרט. אייערע געמיטער זיינען ווייט פון צו זיין אַמוזירט. איז עס אומעט? אַ שטרייט? קעגנזייטיקע בענקשאַפט? אייפערזוכט?

פאמפאדור איז א ווײלע אנטשוויגן געווארן און באנעצט אירע פעטע ליפן. באלד האט זי ווייטער גערעדט.

— אייער האלטונג פאראט אייך. איר זייט נישט פארהייראט? מען זעט עס פון דעם יונגגמאנס פאזיציע. ער עסט נישט די טענצערין מיט זיינע בליקן, נאר קוקט זיין מיידל טיף אין די אויגן אריין. וואס, איר זופט שאמפאניער? אן אפגעלעבטער טרונק! עס איז פונקט ווי א דראג. עס סטימולירט דעם ערשטן מאמענט, דערנאך וועפט עס אויס, ווי רויך. איך וויים פון הייסערע געטראנקען. כ׳קען לייזן שטרייטיקייטן. כ׳קען אויסגלייכן דעליקאטע קאנפליקטן. כ׳וויים דעם באשייד פון חלומות און ווינטשונגען...

— איר זייט א קארטן־ווארפערין? — האט סוזי איבערגעריסן איר שטראם רייד.

— דאס איז א באַרוף פון אלטן פאסאן. היינט קומט מען אן צו נייע מיטלען צו דערגיין יענעמס הארץ־קלעמעניש. דער היינטיקער מענטש, האט א נאמען פאר דעם: סוגעסטיע, נשמה־גריבלעניש. אויב די נשמה איז א לאבירינט, איז דאס פנים — די שויבן־טיר פון דעם לאבירינט. איין קוק דורך אט דער שויבן־טיר, פירט ארויף אויף אלע פארדרייטע וועגעלעך און שטעגעלעך פונעם לאבירינט... לאמיר צוערשט אבסערווירן דיין פנים, דו קליינע, געפייניקטע נשמה! — האט פאמפאדור נענטער זיך גענומען איינקוקן אין סוזין — א פאר לוסטיקע אויגן, הייסע נאזפליגל, דורשטיקע ליפן און דאך איז אלץ פארשטעלט מיט געמאכטער גלייכגילטיקייט. דו בענקסט, געפייניקטע נשמה! אבער ווען דער אויסגעבענקטער וועט קומען, וועסטו אים וועלן זען זיך דרייען אין א ווייקלראד. דו גלוסט נאך פרייד, אבער ווען די פרייד וועט דיר אקעגנגיין, וועסטו זיין צו נאכלעסיק אויסצושטרעקן די הענט. דו ליבסט, אבער אז דער געליבטער וועט זיך באווייזן, וועסטו ווערן פארביסן און נישט וועלן איינזען, אז דאס שוואכע געשלעכט מוז זיך אונטערגעבן. דאס איז איינפאכע זעלבסט־פייניקונג. אזוי שטראפן זיך אליין פרויען צוליב בארימעריי, צוליב אנשטעל. דאס קארגע ביסל פרייד פון לעבן, וואס איז באשערט פאר יעדער פרוי, ווערט פארצערט אינעם פייער פון אירע צו־גרויסע אפעטיטן... מיינע אנדייטונגען מיינען נישט ווי צו טאן. דאס זיינען הייליווערטער. נישט אלץ קען געזאגט ווערן אין דער קעגנווארט פון א באגלייטער. ווילסט א פאר אנווייזונגען? ווילסט ארונטערגיין מיט מיר הינטער א פארהאנג?

דער פאמפאדורס האסטיקע ווערטער, וואס האבן פון אנהויב סוזין אמוזירט, האבן איצט אין איר געוועקט וואכזאמקייט. אירע זאגערייען און שפרוכן האבן אינטריגירט. ווער איז זי, די פרוי וואס ווארפט ארויס אירע שפרוכן מיט א פויז, מיט א קלאנג, ווי געשליפענע דיאמענטלעך?

אַ כשוף־מאַכערין? אַ וואַרזאַגערין? אַ הײלערין פֿון געפּײניקטע נשמות? מיט דער גאַנצער נײַגעריקײט, וואָס די אור־מאַמע חוה האָט איבערגעגעבן אירע שטערבלעכע טעכטער, האָט סוזי זיך אױפֿגעהױבן פֿון איר אָרט און איז נאָכגעגאַנגען דער פּאָמפּאַדור.

דער דזשאַז האָט מיט אַן אױפֿקנאַל װידער גערופֿן די געסט צום טאַנץ. די פּאָמפּאַדור איז געגאַנגען פֿאַרבײַ דעם אָרקעסטער, איז גאַנג זיך פֿאַרנױגט אױף רעכטס און אױף לינקס, װי אַ פּרימאַדאָנע. אין אַ װינקל פֿון זאַל איז זי אַרױף אױף דרײַ טרעפּ. סוזי, אַ פּלאָנטערנדיקע — נאָך איר. זי האָט געעפֿנט אַ געהײם טירל. פֿון אינעװײניק האָבן אַרױסגעשלאָגן שאַרפֿע פּערפֿום־גערוכן, װי פֿון אַ טענצערינס גאַרדעראָב־צימער. זי האָט סוזי'ן לײכט אַרײַנגעשטופּט, דערנאָך ליכטיק געמאַכט און פֿאַרנאַנדערגערוקט אַ בלױען, סאַמעטענעם פֿאָרהאַנג. דאָס צימערל איז געװען פֿול מיט שפּיגלען.

די פּאָמפּאַדור האָט זי צוגעפֿירט צו אַ טישל, װוּ ס'איז געשטאַנען אַ קרישטאָל־באַל. זי האָט אַרײַנגעקוקט אין דעם באַל טיף, װי אין אַ פֿאַרכישופֿטן טײַך און דערנאָך זיך אָנגערופֿן:

— דאָס איז ער, דײַן באַגלײטער. ס'איז דער, װעמען דו זוכסט. לאָז אים נישט אָפּ.

— כ'האָב אים ערשט הײַנט באַגעגנט — האָט סוזי גלײַכגילטיק געזאָגט — און דאָס צופֿעליק...

— דער צופֿאַל איז דער בעסטער אונטערפֿירער. ער קען צונױפֿשלעפּן טרױער און פֿרײד. אַ לויה און אַ חתונה.

— ער איז אָרעם — האָט סוזי גערעדט דאָס איריקע — און איך זוך פֿאַרשװענדערישקײט.

— ער נאַרט דיך מיט זײַן אָרעמקײט. דאָס איז זײַן מעסט־שטײן. ער שטעלט דיך פֿאַר אַ פֿײַער־פּראָבע. און דו, פֿאַרלױרענע, קענסט דאָס נישט אױסהאַלטן.

— איז ער נישט אָרעם? — האָט סוזי װײַטער געעפֿנט די אױגן.

די פּאָמפּאַדור האָט װײַטער געקוקט אינעם קרישטאָל־באַל און גערעדט:

— ער קען זײַן רײַכער, װי דו מײנסט. ער קען אױך טריומפֿירן פֿלינקער װי דו װעסט זיך כאַפּן, אַז דו ביסט דער פֿאַרלירער. זײַן ראַפֿינירטקײט פֿירט אים צו דערפֿאָלג. ער איז אַ קאַלטער װאָלף, שלױ און מענטש־שטאַרק. דײַן פֿאַרשטעלונגס־קראַפֿט מוז זײַן זײער באַגרענעצט, אױב דו האָסט פֿאַרפֿעלט צו זען זײַן דורכגעטריבענעם שפּיל. אַז אָרעמער דורכפֿאַל װעט נישט מאַכן זײַן ערשטע באַגעגניש אין אַ קאַסטבאַרן נאַכטקלוב. אין סאַלון קומט עס אױס ביליקער און עס איז נישט אױסגעשטעלט צו טרערן און סקאַנדאַלן.

— ער שפילט! — איז סוזי אזש אונטערגעשפרונגען.

— ער שפילט. דו שפילסט און דיין גרויסע געלעגנהייט גייט פארלוירן.

— וואס דארף איך טאן? — איז סוזי געשטאנען אומבאהאלפן פאר דער פאמפאדור, ווי עס שטייט א מינדעריעריקע שילערין פאר איר לערערין.

די פאמפאדור האט אין גאנצן זיך איבערגעבויגן איבערן קריש־טאל־באל. איר הויך, קלינגענדיק קול איז איבערגעגאנגען אין א שטיל, הייס שעפטשען. זי האט געוויספערט אומהיימלעך ווי א מכשפה:

— ס'ערשטע זאל דאס ווייבלעכע אין דיר זיך וועקן מיט דער גאנצער רייפקייט. ברענג פון זיך ארויס וואס מער לוסט, וואס מער כישוף! באנוץ זיך מיט דעם אומגעוויינלעכן געבענטשטן וואפן, וואס די נאטור גיט אריין אין באזיץ פון יעדער שיינער פרוי. באפריי זיך פון הינטער־ליסטיקייט און פארדאכטן. דאס פארטרייבט אפילו דעם ענטוזיאסטישן ליבהאבער. יעדע פרוי קען אנטדעקן אין זיך אן אפשיין פון קלעאפאטרא. דער קילסטער מאן קען פארצערט ווערן אין די פלאמען פון ליבע, אויב זי ווערט פאר אים דערלאנגט מיט געפייניקטן פארגעניגן. אונטערשאץ נישט דיין ווערט! צו דעראבערן א מאן מוז די פרוי נאך אלץ גיין אין געפעכט. שלאג אים מיט דעם בלישטש פון דיינע אויגן, רוף אים מיט דעם ברי פון דיינע ליפן. אז דו וועסט אים האבן אין דיינע הענט, וועסטו אויך האבן דעם כוח פון א סאלאמעא צו פאדערן זיין קאפ. טו אזוי, אום דו זאלסט אין פופציק יאר ארום נישט דארפן ליידן פון פאר־ווורפן, אז ביזט יונגערהייט געווען א שקלאף פון חלומות און אויף דער עלטער פייניקסטו זיך מיט חרטה און באדויערונג — — —

סוזי האט די לעצטע ווערטער מער נישט געהערט. זי איז פלינק אוועק פון הינטערן פארהאנג, האסטיק אויפגעפראלט די טיר און זיך געלאזט לויפן צו מילטאנען מיט דעם גאנצן וואפן, וואס זי האט אנטדעקט אין איר באזיץ. זי וועט אים דעריאגן. מיטן בלישטש פון אירע אויגן, מיט די בריענדיקע ליפן, מיט די גליענדיקע ארעמס וועט זי אים געווינען. זי אונטערשאצט מער נישט איר ווערט. אויב ס'איז ריכטיק, אז די פרוי פארמאגט אומגעוויינלעכן וואפן, וועט זי אן מילטאנען נקמה נעמען מיט דעם וואפן, זיך אפרעכענען פאר זיין שפילעריי, ווען ווארהאפטיקייט איז געווען נויטיק.

דער קורצער וועג איז פול געווען מיט יאגעניש. און ווען זי איז אן אטעם צוריקגעקומען צום טישל, איז מילטאן דארט נישט געווען. אן אנטוישטע איז זי א ווײַלע געבליבן שטיין אומבאוועגלעך. אירע אויגן האבן געבלאנדזשעט איבער די געדיכט־באזעצטע טישלעך, פון וואנען עס האט זיך געטראגן א פריילעכער געליארם. דער ארקעסטער האט געקלאפט מיט א קנאלעריי — פארטויבנדיק סוזיס אלע טראכטונגען.

דער קעלנער א שטייפער, ווי ער וואלט געווען געצויגן פון דראט, איז אונטערגעקומען און זיך פארנויגט:

— דער טשעק איז באצאלט, מעם... אויך ס'טרינק־געלט פאר דער פאמפאדור האט ער איבערגעלאזט... כ'באדויער, מעם...

סוזי האט א קוק געגעבן אויפן קעלנער. אין איר צעדרודערטקייט האט זי באשלאסן, אז מילטאן האט די ווארזאגעריין פון פריער געקענט, אז ער איז דא א שטאם־גאסט. אלץ איז דא בלויז אנשטעל. מילטאן האט זיך דערשראקן די פאמפאדור זאל אים נישט אויסגעבן און דערפאר נישט געשטערט אז זי, סוזי זאל גיין הינטערן פארהאנג. און ווען זי איז געגאנגען, איז ער אנטלאפן ווי א טרוס, אנטלאפן זי זאל אים פארלירן אין דעם ליארעמדיקן ניו־יארקער שטראם. אבער סוזי פארלירט נישט קיין קאסטבארע זאך. מילטאן איז איר פאנג. און דער פארלוסט וואלט געווען צו טייער. איר פריערדיקע גלייכגילטיקייט צו דעם מאן, וואס האט אזוי ראפינירט מיט איר געשפילט, איז איצט איבערגעגאנגען אין שפאנונג. זיין שפיל איז פאר איר א געפעכט, א געראנגל פאר באזיץ. און, אויב זיך צו פארלאזן אויף דעם קרישטאל־באל, אז יעדע פרוי פארמאגט דעם אפשיין פון קלעאפאטרא, די מאכט פון סאלאמעא — וועט זי די מאכט אויסנוצן, און נאך ווי אויסנוצן!

דער קעלנער האט, דרייענדיק זיך, געקוקט אויף דער צעדרודערטער סוזי. דא האט ער גלייכגערוקט דאס טישל, דא האט ער איבערגעשטעלט א שטול און דערנאך אונטערטעניק געלאזט פאלן:

— אנטלויפנדיקע מענער ווערן אפט דערזאגט ביים ארויסגאנג, אין גארדעראב־צימער... מען דארף אבער זיין גענוג פלינק.

V

דעם קעלנערס זאג האט סוזין אונטערגעטריבן. מיט איין שווים איז זי געווען ביים גארדעראב־צימער. ביי דער טיר איז געווען ענג. א וואנט פון אויסדעקאלטירטע פעטע דאמען, וואס האבן געהאלטן אין ארייגקומען, האט פארנומען דעם גאנצן ארייגאנג, א שווערער, מאסיווער מאן, ווי א געזימס, האט פארשטעלט דעם וועג צו דער גארדעראב־מיידל. סוזי האט, באלאנסירנדיק, גערוימט פאר זיך א וועג. דאס געיעג איז אנגעגאנגען מיט די אויגן. ארויסקריגנדיק איר פוטער־זשאקעט, האט זי נאך א ווײַלע געווארפן בליקן אין אלע זייטן און איז האסטיק ארויס אויף דער גאס.

זי האט געזען ווי א מאן איז ארייגעשפרונגען אין א טאקסי. די מאשין האט גענומען אפציען. דאס פלינקע פארהאקן דאס טירל. די גיכקייט, מיט וועלכער דער טרייבער האט געיאגט די מאשין האבן סוזי'ן

פאַרזיכערט, אַז דער אַנטלויפער איז מילטאָן, אַ צווייטע טאַקסי איז אונ־טערגעקומען. דער טרייבער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ:

— נאָכפאָרן?

— אַפילו ביז עק וועלט!

די טאַקסי האָט אַריינגעכאַפּט סוזי׳ן ווי אין אַ שטייג. די רעדער האָבן זיך נישט געקאַלערט איבערן אַספאַלט, נאָר געפלויגן. און כאָטש דער טרייבער האָט פאַרענדיק אַרויסגעיאָגט ס׳חיות פון דער מאַשין, נישט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר די רויטע ליכט־סיגנאַלן, האָט דאָס נישט געהאָלפן. די ערשטע טאַקסי איז געווען פלינקער. סוזי האָט זיך געטרייסלט אויף איר געזעס, געוויגט זיך ווי אויף אַ הוידע און אַריינגעשריגן אינעם טרייבער:

— פלינקער! האַסטיקער! איין פעסטער שטויס אין רוקן פון דער מאַשין און דו וועסט אויסברעכן די הינטערשטע וואַנט. כ׳וועל באַצאָלן פאַרן שאָדן.

דער טרייבער האָט אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויפן רעדל און אויס־געדרייט דעם קאָפּ.

— אויב וועסט באַצאָלן פאַרן שאָדן, מעם, בין איך אַפילו גרייט אַ שטויס צו טאָן אין פראָנט, צעהאַקן דעם מאָטאָר און דו וועסט האָבן דעם פאַנג...

דאָס געיעג איז געוואָרן אימפּעטדיקער. דער טרייבער האָט פאַרקע־רעוועט אויף אַ זייט, וועלנדיק פאַרלויפן דעם וועג. די ערשטע מאַשין האָט קונציק אויסגעמיטן די געפאַר פאַרהאַלטן צו ווערן און אַריינגע־קרייצט אין אַ זייטיקער גאַס.

סוזי האָט זיך געטראָגן איבער דער פיפטער עוועניו. די טראָטואַרן זיינען געווען אָפּגעראַמט. די געשעפטן פאַרהעמערט. עס זיינען פאַר־ביייגעשוווימען בליציקע נעאָן־שילדן. עס האָבן זיך געדרוקט די גאַס־לאָמפּן און די קאָלירטע ליכט־סיגנאַלן אין די ראָגעס. ביידע מאַשינען האָבן זיך געיאָגט ווי אין אַ וועט־געלויף, אַריבערגעקרייצט דעם מעדיסאָן סקווער, פאַרבייגעלאָפן דעם יוניאָן סקווער. מיטאַמאָל איז די ערשטע מאַשין מיט אַ סקריפּ געבליבן שטיין פאַר אַ שמאָל געשעפט מיט אַ באַלויכטן שוי־פענצטער. די ברייטע שויב איז געווען פאַרקלעפּט מיט קאָלירטע וואַנט־טאַפּעטן. פון אינעווייניק האָט זיך געטראָגן אַ געזאַנג.

סוזי האָט געזען ווי דער פּאַסאַזשיר איז אַרויסגעשפּרונגען פון דער מאַשין, געהייסן דעם טרייבער אָפּציען און אַליין האָט ער אַרויפגעפּראַלט די שויבן־טיר און איז אַריינגעלאָפן. זי האָט נאָכאַמאָל באַשטעטיקט דעם פאַרדאַכט, אַז דער אַנטלויפער איז מילטאָן און אין פאַרלעגנהייט אַ פרעג געטאָן:

— האָסט אים געזען אַריינלויפן?

— ריכטיק! — האט דער טרייבער א זאג געטאן.

— ווארט דא צו! — האט סוזי באפוילן — אינעווייניק וועט ער נישט אנטרינען.

זי איז ארויסגעשפרונגען, וועלנדיק א שטויס טאן די ארייגאנג־טיר ווי אן אלטער נעגער אין א לויזן זו־אנצוג מיט א ברייטן שראם אויף זיין אויבערשטער, גראבער ליפ איז ארויסגעקומען און זיך געבייזערט.

— דא איז א געבעט־הויז, שוועסטער, נישט קיין לויף־פלאץ, ווו איינער יאגט דעם אנדערן.

— פונוואנען ווייסטו, אז כ'יאג זיך נאך עמיצן? — האט סוזי געגעבן א ספאזמאטישן בליק.

— כ'האב אויגן — האט דער נעגער געבליצט מיט זיינע ווייסלען

— חוץ דעם, דיין זוכן וועט דיר אין ערגעץ נישט פירן. אין טויער פון דער קירך וועט אפגעשטעלט יעדעס געיעג. אפילו א פארברעכער גע־פינט אנטרינונג אין גאט'ס הויז.

דער נעגער האט זיך א קלאפ געטאן איבער די ליפן, ווי ער וואלט זיך פארעדט און א זויערער גרימאס האט צעקרימט דעם שראם איבער זיין אויבערשטער גראבער ליפ.

סוזי'ס אויגן האבן געלאכט. זי האט פלינק ארייגעשטעקט דעם נעגער אין האנט אריין א צעקנייטשטן פאפירענעם דאלער און א שטופ געטאן די טיר פארויס.

דער נעגער האט פארהאקט די אויגן, נישט וועלנדיק זען א געיעג אין גאטס הויז און גערעדט האלב צו זיך, האלב צום טרייבער:

— א קאמיש פארל. זיי שרעקן זיך נישט צו לעסטערן גאט'ס הויז און האבן מורא איינס פאר ס'אנדערע. און ווי ברייטהארציק! דער אנט־לויפער האט מיר געגעבן דריי דאלער כ'זאל האלטן די אויגן אפן און די נאכלויפערין גיט מיר איין דאלער, כ'זאל האלטן ס'מויל פארמאכט...

אינעווייניק איז סוזי פארטויבט געווארן פון דעם טומעלדיקן גע־זאנג. א צוויי צענדליק עלטערע נעגערס מיט זייערע באלייבטע ווייבער זיינען געזעסן אויף בענק, געפאטשט זיך אין די הענט אריין און זיך פארגאנגען אין אויסטערלישע געבעט־מעלאדיעס. די באגייסטערטע תפי־לה־זאגערס האבן געשאקלט מיט די אקסלען, פארווארפן די קעפ, וועלנדיק איבערגעוואלדעווען איינער דעם אנדערן. דער געליארעם האט געלעכערט די ווענט און דערמאנט דעם קוויטש פון וואלד־מענטשן, ווען זיי טאנצן ארום א פלאקערדיקן פייער.

אין פראנט האט א פעטער, אויסגעשטויסענער נעגער, פארכאפט פון פרייד, געזועצט מיט די אפצאסן און געקנאקט מיט די פינגער, אז דער דיל האט זיך געבראכן. קעגנאיבער אים האט א בארוישטע ווייב גע־קלאפט מיט א גלעקלדיקער טאץ אין אירע הענט. זי האט פילדערנדיק

זיך געוויגט אין אַ טאַנץ. און יעדער קאַרטש, יעדער טרייסל מיט אירע אַקסלען האָט גיכער דערמאָנט אַ לוסטיק שפּילווייב וואָס פירט דורך אַ בינע־טאַנץ, איידער אַ בעטערין אין קירך וועלכע זינגט צו אַ גאָט, וואָס דאַרף אַראָפּברענגען דעם הימל אויף דער ערד.

סוזי, קאַלט צום געפילדער, נישט מיטגעריסן פונעם עקסטאַז אַרום, האָט געוואָרפן אירע בליקן אין די רייען פון די געבעט־זאָגערס. באַלד האָט זי באַמערקט צווישן די אויפגעהויבענע הענט אַ פּאָר אַרבל מיט שטייפע מאַנקעטן. זי האָט זיך דערנענטערט, אָבער די הענט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט. די אַרבל זיינען נישט געוואָרן און דאָס גאַנצע וועזן, וואָס איז געווען פאַרשטעלט צווישן אַקסלען און קעפּ איז אויסגערונען. אַ צערודערטע האָט סוזי געשיקט אירע בליקן צו דער זייטיקער טיר, אויס־געדרייט דעם קאָפּ צום פראָנט־ארייננגאַנג און איינזעענדיק אַז קיינער איז פאַר דער רגע נישט אַרויס און נישט אַריין, האָט זי זיך געלאָזט צו דער טיר.

אין דרויסן האָט אַ נידעריקער נעגער מיט אַ שפּיציקן, מוסקולירטן קאָפּ סוזין אַ שלעפּ געטאָן פאַר אַ שפּיץ פון איר פוטער־זשאַקעט און זיך צעלאַכט אויף אַלע זיינע זעקס און דרייסיק ציין:

— אַנטלאָפן דער וואָלף נאָכן זאַט ווערן? נישט דאָ, שוועסטער, איז דער פּלאַץ אים צו זוכן. איך אַליין, אַז כ'בין נאָך דער חתונה פאַר־פאַלן געוואָרן אויף גאַנצע טעג, האָט מיינע מיך שטענדיק דערשנאַפּט אין די סאַלונען אַרום דער מאַנהעטן בריק. יעם מעם! אַז מען ווערט זאַט פון ווייב, ווערט מען דורשטיק נאָכן ביטערן גלעזל. קלוגע ווייבער זוכן נישט די מענער. די וועלף קומען אַליין צוריק. יעם מעם! אַ מאַן באַ־האַנדלט זיין ווייב ווי אַ פידל. ער האַלט זי אויף לינקס, אָבער ער שפּילט מיט איר אויף רעכטס...

דאָס פול־ציינינקע געלעכטער פונעם נעגער האָט פרעך געגרילצט אין סוזיס אויערן. זי האָט פאַרהאַקט הינטער זיך די פראָנט־טיר און זיך אַנגעשטויסן אויפן טאַקסי־טרייבער, וואָס איז איילענדיק אַקעגן געקו־מען, עפּעס געהאַט צו זאָגן. אָבער סוזי האָט אויסגעכאַפּט:

— ער איז אַנטרינען!

— כ'ווייס. דורך אַ הינטער־טיר.

— מיט דערזעלבער טאַקסי?

— יאָ. נאָכפאָרן?

דער ענטפער איז געווען איבעריק. סוזי האָט אַריינגעשטופּט דעם טרייבער צום טרייב־ראָד און אַליין זיך געזעצט לעבן אים. זי האָט גע־שלונגען מיט די אויגן גאַסן, פּאַרקן, גאַנצע שטרעקעס. דאָס יאָגעניש איז איצט אַנגעגאַנגען אין דער פאַרקערטער ריכטונג, שטאָט־אַרויף. די טאַקסיס האָבן זיך שיעור נישט אַנגעטרעטן אויף די הינער־אויגן, שוין

פארבייגעפלויגן די פענסילווייניא־סטאנציע, פארביי דעם טיימס־סקווער. דער ווייסער מילך־וועג איז איינגעשרומפן. בראדוויי, באשפריצט מיט ליכט, האט זיך געקארטשעט און אט דרייען זיך שוין די מאשינען און קרייזן ארום קאלאמבוס־צירקל.

א גרויסער לאסט־אויטאמאביל איז דורכגעפארן פאר סוזי'ס אויגן ווי א שווארצע קאץ. דער טראק, שווער, הויך ווי א הימל־קראצער — האט זיך געשטעלט צווישן ביידע טאקסיס, א לאנגע ווײלע פארהאלטן די נאכפארערס און די ערשטע מאשין האט מיט אימפעט זיך אפגעטראגן.

סוזי האט קאנוולסיוו זיך געוויגט אויף איר זיץ־ארט. די פארלוירענע דיסטאנץ האט נישט אפגעשוואכט איר אנטשלאסנקייט. איר אויג, ווי אן אפטיש גלאז, האט ארייננגעכאפט די קאנטורן פון דער ערשטער מאשין, וואס האט זיך געטראגן איבער יעדן דורכפאר, איבער יעדן אויסבויג, ביז זי האט, ווי א דערשעפטע חיה, זיך אפגעשטעלט פאר אן אפענעם העל־באלויכטענעם שפיל־הויז.

סוזי'ס אויגן און דעם טרייבערס הענט אויפן ראד האבן נישט אויפגעגעבן דאס געיעג. מיט איין געשיקטן דריי האט דער טרייבער אויסגעמיטן א קליין פארקל, האט ארומגעשניטן דעם אויסגעטריקנטן פאנטאן, פארלאפן א קרייץ־וועג און געבליבן שטיין הארט הינטער דער ערשטער, אפגעשטעלטער מאשין.

VI

ביידע טאקסי־טרייבערס האבן זיך באגעגנט און זיך צעלאכט. סוזי האט זיך ארייננגעטראגן אין שפיל־הויז, ווי אויף גליטשערס. הילכיקע הויך־שפרעכערס האבן פילדערנדיק ארייננגערופן די פארבייגייערס. אין אריינגאנג איז אין א בודקע געזעסן א וואקסענע קארטן־לייגערין, גרייט פאר צען סענט און פאר א דריק איבערן מאשין־קנאפ, צו זאגן נביאות. מענער אן רעקלעד, מיט ארויפגעשארצטע ארבל, האבן געבוכטשעט אין אויסגעשטאפטע זעקלעד, וואס האבן זיך געבאמבלט אויף שטריק און ווי אמתע באקסערס אויספרובירט זייערע מוסקולן.

הינטער א בלויען שפיגל־ליכט האט א יונג געווארפן מטבעות אין שטייענדיקע בילדער־אויטאמאטן, דערנאך האט ער צוגעשטעלט זיינע אויגן צו צוויי גלעזער, גרויס ווי שפאקטיוון, און דרייענדיק מיט אן אייזערנעם הענטל געזען קאלירפולע קינעמאטאגראף־סצענעס: „א טאנץ אין הארעם", „א נאכט אין ווענעציע".

סוזי האט זיך געדרייט צווישן די שפיל־קאסטנס, וו דאס יונגווארג איז געווען פארכאפט ביים שליידערן קאלירטע פילקעס און זי איז צוגע־

קומען צו די ווענט, באַמאָלן מיט ספּיראַלן. דאָרט האָבן מענער, אין יאָרן פון פאַרמעסט, מיט ביקסן זיך געלערנט שיסן אין ציל. הינטערווײַלעכץ, פאַרבײַגײענדיק אײנעם נאָכן אַנדערן, האָט סוזי באַטראַכט די שיסערס. אַ מעסט־אָפּ דעם קאָרק, אַ פּיר דעם בליק איבערן געשטעל און זי איז ווײַטער געגאַנגען. מיטאַמאָל האָט זי אָרויפגעלײגט אירע צוויי הענט אויף די אַקסלען פון אַ נישט־געשיקטן שיסער, וואָס האָט פאַרפעלט צו טרעפן אין ציל. זי האָט געהאַלטן איר קרבן ווי אַ יעגער זײַן פאַנג און אויסגערופן:

— ווי אומבאַהאָלפן!

— סוזי! — האָט מילטאָן זיך אויסגעדרייט מיט געמאַכטער איבעראַשונג.

— שפּילסט ווי אַן אַקטיאָר, אָבער שיסן שיסטו ווי אַן אָרעמער אַמאַטאָר.

— דו מיינסט מײַנע איבונגען מיט דער ביקס? אַ צופאַל!

— און אונדזער צוזאַמענטרעף? — האָט סוזי טריומפירנדיק געשרפּהעט מיט די אויגן.

— אויך אַ צופאַל.

— דער צופאַל טראָגט אין זיך טויזנט מעגלעכקייטן — האָט סוזי געלאַכט.

— דער צופאַל איז אַ פאַרבײַלויפנדער עפּיזאָד סוזי, אַ פאַרגענגלעכע פאַסירונג, כאָטש מענטשן רעדן זיך איין, אַז דער צופאַל איז דער פאָטער פון יעדן דערפאָלג.

— דערפאָלג איז דאָס ריכטיקע וואָרט! אַנהויב אָוונט האָט דער צופאַל מיר געבראַכט איין דורכפאַל נאָכן צווייטן — האָט סוזי גענומען אויסרעכענען אויף אירע פאָלירטע פינגער — אונדזער באַקאַנטשאַפט אין דער צען־סענט־סטאָר, דאָס שאַמפּאַניער אין נאַכט קלוב, דאָס שווינדלדיקע געיעג איבער ניו־יאָרק.

— און די פּאַמפּאַדור?

— יאָ, די פּאַמפּאַדור האָט באַשטעטיקט אַז דאָס איינרעדעניש גילט. דער צופאַל איז טאַקע דער פאָטער פון דערפאָלג. כ׳האָב געמוזט האָבן אַ פּראַפּעטישע איינבילדונג ווען כ׳האָב היינט אין דער פרי זיך איינגערעדט, אַז דער ערשטער מאַן וואָס וועט מיר אָנבאָטן פאַרווײַלונג, איז דער אויסדערוויילטער. ביזט געקומען און כ׳האָב נישט געגלויבט. האָסט געשפּילט און כ׳בין געווען גענאַרט... און מאָרגן וועלן מיר זיך שוין מוזן איילן.

— זיך איילן? נאָך וואָס?

— נאָך הייראַט־פּאַפּירן.

מילטאָן האָט זיך געריבן דעם שטערן. ער האָט אַנגענומען סוזין פאַר א האַנט און מיט איר געמאַכט עטלעכע שפּרייזן.

— הייראַט איז אַ קאָנסערוואַטיווע אינסטיטוציע, סוזי. עס צוימט די שטערבלעכע. ס'דערשטיקט די אַפּעטיטן נאָך אומבאַגרענעצטן לוסט. ווי די פּאָמפּאַדור האָט געזאָגט: עס לעשט דאָס קאָרגע ביסל פריי̆ד וואָס איז באַשערט דעם מאַן און פרוי אויפן קורצן לעבנס־שפּאַן... און דער רעזולטאַט פון הייראַטס־פאַלן, ווייסטו דאָך, זיינען גט'ן...

— גט'ן פּאַסירן נישט אָן קאָנפליקטן — האָט סוזי ריידנדיק קוים געעפנט דאָס קאַרשן־מויל.

— כאַפּסט וואָס איך מיין, סוזי. קומסט אַליין מיט אַנדייטונגען. הייסט עס, ביזט איינשטימיק אַז שטרייטיקייטן נאָך דער הייראַט זיינען אומפאַרמיידלעך. דאָס לעבן פון די פרייליידיקע איז נישט בלויז קרי־געריש, נאָר אויך צו לאַנג. ווי אומפאַרגלייכלעך מאַנאָטאָן איז דער לעבנס־שפּאַן פון די שטערבלעכע, וואָס היטן אָפּ זיטן, פּירונגען. אויב אַ מענטש האָט ס'מזל נישט אַוועקצוגיין פאַר דער צייט פון דער וועלט צוליב קראַנ־קהייטן, אָדער הונגער — דערגייט ער ביז זיבעציק. אָבער די זיבן צענד־ליק יאָר ווערן צערונען מיטן זויגן און אַנטוויינען, מיטן אונטערוואַקסן... דערנאָך קומט די ליבע, די פאַרלאָבונג, די התונה, דער געבורטסטאָג, דער קבר... אַ פאַרבלאָזטע לעבנס־פּראָצעסיע. אָבער דער פרייליידיקער לעבט לאַנג. יעדער ראָמאַן איז אַן אויפטרייסלונג. יעדע אַוואַנטורע — אַ פאַרוויילונג. וויפל באַגעגענישן — אַזויפיל אַנטדעקונגען, און נאָך יע־דער אַנטדעקונג קומט אַ סקאַנדאַל, אַ פאַרפּירעניש, אַ צופאַל, וואָס טראָגט אין זיך טויזנט אַנזאָגן. אין יעדן פרייליידיקן מאָן הערשט די לוסט צו ווערן אַ פרויען־יעגער. דער שפּאַס פון אינטריגירן יענעמס פרוי פאַר־שאַפט מער פאַרוויילונג, ווי דער שטענדיקער פאַרדאַכט אויפן אייגענעם ווייב.

— און דער פאַראַט? — האָט סוזי אים איבערגעשלאָגן — פאַר־שאַפט דאָס אויך פאַרוויילונג?

— דער פאַראַט, ווי יעדע פאַרבאָטענע פרוכט, ווערט אַ טוגנד, אַ ציל וואָס לאָקט. דער ער־און־זי־פּלאָנטער ווערט אַמוזאַנט און פאַרביק. וואָס אָפטער מ'וואַרפט אין יענעמס הויז פייער־שרויטן, אַלץ ווילדער די שרפה. און איצט וויפל איבעריקע יאָרן לעבט דער פרייליידיקער ביים איבערשפּילן נאָכאַמאָל די העלדישע ראָלן, ביים אויספּעכטן ווידעראַמאָל די יוגנט־שלאַכטן אינעם פּילדערנדיקן, רוישיקן ספּעקטאַקל וואָס הייסט: אומפאַרהייראַט לעבן?

סוזיס שיינע אויגן זיינען פּלוצים געוואָרן אָנגעלאָדן מיט פייער־שרויטלעך. אירע ליפּן, צוויי רויטע שלייפעלעך, האָבן זיך פאַרקרימט. מילטאָנס ווערטער, וואָס האָבן געדאַרפט אַמוזירן, האָבן אַנגעטראָגן טרוי־

ער. די פּאַמפּאַדור איז געווען גערעכט. ער איז אַ קאַלטער וואָלף. ער שפּילט. ער פאַרמאָגט שלויקייט. זיינע רייד זיינען קאַלירטע פייערבענדלעך, וואָס דאַרפן פאַרבלענדן. און צו דעראָבערן אַ מאַן, זאָגט די פּאַמפּאַדור, מוז מען גיין אין געפעכט. אויב אַזוי, וועט זי אויך באַנוצן איר וואָפן, זי ווייסט איר ווערט. אין איר, ווי אין יעדער שיינער פרוי, לעבט דער אָפּשיין פון קלעאָפּאַטראַ. עס ברענט דאָס פייער פון סאַלאָמעאַ. זי דאַרף בלויז אַרויסרופן אין זיך די לוסט, אַנשטעלן אויף אים ס'פייער פון די אויגן, לאָזן אים מיט אירע גליענדיקע אָרעמס און דאָס איבעריקע וועלן שוין טאָן אירע ברייענדיקע ליפּן. זי האָט פריילעך אַ זאָג געטאָן:

— הוראַ פאַר דעם פריילייזדיקן לעבן!

— אויסגעצייכנט! — האָט מילטאָן געלאַכט — באַנעמסט עס. איצט וועלן מיר זיך צעשיידן. דער צופאַל, וואָס ברענגט מיט זיך טויזנט מעג־לעכקייטן, טויזנט אַוואַנטורעס האָט אונדז צונויפגעפירט. די אַוואַנטו־רעס האָבן אונדז ביידע פאַרוויילט ביז צו דער רגע ווען מיר דאַרפן זיך פונאַנדערגיין. ביזט אַ בראַווע פרוי, סוזי!

— בראַווקייט באַשטייט אין ווידערשטאַנד, נישט אין נאָכגעבונג. און איך וועל זיך קעגנשטעלן.

— ווילסט נישט פאַרגעסן די היינטיקע געשעעניש, סוזי? ביים שאַמפּאַניער האָסטו דאָס אַליין אַנגערופן אַ פאַרגענגלעכער עפּיזאָד, און אויב ס'איז געווען אין דער אַוואַנטורע שיינקייט, איז עס געווען די שיינ־קייט וואָס טראָגט פאַרבלענדעניש.

און סוזיס אויגן, האָבן ווידער זיך צעשפּילט טייוואַלימלעך. די טייוואַלימלעך, וואָס האָבן פריער ווי מיט צוואַנגען אים געשלעפּט צו דער אַוואַנטורע, האָבן איצט נישט געוויזן קיין אויסוועג. אַלע עפענונגען — פאַרשפּאַרט. אַלע טירלעך — פאַרוועבט מיט זיידענע נעצן, ווי מיט שפּינ־וועבס. זי האָט גערעדט:

— זאָגסט ליגן, מילטאָן. דו פאַרשפּילסט זיך אַליין. ווי נאָר כ'האָב אויסגעפונען אַז דו ביסט פאַרשטעלט, איז דאָס שפּיל אויסגערונען און ס'איז געקומען דער ערנסט, די נויטווענדיקייט, וואָס האָט מיך געטריבן נאָך דיר מיט אַזאַ שווינדלענדיקן געיעג איבער דעם ביינאַכטיקן ניו־יאָרק... און דו אַליין קענסט אויך נישט ברעכן דיין צוזאָג.

— וואָס פאַר אַ צוזאָג?

— מיך צו נעמען פאַר אַ ווייב.

מילטאָן האָט טיפער זיך איינגעקוקט אין סוזיס געפלעגט פּנימל. די טייוואַלימלעך, וואָס האָבן געשפּילט אין אירע אויגן, זיינען איצט געווען פאַרשוווּנדן. די פייערלעך האָבן זיך געלאָשן אין אַ פאַרטרערט־קייט, וואָס האָט געוועקט רחמנות. ווי לאַנג קוקט ער אויף דעם פּנים? אין אירע אויגן ברענען נישט מער קיין פייערלעך פון שלעכטס. אין זיי

וויינט אַ געבעט. די אויגן מאַנען ביי אים אויפזיכט. זיי רופן אים צו פליכט, נישט צו ברעכן דעם צוזאָג, ווי זיי וואָלטן געטענה'ט: יאָרן האָב איך געוואַרעמט אין זיך אַ חלום, אַז ווען ס'וועט זיך באַווייזן דער ערשטער צופעליקער מאַן מיט אַ ברייטער האַנט, וועל איך געניסן פון זיין פאַרשווענדערישקייט. איצט ווילסטו מיין חלום צעשטערן?

מילטאָן האָט מיט זיינע פינגער געפירט איבער סוזיס וויעס. ער האָט געשלאָסן אירע אויגן, מורא געהאַט זיי זאָלן אים נישט אונטערטעניק מאַכן און געפרעגט:

— און אַז כ'וועל אויפגעבן מיינע בחור'שע פרייהייט, מיינע פריווילעגיעס, וואָס וועל איך דען קריגן אין אויסטויש?

סוזי האָט קיין רגע נישט געוואַרט מיט אַן ענטפער. פּאַסיקלעך פרייד, ווי די ערשטע שטראַלן פון זון־אויפגאַנג, האָבן אויפגעלויכטן:

— מיין רייפקייט. מיין מזל און מיינע ליפּן — — —

מילטאָנס אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין סוזיס. די לייכטע שרעק אַנהויב־אָוונט, אַז זי וועט אויסרינען ווי אַ חלום, האָט ווידער אין אים זיך געוועקט. וואָסערע פליכט? וואָסערע פאַרבלענדעניש? אין זיין האַלז שטייט אַ קנויל מיט באַגערן. און צופאַל איז מער נישט קיין פאַרוואַנדלונג פון אַ וואָרט. צופאַל איז אַ באַהעלטעניש, אַ באַקוועם קעמערל, ווו עס האָבן זיך אויסגעכאָוועט סוזיס אַלע ווונטשן.

ביי אים אין מוח האָט אַ קלאַפּ געטאָן דער פאַרלאַנג אַנצוקלינגען אין טעלעפאָן, אַריינצושרייען אין זיין אָנקלס אויערן, אַז דער צופאַל איז דער פאָטער פון יעדן דערפאָלג. דער צופאַל האָט באַשטעטיקט, אַז די פילאָזאָפן מונטערן נישט, נאָר אַמוזירן. געגאַנגען איז ער, מילטאָן, אויף יאגד, אָבער געוואָרן איז ער דער פאַנג. זיין שטאַנדהאַפטיקייט, זיין מענ־לעכע שלויקייט, זיין וועלפישקייט — אַלץ האָט צוזאַמענגעבראָכן אויפן אָנבליק פון אַ פייערדיקער סאַלאָמעאַ.

מילטאָן האָט אַרומגענומען סוזין און זי צוגעפירט הינטער אַ בלויען ליכט־רער, וואָס האָט געפלעמלט צווישן צוויי שפּיל־קאַסטנס. אַרום האָבן קאָלירטע פילקעס זיך געקאָלערט. דאָס קנאַלעריי פון אַמאַטאָרן־ביקסן האָט פאַרטויבט דאָס געהער.

זיינע פינגער האָט ער אַריינגעפלאָכטן אין אירע קאָרן־בלאָנדע האָר, וואָס האָבן ווילד זיך געפּאַליעט איבער די באַקן. עס האָט אים געריפן דאָס פייער פון אירע אויגן, דאָס פייער פון אירע אָרעמס. ליפּן האָבן זיך איינגעפּרעסט אין ליפּן. און סוזי — אַ פאַרוואַנדלונג פון קלעאָפּאַטראַ, פון סאַלאָמעאַ — האָט אים פאַרצערט אין אירע פלאַמען.

ניו־יאָרק, 1945

די געשיכטע פון אַ האָר־פּאָרוק

I

פּיט ראַיען, אַ ניו־יאָרקער בילדער־איינראַמער, האָט אין אַ פּראָסטיקן ווינטער־אויפדערנאַכט, געהאַלטן ביים שליסן זיין טיף טונקל געוועלב. דאָס געוועלב, וואָס האָט פון אַן אויסגעשפּיצטן ווינקל־מויער אַרויסגעקוקט אויף דער פינסטערער בויערי, האָט געהאַט דעם אויסזען פון אַ טוכלען אַנטיקוואַריאַט. שווערע שאַפעס מיט קאָסטבאַרע געמעלען, מיט ווערטפולע אַנטיקן האָבן פאַרשטעלט די ווענט.

דער סופיט, אונטערגעשפּאַרט פון שטיינערנע קאָלאָנעס, איז געווען אויסגעוועלבט ווי אַ הימל. איינס נאָך ס׳אַנדערע האָט דער בילדער־איינראַמער פאַרלאָשן די עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס האָבן — ווי שוואַכע אויגן — אַראָפּגעגלאָצט פון דער בלויער סטעליע.

צוגייענדיק צום ברייטן שווי־פענצטער, וואָס איז געווען באַצירט מיט דינע אייז־בלומען, האָט ער אַ ווײַלע אַרויסגעקוקט אויף דער גאָס. ס׳האָט געשאָטן אַ געדיכטער שניי. ער האָט אַ צי געטאָן אַ שטריקל און די שווערע ראָלעט איבערן שווי־פענסטער, ווי אַ בינע־פאָרהאַנג, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט.

דער טאָג אַרבעט איז געווען פאַרענדיקט. פּיט אַליין איז געווען אַלט, צעקנייטשט ווי אַ קברות־מאַן. זיינע מידע אויגן האָבן געשלומערט. די רויטלעכע געקאַרבטע באַקן זיינען געווען פול מיט שפּאַלטן, ווי אַ מויער וואָס קרישלט זיך. אַריינשטעקנדיק ביידע שפּיצן הענט אין די טעשלעך פון זיין בלויער סאַמעטענער וועסט, האָט ער ביים שיין פונעם איינציקן לעמפּל, וואָס ער האָט געלאָזט ברענען, געכאַפּט דעם לעצטן בליק אויף די בינטלעך דיפּלאָמען, בילדער און מעדאַלן, וואָס קונדן האָבן היינט אַריינגעבראַכט. די באַשטעלונגען האָבן געוואָרט מען זאָל זיי איינראַמען און שיצן אונטער גלאָז..

ער האָט געזוכט אויף דער וואַנט די דאַטע און די שעה. דער קאַלענדאַר האָט געוויזן דעם איין און דרייסיקסטן דעצעמבער. דער הענג־

זייגער האָט אויסגעשלאָגן זיבן. עס האָט געמיינט פינף שעה ביז צום אויסגיין פונם אַלטן יאָר. פּיט איז צוגעגאַנגען פאַרמאַכן די אַרויסגאַנג־טיר.

אַ פאַרשנייטער, געוויקסיקער מאַן, אַנגעפּעלצט ווי אַן עסקימאָס, איז אים אַנטקעגנגעקומען אויף דער שוועל:

— נאָך איין ווײַלע, פּאָפּ.

— קיין באַשטעלונגען מער היינט! איך שליס! — האָט ער, אַפּזאָגנדיק, געוואָרט דער פרעמדער זאָל זיך אָפּטראָגן.

דער פרעמדער האָט אויפגעקנעפּלט זיין שווערן מאַנטל, אַראָפּגע־וויקלט דעם רויטן וואָלענעם האַלז־טוך און אָפּגעשאָקלט פון זיך דעם שניי, וואָס איז זיך צעפלויגן ווי געשליסענע פעדערן.

— דו וועסט מיך נישט אַרויסטרייבן, פּאָפּ. איך קום פון ווירדזשי־ניע.

— מעגסט אפילו קומען פון אַלאַסקאַ — האָט פּיט דעם פרעמדן אָפּגעזאָגט — ווי אַ פּרינציפּ, נעם איך נישט אָן קיין אַרבעט די לעצטע נאַכט פון יאָר.

— אַ פּרינציפּ?

— ס'איז אַן אַבערגלויבן. עס גייט איבער פון זיידן צום טאַטן, פון טאַטן צום זון. און איך, ווי אַ געטרייער אײַרישמאַן — האָט ער שטאָלץ אויף זיך געטייטלט — היט אָפּ משפּחה־טראַדיציע.

דער פרעמדער האָט זיך אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט אַריין.

— וואָס ווייסטו! נישט אויסצוהיטן זיך פון מיינע שטאָם־מענטשן! אויף אַלע שייד־וועגן איבערן לאַנד באַגעגן איך זיי... אפילו אין די קאַנאַלן און רערן פון ניו־יאָרק פליסט דאָס בלוט פון מיינע רויט־האָרי־קע ברידער... כ'וועט, אַז נאָך אַ געשמאַקן איבערשמועס וועט זיך אַרויס־ווייזן, אַז מיר ביידע באַלאַנגען צו איין משפּחה־בוים...

— ביזט אײַריש?

— פון בלוט און פליש!

— אַ באַווייז?

— כ'וועל אויסזינגען אַ מעלאָדיע וואָס וועט דיך רירן. עס וועט צעוואַרעמען דיינע אָדערן. אַ מעלאָדיע מיטן אײַרישן טראָפּ. איינשטימיק? און לאָמיר זיך באַקענען. דיין נאָמען אויף דער שילד איז פּיט ראַיען. איך הייס ביל קינג.

ביל האָט זיך אוועקגעשטעלט אין דער פּאָזע פון אַן אַקטיאָר. ער האָט פאַרגלאָצט די רויטלעכע שוואַר־באַברעמטע אויגן און מיט אַ ברייט אָפן מויל זיך גענומען לאַנגזאַם וויגן צום טאַקט פון דעם צעצויגענעם ניגון:

— — — ווהען איריש איים אר סמאַילינג,
שור, די וואָרלד איז בראַיט ענד געי — — —*)

בשעת ביל האָט געזונגען, האָט פיט ראַיען אַריינגעשטעקט די טײטל־פינגער פון ביידע הענט אין די וועסט־טעשלעך און פאָרזיכטיק באַטראַכט דעם אויסטערלישן איירישמאַן. מיטן צעווייגן זיך פון די טענער, האָבן זיינע מידע אויגן אויפגעלויכטן. איבער די רויטלעכע געקאָרבטע באַקן זיינען אויפגעגאַנגען שטרייפן פרייד. ער האָט ביל'ן נישט געלאָזט ענדיקן זינגען און אַרויסגערוקט פאַר אים אַ ווייכן אויסגעבעטן שטול:
— זעץ דיך. מיט וואָס קען איך דיר העלפן?
ביל קינג האָט ברייטלעך אויסגעטאָן דעם שווערן מאַנטל, דערנאָך אַרויסגעשלעפּט פון בוזים ־ קעשענע אַ העלע, צעשויבערטע האָר־פּאַרוק פון היי־קאָליר און זי אָוועקגעלייגט מיט חשיבות.
— צום איינראַמען.
פּיט האָט צוערשט געוואָרפן אַ בליק אויף דער האָר־פּאַרוק, דערנאָך אָנגעשטעלט זיינע אויגן אויפן גאַסט, ווי ער וואָלט געוועזן גערירט אויפן קאָפּ. ערשט איצט האָט ער גוט באַטראַכט זיין אויסזען. דאָס צע־פּלאַמטע, קאָכיקע פּנים האָט נישט פאַראַטן. ס'איז געווען פון אַ הייס־בלוטיקן איירישמאַן. די רויטע בלוט־אָדערלעך איבער די באַקן זיינען געווען צעשפּרייט ווי דינע נערוון איבער אַ צייטיקן בלאַט. די אויגן האָבן געמיניעט גרינלעך־גרוי. אַ פּאַסיקל באָרד האָט אַרומגעוויקלט דעם קין, ווי אַ געפלאָכטן שטריקל. פּיט ראַיען האָט נישט געקענט פעסט־שטעלן ביל'ס עלטער. איז ער אַ פערציקער? אַ זעכציקער? די יאָרן האָבן זיך באַהאַלטן אונטער דעם רייפן, אויסגעשטויסענעם קערפּער, וואָס איז געווען שטייף און מוסקולירט, ווי ביי אַ פּרייז־פּיטער.
דער אַלטער איינראַמער האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויף דער צעשויבערטער האָר־פּאַרוק און געצויגן מיט די אַקסלען:
— אויסטערליש! כ'בין געוווינט אַריינצוקריגן אַנטיקן. מען באַ־שטעלט איינצוראַמען זעלטענע אָנדענקונגען. מען ברענגט מיר איינצו־פּאַסן אונטער גלאָז אַ שלאַכט־פאָן, אַ שפּליטער פון אַ געזונקענער שיף, אַ פּליגל פון אַן עראָפּלאַן. אפילו אַש פון דער קרעמאַטאָריע וויל מען שוינען אין ראַמען. אָבער אַ האָר־פּאַרוק? אויסטערליש! אויסטערליש!
— די פּאַרוק האָט הינטער זיך אַ לאַנגע געשיכטע, פּיט ראַיען.
— פון אַן אַקטיאָר?

*) ווען איירישע אויגן שמייכלען,
שטראַלט די וועלט און איז פול מיט פרייד — — — —

— ניין. פון א העלד, פון דורות העלדן. דער צעשויבערטער קנויל האר איז אלט העכער דריי הונדערט יאר. די פארוק האט באקליידט דעם קאפ פון א פיאנער פון דער „מעי פלאוער". עס האט זי געהאט געטראגן א זעלנער פון אמעריקאנער אויפשטאנד, דערנאך א שקלאפן־הענדלער פון דער סאוט... א וואנדערנדיקער קנויל האר, פיט ברודער. איצט ברענג איך די האר צו באגרעבעניש. זאל די פארוק רוען אין א ראם, הינטער גלאז, ווי אין א טרונע... האסט א טרונק, וואס צעקאכט די אדערן? א הייסער זופ סקאטש, פיט ברודער, א ווארעמער טרונק, און כ'וועל איבערדערציילן די ווונדערגעשיכטעס פון דער האר־פארוק...

פיט'ס פארוווונדערונג איז איבערגעגאנגען אין אן אויפגעלייגטקייט. ער איז פארשוווונדן הינטער א פארהאנג, ס'האט נישט געדויערט מער ווי איין ווײַלע און עס האט זיך באוויזן א פלאש סקאטש מיט צוויי גרינע גלעזלעך. פיט איז געגאנגען פארשליסן די געוועלב־טיר. און ביל האט זיך באקוועמער אריינגעזעצט אינעם אויסגעבעטן שטול. פון מונטערקייט האט ער אויפגעקנעפלט זיין לויזן סאמעטענעם ראק און פארווארפן א פוס איבער א פוס. ער האט צערטלעך געגלעט די פארוק, ווי מען גלעט דעם קאפ פון א קינד. און ווונדער! די האר, צעבלאזענע, צעפלויגענע ווי היי־פעדים, האבן אנגעטראגן ווירבל־ווינטן. די ווירבל־ווינטן האבן איבערגעשטעלט די צייט און צוריק געמישט דעם קאלענדאר אויף העכער דריי הונדערט יאר — — —

II

...אין סעפטעמבער, זעכצן הונדערט און צוואנציק, איז די שיף „מעי־פלאוער", א געפאקטע מיט פילגרימען, געשווומען איבער די בלויע וואסערן פון אטלאנטיק. טראץ די שטורעם־ווינטן, זיינען די פילגרימען, פרומע פראטעסטאנטן, געווען באגייסטערט, וואס זיי דערנענטערן זיך צום נייעם לאנד. אין די קארגע זוניקע טעג, זיינען זיי אינגאנצן נישט אראפ פונעם דעק. זיי האבן אויסגעמיטן שפילערייען און אפגעריכט תפילות. אין די פארנאכט־שעהן האבן די ווייבער געשטריקט און געהעקלט. די מאנסבילן האבן געזויגן ליולקעס און געמאכט פלענער צו גרינדן דעם ערשטן ישוב „ניי־פלימוט". פארן שלאפן גיין, אום זייערע ווונטשן זאלן דערפילט ווערן, האבן זיי ווידער געדינט גאט.

צווישן די פאסאזשירן האט זיך ארומגעדרייט אן אויסטערלישער פארשוין וואס איז — אין קעגנזאץ צו די גאטפארכטיקע פילגרימען — געווען פרייזיניק, אפילו א לעסטערער, ווייל ער האט אפגעשפעט פון די פינקטלעכע גאטעסדינסטן. ער איז געווען אן אויסגעצויגענער און אי־

בערגעבויגענער ווי אַ קרום־געוואַקסענער בוים. זיין פּנים דורכגעבאַקן פון די ים־ווינטן און די קאַלעמוטנע אויגן — ווי ביי אַ ווילדן ים־פויגל. ער האָט געהייסן יאָהאַנעס.

יאָהאַנעס האָט תמיד געהאַלטן פולע הענט מיט קאָלירטע שטיינדלעך און פּאַטשערקעס און זיך איינגערעדט, אַז ער וועט דערפאַר איינהאַנדלען ביי די אינדיאַנער גרויסע שטיקער לאַנד. דער עלטסטער פון די פּילגרימען, אַ גרייז, וואָס האָט אין זינען געהאַט, אַז ביים אַריבערטרעטן די נייע וועלט, וועט ער דאַרפן פירן מיט זיך די ביבל און די ביקס, האָט געלאַכט פון יאָהאַנעס'עס חלומות. ער האָט געזאָגט:

— פאַלשע שטיינדלעך, פונקט ווי פאַלשע שמייכלען, קענען בלויז פאַרשפּילן קינדער... דעם אינדיאַנער וועסטו מיט דעם נישט געווינען. און ווייס, יאָהאַנעס, דער איינגעבוירענער איז אייפערזיכטיק אויף אונדז, ווייסע דעראָבערער, וואָס קומען באַזעצן דאָס נייע פאַרוואַרלאָזטע לאַנד.

דער פרומער, גאָטספאַרכטיקער גרייז איז געווען געשלאָגן מיט קורצזיכטיקייט. ווי ערלעך ער איז געווען, אַזוי אַן פאַרשטעלונגס־קראַפט. ער האָט נישט געקענט פאָרויסזען, אַז מיט זעקס יאָר שפּעטער, וועט אַן אַנאַנדערער פּילגרים, פּיטער מינואיט, אָפּקויפן ביי די אינדיאַנער דעם גאַנצן מאַנהעטן־אינזל פאַר שטיינדלעך, שפּיגעלעך און גלעקעלעך. און דאָס פאַר פיר און צוואַנציק דאָלאַר די ווערט.

יאָהאַנעס האָט נישט אויפגעהערט צו רייצן די פּאַסאַזשירן מיט זיין צירונג. די רייד פונעם גרייז האָבן נישט געמינערט די ווערט פון זיינע שטיינדלעך. מיט דער צייט האָבן נישט אַלע פּילגרימען געקוקט מיט גרינגשעצונג אויף זיינע איינביידענישן. אויב די פרומע מאַנסבילן האָבן בלויז אין זינען געהאַט די ביבל און די ביקס, האָבן טייל ווייבער, צווישן קאָכן און שטריקן, אויך אין זינען געהאַט דעם שפּיגל.

איינע, אַ פּילגרים'ס ווייב, הונגעריק נאָך פּוץ, גייציק נאָך ביליקער צירונג, האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם בלישטש פון די קאָלירטע שטיינדלעך און געזוכט מיט אַלערליי ווייבערישע שפּיצלעך דאָס אַריינצוקריגן פאַר זיך.

יאָהאַנעס, אַן ריטערלעכער באַנעמונג, קאַלט צום ווייבערישן וואָפן, האָט אָפּגעזאָגט. ער איז בלויז גרייט געווען אַוועקצוגעבן די ביליקע איידלשטיינער פאַר אַ ווערט־אויסטויש. דעם פּילגרימס ווייב איז נישט אָפּגעטראָטן. זי האָט אַפילו אָנגעבאָטן אַ פּרייז. יאָהאַנעס איז געווען נייגעריק און געפרעגט:

— וואָס קענסטו מיר פאָרשלאָגן אין אויסטויש?

— אַפילו מיין פּאַרוק! — האָט זי אַנטשלאָסן געענטפערט.

— דיין פּאַרוק?

— יאָ. מיין פּאַרוק איז מוזדיקער פון אַ טאַליזמאַן. זי איז אָנגע־

שטאַפּט מיט כישוף. זי שיצט פון באַטרוג און געפאַר. די פאַרוק שטאַמט פון ענגלישן קעניגלעכן הויף. דזשיימס דער ערשטער האָט דורך איר געהיילט אַלע זיינע קרובים. ער האָט זי געקראָגן פון אַן אינדישן פריזידער... אַז אַ מיטגליד פון דער דינאַסטיע, אָדער איינער פון דער הויפדינערשאַפט איז אַוועקגעפאַלן, האָט מען אָנגעטאָן אויף דעם קראַנקנס קאָפּ די פאַרוק און דער פאַציענט איז געזונט געוואָרן. אַ דערבאַרמדיקע נאַנע האָט דאָס מיר געשאָנקען. אויך מיר האָט די פאַרוק אָפּגעדינט. נאָכדעם, ווי מיין זון איז אויסגעלייזט געוואָרן פון די שווערע פאַליקע, האָט זי פאַר מיר קיין נוצן מער... נעם זי אין אַויסטויש פאַר דיין צירונג. דיר, אַז איינשטעלער און אַוואַנטוריסט וועט דער האָר־קנויל העלפן אין וועג. עס וועט דיך נישט פון איין צרה אַרויסדרייען.

יאָהאַנעס האָט לאַנג אָנגעקוקט דאָס לוסט־ווייב מיט אומצוטרוי און אויסגעמאַכט:

— כ'וועל נעמען די פאַרוק, דו שפּילווייב! נאָר אויב דו נאַרסט מיך, אויב אין דער פאַרוק שטעקט נישט קיין כישוף, וועל איך פאַרגעסן אַז כ'בין אַ פּילגרים, כ'וועל פאַרגעסן אַז דער ביקס און אַז דער ביבל און כ'וועל דיך אַריינוואַרפן אין ים אַריין, איידער מיר דערנענטערן זיך צו די לאַנד־ברעגן.

ווי נאָר יאָהאַנעס האָט צוגענומען די פאַרוק, איז ער געוואָרן אַן אַנדערער מענטש. ער האָט אָנגעהויבן נאָכצוקוקן צניעות'דיקע ווייבער. זיינע בייזע, קאַלעמוטנע אויגן זיינען געוואָרן אָנגעגאָסן מיט לוסט. די אָפּשטויסנדיקייט איז פון אים אַוועק. זיין שטרענגע צונג איז געוואָרן ווייכער. דאָס פאַרהאַלטן זיך מיט מענטשן — צוגעלאָזענער. טייל פון ווייבלעכן געשלעכט, וואָס האָבן פריער זיך געהאַט געשראָקן פאַר אים, האָבן איצט אויסגעפונען, אַז זיין שווערער, צעוואַקסענער קערפּער איז אַטלעטיש, זיין גראָב, האַרט פּנים — שיין.

יאָהאַנעס האָט אָפּגעצאָלט פאַר דער ווייבלעכער אויפמערקזאַמקייט מיט ריטערלעכקייט. ער האָט געמאַכט אָנבאָטן פון ליבע. די גאָטפאַרכטיקע פּיאָנערן האָבן אים מיט האַרטע רייד געשטראָפט. מיטאַמאָל איז אָנגעקומען אַ שטורעם. די שיף איז פאַרשווענקט געוואָרן פון די ברויזנדיקע כוואַליעס. די זעגלען זיינען געווען אָנגעצויגן ביז צום פּלאַצן. און דער עלטסטער פון די פּילגרימען איז איבערצייגט געווען, אַז צוליב יאָהאַנעסעס זינדיקע געדאַנקען, ווערט דער ים שטורמישער און מען קען נישט לאַנדן ביי די האָדסאָן־ברעגן, ווי עס איז פון פריער געווען געפּלאַנט.

אַז דער שטורעם איז אַריבער און די „מעיפלאַוער” האָט זיך געשטעלט ביי די ברעגן פון דער נייער וועלט, האָט דער לעסטערער יאָהאַנעס, דער ערשטער געלאַנדעט. ער איז אָבער נייזט געבליבן מיט די

פּילגרימען, נישט געהאָלפן זיי בויען דעם ערשטן ישוב ניי־פּלימוט. ער איז געלאָפן קיין ווירדזשיניע, ווו מען האָט צוגעזאָגט גאָלד־גרובן. עס האָט אים אָפּגעגליקט. ער האָט אַריינגעקראָגן רייכע שטרע־קעס לאַנד. פון דאָרט האָט ער ווידער זיך געיאָגט קיין ניי־העמשיר, ווו עס האָבן זיך געהאַט באַזעצט יעגערס, פישערס און פעל־הענדלערס. יאָהאַנעס'ן האָט דאָס מזל אַריינגעשפּילט. אין אויסטויש פאַר שטיקער לאַנד האָט ער אַריינגענומען אין זיין באַזיץ געלט און סחורות. די וואָר־שיינלעכקייט, אַז אין דער פּאַרוק שטעקט כישוף, איז געוואָרן שטאַרקער און ער האָט זיך מיט איר נישט געשיידט פאַר קיין איין טאָג. ער האָט דערפון דערציילט יעדן איבערזידלער ביי דער ערשטער באַגעגעניש.

כאָטש די פּאַרוק — צעקעמט אין לאָקן, אין גלעקלעך — האָט זיך געפּאַסט פאַר אַ פּרויען־קאָפּ, האָט ער זי פונדעסטוועגן געטראָגן יעדעס מאָל ווען ער האָט באַטראָטן ניי לאַנד, געטראָגן ווי אַ צייכן פון מזל. מענטשן האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ שוואַרצקינצלער און זיינען אים נאָכ־געלאָפן. יאָהאַנעס איז געווען צופרידן, וואָס ער ליגט אין די מיילער פון אַלע קאָלאָניסטן און וואָס מען צעטראָגט זיין נאָמען איבער ווייטע שטרעקעס.

אין ניי־העמשיר האָט מיט יאָרן שפּעטער געווירטשאַפט אַ קאַפּיטאַן, דזשאָן מאַסאָן, אַ פאַנטאַזיאָר און אַוואַנטוריסט וואָס האָט געפּלאַנט אַריינצוקריגן אין זיינע הענט דעם גאַנצן שטאַט. יאָהאַנעס האָט מיט אים געשלאָסן שותפות. ביידע האָבן אָנגעבאָטן דעם קעניג קאַרל דעם ערשטן אָפּצוקויפן די קאָלאָניע און געוואָלט דערפאַר דאָס רעכט אַריינצופירן דריי הונדערט טאָן פּראָנצוויזישן וויין אָן אָפּצאָל. דער אָנבאָט איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. יאָהאַנעס איז אָבער נישט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך. ער האָט אויס־געפונען, אַז די רויט־הויטיקע אינדיאַנער־שבטים ברענען פון שנאה, וואָס די ווייסע איבערזידלער דעראָבערן אַלץ גרעסערע שטרעקעס לאַנד, כאָטש זיי קריגן באַצאָלט פאַר יעדן אַקער. און יאָהאַנעס האָט געזוכט די שנאה אויסצונוצן פאַר זיך.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר וואָרהאַפטיק, אַז אין דער האָר־פּאַרוק האָט געשטעקט נישט בלויז כישוף און מזל, נאָר אויך אַ פּלוד, אַ לוקסט נאָך צעשטערונג. יאָהאַנעס איז געוואָרן אָנגעשטעקט פון דער לוסט. זיין טייוולשער פּלאַן איז געווען אַרויסצורופן איבער גאַנץ ניי־ענג־לאַנד שרפות, חורבות, פאַרוויסטונגען אַזוי, אַז דעם קעניגס געזעץ־היי־טער זאָלן זיך נישט קענען קיין עצה געבן מיט די אינדיאַנישע רעבעלן און זאָלן אויפגעבן זייער אויפזיכט איבער יענע שטאַטן. יאָהאַנעס האָט זיך איינגערעדט, אַז דאָס איז אַ רעוואָלוציאָנערער איינפאַל ווי פּטור צו ווערן פון דער ענגלישער הערשאַפט. אָבער אַזוי ווי דער טייוול איז אין אים געזעסן, האָט ער נישט מודה געווען, אַז דער ווונטש קומט פון אַ

האָר־פּאָרוק, אַנגעשטעקט מיט לוסט נאָך פאַרניכטונג. ער האָט דערפון נישט געוואָלט טראַכטן. קיין געווימן־פּלאַגעניש האָט ער נישט געהאַט. פון רחמנות איז ער געווען ווייט. די קונסט פון פרעדיקן שנאה האָט ער געקענט — האָט ער מיט הינטערליסטיקייט געגומען אויפרייצן די עלטס־טע פון די שבטים קעגן די אָריינדרינגער. זיינע העיד־רייד האָבן געטריבן די אינדיאַנער צום וואָפן. איינס נאָך ס'אַנדערע זיינען אונטערגעצונדן געוואָרן די ישובים פון די פּיאָנערן. אין דעם מוראדיקן איבערפאַל אויפן טאָל פון קאָנעטיקוט האָט געשטעקט יאַהאַנעס'עס האַנט.

יאַהאַנעס איז אַלט געוואָרן, זיינע האָר זיינען ווייס געוואָרן. אָבער די קאָליר פון דער פּאָרוק האָט זיך נישט געביטן. גאָלדענע פּרענזן און שטראַלנדיקע לעקעלעך זיינען געווען אויסגעראָלט אַרום דעם שייטל. דער בישוף אין די האָר־קנוילן איז נאָך געווען שטאַרק ווי אַמאָל, אָבער יאַ־האַנעס אַליין איז געוואָרן אַנמעכטיק. מיד פון זינדיקע טאַטן, דער־שעפּט פון באַגאַנגענע פאַרברעכנס, האָט יאַהאַנעס געוואָלט זיך אומקערן צו די ערשטע פּילגרימען. ער האָט אָבער מורא געהאַט פאַר נקמה, מורא געהאַט פאַר טויט און געזוכט שוץ אין אַן אינדיאַנער לאַגער אין פּענ־סילוויינע.

דער עלטסטער פונעם שבט, אויסגעטריקנט און צעקנייטשט, ווי ער וואָלט געווען אַ צייט־זון פון אדמ'ען, האָט געוווסט פון יאַהאַנעס'ס דינסט פאַר זיין רויטהויטיקן שטאַם און געוואָלט אים באַלוינען. ער האָט ביי זיך געטראַכט: „פאַר די ווייסע — אַ פאַרעטער, פאַר די רויטהויטיקע אַ — רעטער". און ער האָט אים אַוועקגעגעבן זיין יינגסטע טאָכ־טער, אַ שיינע, היים־בלוטיקע אינדיאַנערין. די אינדיאַנערין האָט ליב געהאַט איר ווייסן מאַן, כאָטש ער איז געווען גענוג אַלט צו זיין איר פאָ־טער. זי האָט באַגערט צו האָבן פון אים קינדער. אָבער יאַהאַנעס איז געווען אַנמעכטיק און איר טראַכט איז געבליבן פאַרשלאָסן.

יאָרן זיינען פאַריבער. די עלטער האָט זיך געלייגט אויף יאַהאַנעס'ן, ווי אַ שווערע לאַסט. און ווען ער איז געוואָרן בלינד, האָט דאָס ווייב פון זיינעטוועגן געקוקט אויף די בלומען און רעגנבויגנס. און ווען ער איז געוואָרן טויב, האָט זי פון זיינעטוועגן זיך איינגעהאָרכט צום שאָרך פון גראָז און צום רויש פון די שטורעם־ווינטן.

אין יענער צייט האָבן די מלחמות צווישן די אינדיאַנער און ווייסע זיך געהאַט אָפּגעשטעלט. דער טאַטע פון די קוועיקערס, וויליאַם פּען, האָט געשלאָסן אַ בונד מיט די קריגערישע שבטים, אַז ווי לאַנג „גראָז וועט וואַקסן און וואַסער וועט פליסן", וועלןביידע פעלקער לעבן אין פרידן.

יאַהאַנעס, בלינד און טויב, זיין ווייסער קאָפּ באַקליידט מיט דער גאָלד־האָריקער פּאָרוק, האָט פאַרן טויט געזוכט אַ וועג ווי אָפּצוואַשן

די פּלעקן פון זיין נשמה און צוריק אַריבערגיין צו די ווייסע. עס איז געווען צו שפּעט. ער איז געשטאָרבן אַן דערלייזונג.

דאָס אינדיאַנישע ווייב, רויטהויטיק און הייסבלוטיק, וואָס האָט יאָהאַנעס'ן שטאַרק ליב געהאַט, האָט באַטראַכט זיין אייגנטום, זיין צירונג, זיין קליידונג ווי אַ הייליקייט און זי האָט צוזאַמען מיט זיין קערפּער אויך באַערדיקט זיין פּאַרוק.

עס איז געווען אין דעם יאָר, ווען איבער גאַנץ פּענסילווייניע איז געקומען בענטשונג און שפע און אויף אירע דערפער זיינען אויפגעגאַנגען די רייפע פעלדער פון ווייץ און קאָרן.

III

די האָר־פּאַרוק איז צוריק געקומען צום לעבן מיט הונדערט יאָר שפּעטער. עס איז געווען אָנהויב זיבעצן פינף און זיבעציק, ווען די אַמעריקאַנער האָבן זיך געגרייט צום אויפשטאַנד קעגן דער ענגלישער קרוין. אַ באָסטאָנער פּאַטריאָט, וויליאַמס, אַ וועג־אויסשפּירער, געיאָגט פון אַרמיי־שפּיאָנען, האָט, וואַנדערנדיק דורך געדרייטע וועגן, אָנגעשפּאַרט ביז פּענסילוואַניע. גראָבנדיק אַ שוץ־אויסהויל אין דער ערד פאַר אַ באַהעלטעניש, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף יאָהאַנעס'עס ביינער און אויף דעם קעסטל מיט דער האָר־פּאַרוק. די ביינער האָט ער געלאָזט ליגן און די פּאַרוק האָט ער אויפגעהויבן, אום זי צו נוצן ווי אַ מאַסקע, צו קענען אַנטרינען פון זיינע יעגערס. נאָך הונדערט יאָר באַגרעבעניש איז די פּאַרוק נישט געווען באַשעדיקט. די לאָקן זיינען געבליבן אויסגעקעמט, די זיידענע פרענזן אויסגעראָלט. דער שרונט אין פראָנט זאָרגפעליק פאַרלייגט. בלויז דער מיניעַנדיקער שיין פון די האָר איז געווען אָפּגעבליאַקעוועט. פון דער זוניקער גאָלדיקייט איז געבליבן אַ טרוקענע אַש־בלאָנדקייט.

אָבער דער באָסטאָנער פּאַטריאָט איז נישט געווען אין געמיט צו טראַכטן וועגן דער אָריגינעלער קאָליר פון די האָר. ליגנדיק אינעם ערד־אויסהויל, באַדראָט פון דער געפאַר אומצוקומען דורך אַ קויל פון אַן ענגלישן וועג־פּאַטרול, איז אים גאָרנישט אויפן זינען געקומען זיך צו גריבלען אין דעם אָפּשטאַם פון דער אויסטערלישער מציאה. די פּאַרוק האָט פאַר אים געדינט ווי אַ גראָבאייזן זיך דורכצוקאָפּען אַ וועג צו זיין פרייהייט. ער האָט טאַקע די פּאַרוק אָנגעטאָן, מיט גרויס איינשטעלעניש זיך דערשלאָגן צום ערשטן פאָרם און דאָרט זיך באַזאָרגט מיט אַ לאַנג פאַלדן־קלייד. און אַזוי, פאַרשטעלט פאַר דעם פאַרמערס ווייב, מיט צוויי קוישן גרינצייג אויף ביידע הענט, איז ער, דורך וועג־פאַרצוימונגען און מיליטערישע וואַך־פּאָסטנס צוריק אָנגעקומען קיין באָסטאָן.

עס איז געווען פרילינג זיבעצן פינף און זיבעציק. די לופט איז גע־
ווען אָנגעטרונקען מיט וויין־ריחות און דאָס אַמעריקאַנער פֿאָלק — רייף
פֿאַרן אויפשטאַנד. רעבעלן אויף פערד האָבן דורכגעריטן אַלע קאָלאָניעס
פון לאַנד און געוועקט צום קאַמף קעגן דער ענגלישער קרוין. דער פּאַ־
טריאָט וויליאַמס האָט זיך דערוווסט, אַז אין לעקסינגטאָן באַהאַלטן זיך
אוים די צוויי פירער, דזשאָן הענקאָק און סעמיועל עדעמס, אַז דער ענ־
גלישער גענעראַל גיידזש האָט ארויסגעשיקט מיליטער זיי צו אַרעסטירן.
ער איז אַוועק קיין לעקסינגטאָן און אָפּזוכנדיק זייער באַהעלטעניש, האָט
ער זיך געשטעלט פאַר זיי אַ באַגייסטערטער און אויסגערופן:

— אַמעריקאַנער! כ'האָב געפונען אַ פּאַרוק, וואָס קען דינען ווי
אַ קרוין.

— מיר קעמפן קעגן דער קרוין. — האָט עדעמס פּראָטעסטירט —
מיר רופן דאָס פֿאָלק צום אויפשטאַנד קעגן דער קרוין. און דו באַנוצסט
זיך מיט דעם וואָרט אַפּצושאַצן אַ זאַך, וואָס איז פאַר דיר ווערטפול?
וויליאַמס, דו האָסט דורכגעוואַנדערט די וועגן פון לאַנד, האָסט נאָכגע־
שפּירט די ענגלישע פּאַטרולן. וואָס האָסטו געבראַכט פאַרן ווילזיין פון
די פרייע אַמעריקאַנער?

— אַ פּאַרוק, עדעמס. די פּאַרוק האָט מיך געשיצט פון געפאַר. טראָגנ־
דיק דעם האַרקנויל אויף מיין קאָפּ, בין איך פריי דורכגעגאַנגען אַלע ענ־
גלישע פּאַטרולן. כ'האָב אויסגעמיטן דעם טויט. נעמט די פּאַרוק. זי וועט
אייך אויך שיצן. גענעראַל גיידזש איז אויף אייערע שפּורן.

— מיר זיינען צוויי מענער און מיר האָבן צוויי קעפּ — האָט עדעמס
געוועדט פאַר זיך און פאַר הענקאָק'ן — די פּאַרוק קען באַדעקן בלויז
איין קאָפּ.

— איז נישטאָ קיינער צווישן אונדז, וועמען די פּאַרוק קען דינען?

עדעמס האָט זיך איבערגעקוקט מיט הענקאָקן, לאַנג זיך פאַרטראַכט
און דערנאָך געזאָגט:

— גיב די פּאַרוק אונדזער פאַרטרויונגס־מענטש, פּאָול רעוויר, ער
דאַרף היינט בײַנאַכט זיך ארויסגנבענען פון באָסטאָן דורך דער הינ־
טערשטער בוכטע, אום זיך צו זעצן אויף זיין פערד און וואָרענען דאָס
לאַנד. פאַרשטעלטערהייט וועט ער קענען אַנשפּאַרן אין יעדער קירך און
אין יעדן גאַסט־הויז. אויב גאָט וועט זיין מיט אים, וועט אויך די פריי־
הייט זיין מיט אים.

דער באַפּכאַנער פּאַטריאָט וויליאַמס האָט געטאָן געניי, ווי מען
האָט אים געהייסן.

און ווי נאָר פּאָול רעוויר האָט אָנגעטאָן די פּאַרוק, האָט זיין שיפל
דורכגעשניטן די בוכטע מיט אַ קאַצן־שפּרונג. דאָס פערד, אויף וועלכן ער
האָט זיך געזעצט, האָט געקראָגן פליגלען. די ברייטע וועגן, ווו ער איז

דורכגעריטן, זיינען איינגעשרומפן. די צעוואָרפענע בערג זיינען איינגעפאַלן. די ביימער אין די וועלדער זיינען שיטערער געוואָרן, דורכצולאָזן דעם רייטער.

אין יענער נאַכט איז דאָס גאַנצע לאַנד אַלאַרמירט געוואָרן. פייער־שטורקאַצן האָבן געגעבן סיגנאַלן דעם פאָלק און באַלויכטן דעם וועג צו פרייהייט. אויפן טורעם פון דער באָסטאָנער קירך האָבן זיך אָנגעצונדן לאַמטערנעס, וואָס האָבן אָנגעזאָגט די רעבעלן, אַז גענעראַל גיידזש'עס מיליטער באַוועגט זיך, די ענגלענדער האָבן אָנגעהויבן דעם מאַרש קיין לעקסינגטאָן. אָבער די קלויסטער־גלאָקן, ווי אַ פריילעכע, ליאַרעמענדיקע מוזיק, האָבן צו וויסן געגעבן פריער וועגן זייער קומען. קאָלאָניכטן האָבן זיך געקליבן פון אַלע וועגן מיט קאַלט און היים געווער. די ערשטע שלאַכט האָט אויסגעבראָכן אין באַגינען ביי לעקסינגטאָן. די ענגלענדער האָבן אָוועקגעלייגט צווישן די אויפשטענדלער טויטע און דערנאָך מאַרשירט קיין קאָנקאָרד. פאַרנעמענדיק דאָס דאָרף, האָבן זיי אָוועקגעשטעלט אַ וואַך ביי דער בריק, אַ צייכן, אַז זיי האַלטן די פאָזיציע.

דאָס אַלץ, די שיסעריי, דער ערשטער נצחון, איז געשען, ווי לאַנג פאָל רעוויר איז נישט געווען אויפן קאַמפּס־פּלאַץ. ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן מיט דער האָר־פּאַרוק אויף זיין קאָפּ, האָט דאָס רעדל זיך אַ דריי געטאָן. ווי דורך אַ כישוף איז דער זיג פון די ענגלענדער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מפּלה. מוטיקע בונטאַרן, בראַווע אויפשטענדלער, האָבן זיך גערוקט דורך הינטער־וועגן. זיי זיינען באַפאַלן די וואַך ביי דער בריק און אויסגעהרגעט ביז איינעם. דערנאָך האָבן זיי זיך געיאָגט נאָך גענעראַל גיידזש'עס אָפּטיילונגען. די ענגלענדער, אַרומגערינגלטע, האָבן גענומען אָפּציען. דער צוריקמאַרש איז געווען אַ קאַטאַסטראָפע. דאָס מיליטער איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט. אין דינסט פון אויפשטאַנד איז שוין געשטאַנען דאָס גאַנצע פאָלק. יעדן פרימאָרגן זיינען ביידע זייטן וועג געווען באַלאַגערט פון געניטע שיסערס, פון אַלטע, אויסגעדינטע יעגערס, וואָס האָבן געצילעוועט אויפן אָפּטרעטנדיקן מיליטער פון הינטער יעדן פעלזן־שטיין, פון הינטן יעדן פאַרקאַן און פון הינטער יעדער מויער. דער טאָג איז געווען זוניק און שטויביק און די אויבערהאַנט האָבן געהאַט די אַמעריקאַנער. זיי זיינען געווען בונטאַרן און געגאַנגען אָנגעטאָן אין וואָכעדיקע קליידער, אין גרויע קני־הויזן, אין טונקעלע איבערציערס, בעת די ענגלענדער האָבן געטראָגן גלאַנציקע געטרעס און האַלז־בענדער. אונטער דער פרילינג־זון, וואָס האָט געלויכטן און געבלענדעט, האָבן די שאַרפע קאָלירן פון די מונדירן געמיניעט ווי רעגנבויגן־ליכט, גערופן נאָך די שיסערס און די פאַרלוסטן פון אָפּציענדיקן מיליטער זיינען געווען ריזיק. די מידע, אויסגעשעפּטע רעשטלעך

האבן זיך קוים דערשלעפט ביז צום טייך, צוריק אריבערגעשווומען קיין באסטאן און די קאלאניסטן, אונטער פאול רעוויר'ס אנפירונג, האבן געוווּנען די ערשטע שלאכט.

פאול רעוויר האט געפייערט דעם זיג אין א טרונק־הויז, וואס איז געשטאנען אויף א שייד־וועג. ער האט אראפגענומען די האר־פארוק פון זיין קאפ, א באגייסטערטער זי געוויזן צו די אויפשטענדלער וואס זיי־נען געזעסן ארום אים איבער שוימיקע קופעלס ביר און געזאגט:

— א פייערדיקן גלאק האב איך געטראגן אויף מיין קאפ! דער גלאק האט געוועקט דאס פאלק צום אויפשטאנד. דער גאט פון אויפשטאנד, וואס איז דער גאט פון גערעכטיקייט, האט ארייגעבלאזן פון זיין אטעם אין אט די קנוילן האר.

דאס האט דערהערט אין טרונק־הויז די שיינע מערי, דאס מיידל וואס האט באדינט די געסט. זי איז געווען ארעם און דערשלאגן. יונג ווי זי איז געווען — אינגאנצן אכצן — האט זי אבער שוין געהאט גע־ווּסט פון ליבע און פארלוסט. דער יונג, וואס האט איר געהאט צוגע־זאגט פרייד און איבערגעלאזט אנטוישונג, איז געווען א פישער פון ראוד־איילאנד. אייבראהאם דער פיראט — האבן פאטריאטן אים גערופן. ער האט זיך אנגעשלאסן אן די קאנטראבאנדיסטן, וואס האבן געשטערט דעם ענגלישן טיי־האנדל און איינמאל האט ער אפילו געהאלפן אונ־טערצינדן א שיף ביי פראווידענס. פאר זיין אוועקגיין אין שלאכט האט אייבראהאם צוגעזאגט זיין מיידל צוריקצוקומען דעמאלט, ווען די שילד מיט קעניג דזשארזש'עס בילד, וואס איז געהאנגען פארן טרונק־הויז, וועט אראפגעריסן ווערן און אויפן זעלבן ארט וועט הענגען א שילד מיטן בילד פונם ערשטן אמעריקאנער פרעזידענט.

צוויי יאר זיינען אוועק. די שיינע מערי האט שטארק געוואטל איי־בראהאם זאל האלטן ווארט. דאס הארץ איז אויסגעגאנגען פון בענקעניש. די שיינע אויגן האבן געטרערט. אבער אייבראהאם איז נישט געקומען. מערי איז געווארן טרויעריקער. זי האט אפגעווארפן אלע ליבע־אנבאטן פון די דורכפארנדיקע געסט אין טרונק־הויז, און אנבאטן האבן נישט געפעלט. א יונגער געזונטער פארמער פון ווירדזשיניע האט צוגעזאגט א שטיק פרוכטבאר לאנד און ווייץ־פעלדער. א יעגער פון מאסאטשוזעטס האט פארשפראכן פעל פון פוקסן און לעבעדיקע וועוויארקעס. מערי האט געוויינט איבער די פארשלאגן. די רייד פון די יונגען האבן נישט געקענט ווארעמען איר געמיט. יעדן פארנאכט איז זי געשטאנען אין פראנט, פאר דער שויבן־טיר, מיט פארמאכטע אויגן, ווי פאר דעם הייליקן בילד, און אפגעווארט א נס. דער פרילינג איז געקומען. אין דער לופט האבן גע־קלונגען אלארם־סיגנאלן. עס האט געפילדערט דער אויפשטאנד. און דא, סוף אפריל, האבן אין טרונק־הויז זיך ארייגעשאטן א פארטיע אויפ־

שטענדלער צו פייערן דעם זיג ביי קאָנקאָרד. דער אָנפירער, פּאָול רעוויר, האָט פאַר זיינע נאָכפאָלגער דערציילט וועגן דער צוויבערלעכער האָר־פּאַרוק און מערי, אויפכאַפּנדיק זיינע רייד, איז צו אים צוגעשטאַנען:

— אויב ס'איז וואָר, אַז ס'שטעקט צויבער אין דער פּאַרוק, שענק זי מיר, רעבעל! אַז אַ כישוף־זאַך וועט מיין אייבראַהאַם נישט צוריקקומען. ער איז אויך אַ רעבעל. ער איז געגאַנגען זיך שלאָגן פאַר פרייהייט. ער האָט פיינט דעם קעניג. ער פאַראַכט די טאָרים און קעמפט ווי אַ פּיראַט. כ'בין זיכער, אַז ער לעבט. אויב ער איז נישט געפאַנגען געוואָרן ביי קאָנקאָרד, געפינט ער זיך אין באָסטאָן. אויב ער איז נישט דערטרונקען געוואָרן אין די וואַסערן פון טשאַרלסטאָן, באַהאַלט ער זיך אויס אין ווירדזשיניע.

— און ער וואַרט אויף דיר? — האָט פּאָול רעוויר געפרעגט.

— כ'בין זיכער אַז ער וואַרט אויף מיר, רעבעל. שענק מיר די האָר־פּאַרוק. כ'וועל בעטן גאָט, אַז די קנוילן האָר זאָלן פינקלען מיט פייער־שטראַלן, אום צו באַלויכטן אייבראַהאַמ'ס צוריקוועגס צום טרונק־הויז.

די רייד פון דער אָרעמער מערי האָבן געקלונגען ווי אַ געבעט. פּאָול רעוויר האָט אַוועקגעשאָנקען די האָר־פּאַרוק דעם פאַרליבטן מיידל.

אַ טאָג שפּעטער איז די שיינע מערי נישט געווען צו דערקענען. די ענדערונג איז אָבער געווען צום שלעכטן. אין דער האָר־פּאַרוק, האָט שטענדיק געשטעקט דאָס גוטס פון אַ מלאך און, צום אונטערשייד, דאָס שלעכטס פון אַ טייוול. עס האָט זיך געווענדעט, ווי אַזוי מען האָט די געשאָנקענע פּאַרוק באַהאַנדלט. זיינען די טאַטן פון דעם פּאַרוק־באַזיצער געווען באַשיידענע — האָט די אויבערהאַנט געקראָגן דער מלאך. זייַנען די פירונגען געווען פאַרריסענע, איז אַרויסגעשפּרונגען דער טייוול מיט זיינע שפּיצלעך און פאַרפירערישע גענגלעך. דאָס טייוולשע, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געוועלטיקט, ווען די פּאַרוק איז מיט הונדערט יאָר צוריק געווען אין באַזיץ פון יאָהאַנעס'ן, האָט אויך איצט געקראָגן די אויבער־האַנט, ווען דער האָר־קנויל איז איבערגעגאַנגען צו דער אָרעמער מערי. מערי'ן איז נישט אָנגעשטאַנען גלייך אָנצוטאָן די געשאָנקענע האָר. די צעקנאָדערטע פּאַרוק האָט זי צוערשט געוואַשן אין איילן און גענעצט אין שאַרפע זאַלבן. דערנאָך האָט זי די האָר אויפגעראָלט, די לאָקן — פאַנאַנדערגעקעמט, פאַרלייגט אין קרוינדלעך, אויסגעוויקלט אין פּאַפּי־לאָטן און פאַרשלייפט מיט דינע באָול־בענדלעך. און אַז זי האָט די אויפ־געפּוצטע פּאַרוק אָנגעטאָן אויף איר קאָפּ, האָט זי אויסגעקוקט ווי אַ מאַריאָנעטן־פּופּע.

פון יענער מינוט אָן איז מערי געוואָרן געשטרויכלט. זי איז גע־ווען אָנגעשטעקט מיט לוסט און פאַרשייטע באַגערן. איר טרויער איז אַוועק און געקומען איז שטיפערישקייט. פון בענקעניש נאָך אייבראַ־

האָט'ן איז געוואָרן צוגעלאָזנקייט צו יעדן מאַנסביל. צוריקגעהאַלטנקייט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פרעכקייט.

סוף דעצעמבער האָט אין טרונק־הויז זיך באַוויזן אַ פישער־יונג פון מאַסאַטשוזעטס. ער איז געווען אַ „מינוט־מאַן", איינער פון יענע אויפשטענדלער, וואָס זיינען געווען גרייט צו מאַרשירן יעדע מינוט קעגן שונא. ער איז געווען שיין און שטאַרק ווי אַ פעלז פון די ראָקי־בערג. מערי האָט נישט געוואַרט אויף זיין ליבע־אָנבאָט. זי האָט אים אַנט־קעגנגעטראָגן אירע אָרעמס, איר הונגער נאָך צערטלעכקייט. זי האָט אים אַנטקעגנגעטראָגן איר יונג לייב, וואָס האָט געבענקט נאָך פרייד.

דער איבעראַשטער פישער־יונג האָט זיך איינגעגעסן אין מערי'ן, ווי אין אַ געשמאַקן ביסן. ער האָט גענאָסן די פולע פרייד, וואָס איז באַשערט בלויז יענע אויסדערוויילטע, וואָס קריגן ליבע אָן פיין. און אַז ער איז זאַט געוואָרן, איז געקומען די צייט זי צו פאַרלאָזן. ער האָט זיך געאיילט. דער אויפשטאַנד האָט געפלאַקערט. די פליכט האָט גערופן. גענעראַל וואַ־שינגטאָן האָט געהאַט אָפּגעהאַלטן דעם זיג איבער די ענגלענדער אין טרענטאָן און אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו אַלע פּאַטריאָטן און „מינוט־מע־נער" זיך אָנצושליסן אינם ווייטערדיקן מאַרש. דער פישער־יונג האָט נישט באַדויערט, וואָס ער גייט אַוועק. מערי איז ווידער געבליבן טרויע־ריק. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט ערגעץ אויף די וועגן פאַרלוירן אייבראַהאַמען.

די האַר־פּאַרוק, וואָס האָט געזאָלט — דורך מערי'ס געבעט צו גאָט — פינקלען מיט פייער־שטראַלן אום צו באַלויכטן אייבראַהאַם'ס צוריק־וועגס אין דעם טרונק־הויז, די פּאַרוק האָט פאַרווישט אַלע וועגן, פאַר־טונקלט יעדע סטעזשקע און פאַר אייבראַהאַמ'ען איז קיין צוריקוועגס נישט געוואָרן. צוריקגעקומען איז בלויז אַ רעטונגסגאַרטל, אַ לעדערנער קעפּ און אינעם פאַלד פון דעם קעפּ האָט געשטעקט אַ צעווייקטער בריוו. דער בריוו איז געווען קורץ און טרויעריק:

„אַז כ'וועל זיך שלאָגן אויפן לאַנד, וועל איך אויסהאַלטן ביזן סוף און כ'וועל צוריקומען צום טרונק־הויז זען, ווי מען רייסט אַראָפּ די שילד מיטן בילד פון קעניג דזשאָרזש... אַז כ'וועל זיך שלאָגן אויפן ים און דאָס וואַסער וועט מיך רופן צום אָפּגרונט, דעמאָלט וועל איך פאַרלירן מיין וועלט און דו וועסט פאַרלירן — דיינע".

מערי האָט גיך זיך גענומען עלטערן. איר גלאַטע הויט איז געוואָרן גערונצלט און געלבלעך־טרוקן, ווי אַ האַרבסט־בלאַט. אַרום די טיפע, אויסגעוויינטע אויגן האָבן זיך געקאַרבט פעלדלעך און קנייטשלעך. אָבער מיט דער האַר־אַפּרוק האָט זי זיך נישט געשיידט. אויך די טרונק־שטוב אויפן שייד־וועג האָט זיך געענדערט. די געסט האָבן זיך געביטן. אַנ־שטאָט די געזונטע, אומרואיקע פישער־יונגען און יעגערס, האָבן זיך באַ־

וויזן געזעצטע דורכפֿאָרער מיט גראָבע וויסקער־בערד און מיט לאַנגע ליולקעס אין די מיילער. די דורכפֿאָרער האָבן שטענדיק געהאַט צייט, קיינמאָל זיך נישט געאיילט. מערי האָט ביי קיינעם נישט אויסגענומען. פֿערצן יאָר זיינען פֿאַראיבער. די מלחמה מיט ענגלאַנד איז שוין לאַנג גע־ווען געווונען. די רעפּובליק איז געבוירן געוואָרן. און ווען דאָס גאַנצע לאַנד האָט געפּייערט די איינשווערונג פֿונם ערשטן פּרעזידענט, איז מערי, מיאוס און פֿאַרוועלקט נאָך אַלץ געבליבן פֿאַרזעסן.

אייבראַהאַמ׳ס פֿאַרויסזאָגונג איז וואָר געוואָרן. די פּאַטריאָטן האָ־בן אַראָפּגעריסן די שילד מיט קעניג דזשאָרדזש׳עס בילד, וואָס איז גע־האָנגען אין פֿראָנט פֿון דער טרונק־שטוב און אויפֿן זעלבן אָרט אַרויפֿ־געזעצט דאָס בילד פֿון דעם ערשטן פּרעזידענט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן.

מערי איז אַנטלאָפֿן פֿונם טרונק־הויז. לויפֿנדיק האָט זי אַ פֿאַר־צווייפֿלטע אַראָפּגעריסן פֿון איר קאָפּ די האָר־פּאַרוק און זי אַוועקגעשליי־דערט אויפֿן שיידוועג.

דער ערשטער דורכפֿאָרער, אַ שעריף פֿון סאַוואַנאַ, אין דזשאָרדזשיאַ, האָט די פּאַרוק אויפֿגעהויבן און זי געבראַכט צו זיך אַ היים. ער האָט זי אויפֿגעהאָנגען אַלס אָנדענקונג, אויף דער וואַנט, לעבן זיין יעגער־ביקס.

IV

ווער האָט אויפֿגעוועקט די האָר־פּאַרוק, וואָס איז אָפּגעשלאָפֿן אויף דער וואַנט פֿונם שעריף׳ס הויז גאַנצע פֿינף און אַכציק יאָר? — אַ קאָו־באָי פֿון אָקלאַהאָמאַ. און געשען איז דאָס אַזוי:

דער שעריף איז שוין לאַנג געווען טויט. אָבער זיינע קינדער האָבן די וואַנט, וווּ ס׳איז געהאָנגען די האָר־פּאַרוק, די יעגער־ביקס און שטיקער פֿעל פֿון חיות — אויפֿגעהיטן.

זיי האָבן געוווּסט, אַז דעם פּאַטערס ביקס האָט נישט איינמאָל באַ־שיצט דאָס הויז פֿון אַן אינדיאַנישן איבערפֿאַל, פֿון אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער וואַלד־חיה און דערפֿאַר מוז מען דאָס וואָפֿן אויפֿהאַלטן ווי אַ רעליקוויע. מיט די יאָרן איז דעם שעריפֿס הויז איבערגעבויט געוואָרן. די דינע הילצערנע ווענטלעך זיינען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין דיקע ציגל־מויערן. דער שטיינערנער דיל איז באַלייגט געוואָרן מיט גלאַנציקע פּאַרקעט־ברע־טער. די גרויע טירן־פֿענסטער — געדעקט מיט פֿאַרבן. אָבער די וואַנט וואָס איז געווען באַהאָנגען מיט שטיקער פֿעל פֿון חיות, מיט דער יעגער־ביקס און מיט דער האָר־פּאַרוק, איז נישט גערירט געוואָרן.

און וויבאַלד די האָר־פּאַרוק איז נישט גערירט געוואָרן, איז זי גע־ווען אויסגעלאָשן פֿון לעבן. די אויסטערלישע האָר־קנוילן האָבן געקענט

אפטאן כישוף, אויפלויכטן מיט וווּנדער, וואַרפן פון זיך צויבער־נעצן בלויז דעמאָלט, ווען זיי האָבן באַקליידט די קעפ פון מענטשן, וואָס זייַנען געווען אין שטענדיקן אומרו, אין צושטאַנד פון באַוועגונג. שלעכטס אָדער גוטס, פּיין אָדער פרייד, פאַרפירעניש אָדער געלייטערטקייט האָבן נישט געהאַט קיין שליטה אויף דער האַר־פּאַרוק, ווען זי איז געווען אויסגעהוילט פון די וויבריִרנדיקע גלי־שטראַלן, ליידיק פון די ציטערדיקע פייער־טראַפּנס, וואָס ברענגען אַרייַן אין יעדן טויטן קעגנשטאַנד — לעבן. און ווייל קיין מענטשלעכע האַנט האָט נישט באַרירט די האַר־פּאַרוק דורך די גאַנצע פינף און אַכציק יאָר, איז די פּאַרוק געבליבן הענגען אַן אַנמעכטיקע און לעבנסלאָזע.

פייער לעשט נישט קיין פייער. אָבער איין אויפגעבלאָזענער פלאַם קען אָנצונדן אַ צווייטן. און אַזוי האָט עס געטראָפן. אין דעם יאָר אַכצן פינף און זיבעציק, האָט אַ גרויסע שׂרפה אויסגעבראָכן איבער די ברייטע לאַנד־שטרעקעס פון דזשאָרדזשיע. גאַנצע פאַרמס זייַנען פאַרטיליקט געוואָרן פון פייער. גערטנער און פעלדער האָבן זיך געוויקלט אין רויך. די פלאַמען האָבן דערגרייכט דעם שעריפ'ס הויז אין סאַוואַנאַ און אָפּגעווישט די ציגל־מויערן, די שטוב־מעבל, די שטיקער פעל פון חיות, אַפילו די יעגער־ביקס. בלויז די האַר־פּאַרוק, ווי זי וואָלט, נאָכן דערשפּירן אויף זיך דעם ברי פון פייער, געקראָגן פליגלען, האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ברענענדיקער וואַנט און איז דורך די ווינטן פאַרטראָגן געוואָרן אויף די וויסטע וועגן פון דזשאָרדזשיאַ. זי איז גראָד אַרויפגעפאַלן אויפן קאָפּ פון אַ רייַטנדיקן קאָובאָי, וואָס האָט געשמיסן זייַן פערד אין אומגעהויערער אייַלעניש. דער קאָובאָי האָט געהאַלטן אין מאַכן זייַן וועג צום נאָענטסטן שטעטל, ווו עס האָט געוואַרט אויף אים זייַן שטאַרבנדיקער פאָטער. ער האָט נישט געלייגט קיין גרויס אַכט אויף דער פּאַרוק, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל גלייך אויף זייַן קאָפּ און ער האָט זי פאַרשטעקט אין זאָטל. ער איז געווען מיד און דאָרשטיק. עס איז געווען אין מיטן יולי. אַ גליענדיקער נאָכמיטיק. די זון האָט אָנגעהייצט הימל און ערד. ער האָט געהאַט דורכגעריטן לאַנגע מייַלן פון באַגינען אָן. די מאָסקיטן האָבן געביסן. דער דאָרשט האָט געפּייניקט. און אין אַזאַ צושטאַנד פון אויסגעשעפּטקייט, האָט ער געפּאַטשט מיט זייַן פערד איבער די הייסע שליאַכן אָן אָפּשטעל.

פּלוצים האָט ער, פאַרבייגאַלאָפּירנדיק אַ שייד־וועג, דערזען אין זאַמד זיצן אַ דאַרן נעגער־יונג מיט זייַן גרויסן קאָפּ אַרייַנגעטאָן אין אַ רויטן, פליישיקן וואַסער־אַרבוז. דער יונג האָט געפרעסן דעם אַרבוז מיט אַ לוסטיקן אַפּעטיט. זייַנע ווייסלען האָבן אַרויסגעזעצט פון די אויגנלעכער. ווייסע, געזעגטע ציין האָבן געגריזשעט דאָס רויטע אַרבוזן־פלייש מיט אַזאַ פאַרגעניגן, אַז ער האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט

די שטראמען זיסן זאפט, וואס זיינען גערונען איבער זיין גאמבע און האלז.

דער קאובאי האט אפגעשטעלט זיין פערד. אליין, א מידער און דארשטיקער, האט ער נישט געקענט פארטראגן, ווי דער יונג זויפט מיט אזא לוסט דעם רויטן זאפט. זיין טרוקענער גומען האט גענומען ברענען. ער איז צוגעריטן נאענט צום נעגער, אן אויסצוריידן א ווארט, האט ער א ווארף געטאן פאר אים די געפונענע האר־פארוק און אריינכאפנדיק אין זיינע הענט דעם רייפן ארבוז, האט ער אליין מיט גרויס גיריקייט זיך איינגעביסן אין דעם רויטן, זיסן פלייש.

אז דער נעגער־יונג האט דערטאפט לעבן זיך די האר־פארוק, איז דער קאובאי שוין געווען פארשווונדן. אנשטאט פארדרוס, וואס דער פרעמדער האט ארויסגעריסן פון צווישן זיינע ציין דעם ארבוז, האט זיין פנים גאר אויפגעלויכטן. א ווײַלע האט ער די קנוילן האר געצערטלט ווי אן אוצר, ווי א הימל־געשאנק. באלד האט אים געשטויסן אן איינפאל צוצולויפן צום לאנד־באזיצער, בינג ראדזשערס, וואס האט געווינט אין ארייִנפאר פון שטאט, און אים פארקויפן דאס געשאנק. דער לאנד־באזיצער וועט קענען די פארוק אנטאן זיין פארקריפלטע טאכטער, וואס איז געבוירן געווארן מיט א הארלאזן קאפ.

די טאט האט נאכגעפאלגט דעם געדאנק. דער נעגער־יונג האט אנגעבאטן זיין אוצר און בינג ראדזשערס האט די פארוק געקויפט. אבער אנשטאט זי אנצוטאן אויף דעם הארלאזן קאפ פון זיין טאכטער, האט ער גאר באשלאסן זי אויסצונוצן פאר זיין אייגענער פארווײַלונג. דער לאנד־באזיצער איז פונקט דעמאלט געווארן איינגעלאדן צו א מאסקנבאל, וואס די ארומיקע פארמער האבן געגרייט לכבוד דעם געראטענעם ארבוזן־סעזאן.

און די כוחות פון גוטס און שלעכטס האבן זיך גענומען ראנגלען אין דער אויפגעוועקטער האר־פארוק. די גוטע ווונטשן פונעם ארעמען נעגער־יונג האבן נישט געקענט בייקומען די לוסט נאך איינגליבע, וואס האט געפלעמלט אינעם הארץ פון לאנד־באזיצער. ביי אים איז בילכער געווען זיך צו פארשטעלן אין דער פארוק ווי א קלאון, איידער זי אנצוטאן אויפן קאפ פון זיין געשטראפטער טאכטער. די שטראף האט נישט פארזוימט און דאס שלעכטס האט גענומען געוועלטיקן.

אין דעם באשטימטן טאג, ווען בינג ראדזשערס איז געקומען צו דער מאסקאראדע, אויסגעפוצט ווי א קלאון, אין א פאר לויזע הויזן מיט רויטע לאמפאסן, אין לעטשלעך מיט טראלדן און איבער זיין קאפ — די צעקעמטע פארוק, האט באלד מיט אים פאסירט א זאך, וואס גאטספארכטיקע מענטשן רופן אן: לעסטערונג צו גאט און צו לייט. א באגלויבטער שכן האט אונטערגעשלאגן זיין ווייב, אנגערעדט זי צו פארשייטקייט און

ווען די פריילעכע געסט האבן געבראכן די וויין־גלעזער, האט ער זי ארויס־געגנבעט פונעם זאל און זי פארשלעפט אזש ביז טעקסאס.

צומארגנס, ווען בינג ראדזשערס איז ניכטער געווארן, האט ער זיך געלאזט אין א געיעג נאך זיין ווייב. ער האט אנגעשטעלט דעם שעריף, אז ער זאל געפינען די אויסגעלאסענע. ער האט געדונגען צען שלעגער־יונגען, וואס זאלן פאקן און אנברעכן דעם פארפירער. אלע שפורן זיי־נען געווען פארווישט. פון דערשלאגנקייט האט ער אנגעהויבן שיכורן און זיך אפגעבן מיט האזארד־שפילן. דער ביטערער געטראנק האט אים גיך געשלעפט צום אפגרונט. איינס נאך ס'אנדערע האט ער פארלוירן זיינע רייכע שטרעקעס לאנד. א יאר שפעטער האט ער פארלאזט זיין גע־שטראפטע טאכטער. דאס ווייב, וועמען ער האט א לעבן לאנג ארויסגע־וויזן בלויז קאלטע פליכטן, האט איצט אויסגעזען אין זיינע אויגן ווי אן אומדערשאצטע וועלט, וואס ער האט אומגעריכט פארלוירן. א שווע־רע פארצווייפלונג, וואס ער האט ביז אהער, צוליב זיין ווילשטאנד, נישט געקענט, האט זיך געוועקט אין אים און געגומען קעמפן פאר עקזיסטענץ. ווען די פארצווייפלונג איז אריין אין זיין געהירן און אנגעטרונקען זיי־נע אדערן ווי מיט שטארקע סם־ריחות, האט ער זיך געלאזט איבער וועגן. א באוואקסענער און פארעלטערטער, האט ער אויסגעוואנדערט לאנגע זומפיקע שטרעקעס. און כאטש די האר־פארוק איז געווען פאר אים א קללה, האט ער, צוליב פארגעסנקייט, זי נישט ארויסגעלאזט פון האנט. ער האט זיך געשלעפט מיטן ים־ברעג. ביז ער איז אנגעקומען קיין פלא־רידא, אין דער שטאט סעינט־אויגוסטין. דארט האט אים קיינער נישט געקענט. אן איבעריקער מענטש אין א געפאקטער וועלט, ווו יעדעס לעבן איז געווען ארייגעפאסט, יעדעס וועזן אויף זיין ארט — איז אים בא־שערט געווען די דאליע פון א בעטלער.

באלד נאכן פארלירן דעם ווילשטאנד, האט ער אויך פארלוירן זיין פארשטאנד. די קאפ־אדערן זיינען פארקאלכט געווארן. און זיינע גע־רעכטע געפילן פון האס און איפערזוכט, וואס האבן אים געטריבן אויף וואנדער־וועגן, זיינען אויסגערונען. און ער איז נאך פארלוירענער גע־ווארן. די פארלוירנקייט האט אים געפירט צו אן אומהיימלעכן פלאן. נאכן פלאן איז נישט געקומען קיין קווינקלעניש. דער באשלוס איז גע־ווען אומדערבארעמדיק. ער האט זיך געהאנגען אין א חורבה, אונטער דער שטאט. ס'איז געווען דעם זיבעצנטן מערץ, אין טאג פון „סעינט פאטריק".

אן אויפגעהייטערטער איירישמאן, וואס האט יענעם טאג שפאצירט אויפן הויפט־וועג, הינטער דער שטאט, האט אנגעטראפן א סאד־וועכ־טער. דער וועכטער האט אים דערציילט וועגן דעם געהאנגענעם. דער איי־רישמאן האט זיך דערבארעמט אויף דעם נאמענלאזן זעלבסטמערדער־

און אים געהייסן באגראבן אויף זיינע קאסטן. פארן אראפלאזן אים אין קבר, האט מען אין זיינע קליידער געפונען די האר־פארוק. דער וועכטער האט זיך געצלמ׳ט און געזיפצט: „א כישוף־מאכער האב איך אראפגענומען פון דער תליה״.

דער איירישמאן איז געווען א קאלעקציאנער פון פלאנצן. די געפונענע האר־פארוק האט ער פארבאהאלטן אין א געקאוועטן קופערט, ווו עס זיינען געלעגן זיינע האניק־בלומען. דעמאלט זיינען די אוואנטורעס פון דער פארוק געווען פארענדיקט, און זי איז אויסגעלאשן געווארן פון לעבן.

דער בארמהארציקער איירישמאן איז געווען נישט בלויז א קאלעקציאנער פון בלומען, נאר אויך א פאנטאזיאר, אן אויסטראכטער פון גרויליקע געשיכטעס. ער האט געקענט חלומ׳ען אין א וועלט פון הארטער ווארהאפטיקייט. נאכדעם ווי די האר־פארוק איז געווען פארהאקט אין קופערט א גאנץ יאר, האט ער זי איינמאל פון דארט ארויסגענומען אויף דורכצולופטערן. באטראכטנדיק די צעקנאדערטע קנוילן האר, האט אים געשטויסן די אהנונג, אז די פארוק איז פול מיט ווונדער־געשיכטעס, אז זי האט אין פארלויף פון אירע וואנדערונגען, פארשאפט אירע אייגנטימער מער שוידערלעכקייטן, ווי גוטס. דער איירישמאן, טאפנדיק מיט די פינגער די האר־קנוילן, איז אליין אנגעשטעקט געווארן מיט די וויברירנדיקע כישוף־פונקען. זיין פארשטעלונגס־קראפט האט גענומען ארבעטן. דער דמיון האט געבריט און צוריקגעפירט אויף יארהונדערטער, אויפווויקלענדיק פאר אים איין עפיזאד נאכן אנדערן. עס האבן זיך געראלט, ווי אויף וואלצן, פאסירונגען פון דער אמעריקאנער רעוואלוציע, די אוואנטורעס אויף דער שיף „מעיפלאוער״ אזש ביז צוריק, צום הויף פון ענגלישן קעניג דזשיימס, ווו די פארוק איז אפגעשטעקט געווארן דורך אן אינדישן פריזירער.

דער טרוימענדיקער איירישמאן איז געווען פארכאפט פון די אויסטערלישע פארפאלן, וואס זיין דערמאנונגס־קראפט האט ארויסשיפירט און זיין פארשטעלונג האט צוגעחלומט. ער האט דאס אלץ, ווי א כראניק, רעגיסטרירט אויף בלעטלעך פון פארמעט. די בלעטלעך, צוזאמען מיט דער פארוק, זיינען אפגעלעגן אין קופערט גאנצע פערציק יאר. דער איירישמאן איז געשטארבן אין סעינט־אויגוסטין און וועגן דער פארוק קיינעם פריער נישט געהאט דערציילט. זיין זון האט זיך איבערגעצויגן קיין מערילענד און פון דער פארוק קיינמאל נישט געהערט. ערשט דאס איינִיקל, וואס האט זיך באזעצט אין ווירדזשיניע, האט דעם קופערט געעפנט און דערטאפט די פארוק מיט די באשריבענע בלעטלעך.

דער נאמען פונעם איירישן בלומען־קאלעקציאנער איז געווען מייקל

קינג און דאָס אייניקל, וואָס איז געגאַנגען זוכן אַ קבר פאַר דער האָר־פאַרוק, האָט געהייסן ביל קינג.

V

אַז ביל קינג האָט פאַרענדיקט דערציילן, איז דער בילדער־איינראַמער, פּיט ראַיען, געזעסן אין זיין וויג־שטול, דער קאָפּ פאַרוואָרפן אויף אַהינטער, ווי ער וואָלט געדרימלט. די ווירבל־ווינטן, וואָס האָבן געהאָט אים בערגעשטעלט די צייט און צוריק געמישט דעם קאַלענדאַר אויף אַריבער דריי יאָרהונדערטער, האָבן זיך איצט איינגעשטילט. איבערן טיפן געוועלב האָט זיך געהערט דער ריטמישער טיק־טאַק פונם וואַנט־זייגער, וואָס האָט אויסגעשלאָגן צוועלף.

פּיט ראַיען האָט זיך אויפגעשטעלט, ווי ער וואָלט זיך איבערגעוועקט פון אַ טיפן שלאָף. ער איז צוגעגאַנגען צום קאַלענדאַר און אָפּגעריסן אַ בלעטל. די דאַטע האָט געוויזן דעם ערשטן יאַנואַר, דעם אָנהויב פון נייעם יאָר. ער האָט אָוועקגעלייגט די האָר־פאַרוק לעבן דעם בינטל בילדער, דיפּלאָמען און מעדאַלן, וואָס האָבן געוואַרט אויף זייערע גלעזערנע קברים.

ניו־יאָרק, 1946.

אויף מאַלבערי סטריט

I

אַלע שטערן זיינען שוין געווען אויסגעלאָשן איבער די דעכער פון מאַלבערי סטריט, ווען דער איטאַליענער מייק פעראַרא, אַ אויסגעדינטער ניו יאָרקער גאַסן־קערער, האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און איז אַראָפּ אין קעלער איינצופרעסן דעם פאַס מיט וויינטרויבן.

שטרייפן גרויע ליכט האָבן אויפגעהעלט איבער די אַראָפּגאַנג־טרעפּלעך. דער פאַרטאָג האָט זיך אַריינגעריסן דורך די שמאָלע קוילן־פענסטערלעך און געווישט די לעצטע נאַכט־פלעקן. די זשומענדיקע שטילקייט אינדרויסן איז איבערגעשלאָגן געוואָרן איינמאָל פון אַ פאַרבייפאָרנדיקן וואָגן, אַ צווייט מאָל פון אַ שווערן, ראָלענדיקן אייז־טראָק.

מיט ביידע פיס אויף דעם גאָר אונטערשטן קעלער־טרעפּל, האָט מייק גוט אויסגעקנאָקט די ביינער. דאָס פאַרטאָגיקע זשומעניש האָט געליאַרעמט אין זיינע אויערן ווי אַ סיציליאַנער מעלאָדיע. ס'האָט אויפגעוועקט אַלע חושים, דערמאָנענדיק, אַז דער נייער טאָג וועט צושטעלן פולע הענט מיט אַרבעט.

די הנאה פון דער אייגענער גבורה און דאָס ליכט פון פרימאָרגן איבער די קעלער־ווענט, האָבן געשטויסן מייקן צו זיינע פליכטן. אין ווינקל איז געשטאַנען אַ הויכע וויין־פאַס. מייק האָט אַראָפּגענומען דעם דעקל. אַ פאַרזויערטער וויין־גערוך האָט אים אַ שלאָג געגעבן אין פנים אַריין. ער האָט אָנגעשעפּט פולע נאָז־לעכער מיט ריחות. ער האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין פאַס. צעדריוולטע, אויפגעבלאָזענע טרויבן ווי אויפגעיוירענע הייוון־האָפּן, האָבן זיך געהויבן איבער די ראַנדן. מייק האָט אַרויפגעלייגט אַ ברייטע שטאַרץ. אויף דער שטאַרץ — אַ שווער געוויכט און מיט ביידע הענט איינגעפרעסט די צעקוועטשטע טרויבן. נאָך אַ פאָר מינוט קוועטשן און פרעסן האָט ער אַראָפּגענומען די שטאַרץ און דאָס געוויכט און צוריק צוגעדעקט דאָס פאַס. די זאָרג, אַז דער וויין, נייט גענוג פאַרזויערט, וועט נישט רייף ווערן צו אַנדזשעלינאָס קאָנפירמאַציע, האָט נישט פאַריאָגט מייקס מונטערקייט. מיט אַן אונטער־

ברומענדיקע מעלאָדיע פון אַן אָפּערע־אַריע אויף די ליפּן, איז ער געגאַנגען איינווייקן דאָס אַלטע געבעקס פאַר זיינע קאַטשקעס.

פון אַ זאַק האָט ער אַרויסגעשאָטן האַרטע לאַבנס ברויט, וואָס דער איטאַליענישער בעקער פון צווייטן בלאָק האָט אים געשאַנקען. ער האָט אונטערגעשטעלט אַ ברייטע שאָף אונטערן קראַן און ווען דאָס וואַסער האָט געשטראָמט מיט אַ שפּריץ, האָט ער גענומען איינבראָקן איין לאַבן ברויט נאָכן אַנדערן. מייק האָט נישט געהאַלטן פון קויפן באַ׳טעמ׳טע שפּייז פאַר עופות. ער האָט געגלויבט, אַז מיט דעם בלויזן אָפּפאַל פון אַ באַלעבאַטישער שטוב קען מען זאַט מאַכן אַ גאַנצן הינער־פאַרם.

בראָקנדיק דאָס אַלטע געבעקס, צווישן איין לאַבן און צווייטן, האָט מייק אָפּגעפּסקנט, אַז די שפּע אין דעם רייכן לאַנד װערט פאַרשוועג־דעט. נישט בלויז די רייכע — אויך די אָרעמע זיינען אָנגעשטעקט מיט דעם הונגער נאָך ווײלטאָג. זיין טאַטע פראַנצעסקאָ פעראַראַ, אַ בלעכער אין דער אַלטער היים איטאַליע, האָט געקלעטערט איבער די וועגן פון טורין און צוגעשטעלט רינעס צו די שינדל־דעכער פון די דאָרפישע הייזער. און ווען ער איז געווען אויסגעשעפּט האָט ער מיט אַ שטיק ברויט, איינגעטונקען אין וויין, געשטילט דעם הונגער. אַ רעפּטל קעז, געוויקסט אין וויין, איז געווען אַ מאַלצייט, און ער, דער זון מייק זיצט זיך רחבות־דיק אויף מאַלבערי סטריט אין ניו יאָרק. דעם בעזים האָט ער שוין לאַנג אַוועקגעשטעלט. ער נעמט פּענסיע ביי אַנקל סעם. ער זשלאָקעט דעם וויין עמערווייז. ער טיילט אויס דעם שטאַרקן געטראַנק פאַר די געסט. ער שפּאַרט נאָך געניג אָפּ פאַר די שכנים.

מייק האָט איינגעזען, אַז ער איז אַ שותף צום ווײלטאָג. דאָס איינזען האָט גערופן צו דאַנקבאַרקייט. די דאַנקבאַרקייט האָט אים געשטויסן אויפצושטיין יעדן זונטיק פאַרטאָג צו דער ערשטער מעסע אין קירך. זיין תפילה איז געווען נישט בלויז אַ לויב פאַר דער בענטשונג אין זיין הויז, נאָר אויך אַ געבעט צום באַשעפער, אַז זיין זון פרענק זאָל אויפהערן אָפּצושלאָגן די שוועלן פון די סאַלונען, ער זאָל ווערן אַ נוצלעכער מענטש — ער זאָל נישט פאַרשעמען זיין שוועסטער אַנדזשעלינאַ.

דער נאָמען פרענק האָט געבראַכט אויפן זכרון חובות און אָנגעטראָגן ציפערן. מייק האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ ציפער מיט אַ ציפער און ס׳איז אַרויסגעקומען אַ רעכענונג פונעם רעסטאָראַן, וווּ פרענק האָט געגעסן, אַ רעכענונג פון דער דעליקאַטעסן־קראָם, וווּ ער איז אַריינגעפאַלן נאַשן, אַ רעכענונג פונעם סאַלון־אייגנטימער, וואָס האָט געצאָפּט ביר אויף קרעדיט און אַ רעכענונג פון דעם שערער, וואָס האָט אים געגאָלט אויף באָרג און נאָך געליען אים געלט. ברייטהאַרציקע שכנים אויפן בלאָק, זיינען וויליק געווען אַרויסצוהעלפן דעם געבראָכענעם פרענק. אַלע האָבן געוווּסט, אַז דער טאַטע מייק פעראַראַ איז קוראַנט, ער שלאָפט אויף אַ קנופּ מיט געלט, ער איז אויף קעסט ביי אַנקל סעם. אויסער דעם ציט

ער אַז איינקונפט פון אַ דריי־שטאָקיק הויז אויף עווענױ בי. עס איז ביי די שכנים נישט בלויז אַ פליכט, נאָר אויך אַן ערע צו באַדינען מייקס זון.

מייק האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו די טרעפּ. פון אויבן האָט זיך געהערט דאָס וואַכע קול פון זיין ווייב זשאַזעפינע וואָס האָט אַן אויסגע־שלאָפענע, אַ זשוואָווע, זיך געטראָגן איבערן הויף:

— מיקעלאַ! מיקעלאַ! קום נאָר אַרויף!

— רופסט מיך, זשאַזעפינע? — האָט מייק זיך געלאָזט אַ פּאָר טרעפּ אַרויף און געשיקט די אויגן אין דער ריכטונג צום הויף.

— כ'רוף דיך, מיקעלאַ! וואָס טוסטו אַזוי לאַנג אין קעלער? — האָט דער ווייבס קול זיך געבייזערט.

— כ'בראָק איין דאָס שפּייז פאַר די קאַטשקעס.

— כ'האָב מורא, אַז דו פּאַשעסט די פייגל אומזיסט, מיקעלאַ! זיי פאַרדינען נישט די אַרבעט, וואָס דו לייגסט אין זיי אַריין. זיי וועלן אויס־גיין אויף דיינע הענט!

— איידער אַזעלכע ווינטשונגען, מעגסטו בעסער שטום ווערן, זשאַ־זעפינע! — האָט מייק זיך צעשריען מיט אַן אָנגעכריפּעטן קול — כ'ווייס, דו פאַרטראָגסט נישט די עופות. אָבער שעלטן דאַרפסטו די שדים... —

— איך שעלט? — איז אין זשאַזעפינעס קול געווען אַ קוויטש פון געוויין — טכויר! מען האָט דאָך דיינע עופות אָפּגעטאָן אַ כישוף! האָסט דען די קאַטשקעס היינט אָנגעקוקט? קראַנקע פייגל! זייערע פעדערן זיי־נען רויט...

— רויט? פון ווען אָן זיינען די פעדערן ביי קאַטשקעס רויט? — איז מייק אַ פאַרוווּנדערטער, אַרויסגעלאָפן פון קעלער.

איבערן הויף האָט זיך געוואַקלט דאָס פעטע ווייב זשאַזעפינע אויף אירע שווערע, קורצע פיס. איר מאַרגן־כאַלאַט איז נישט געווען פאַר־קנעפּלט איבער דער צעגאָסענער פיגור, אָבער די צוויי טונקעלע קאָסן איבערן נאַקן זיינען געווען פריזירט ווי זונטיק צו דער מעסע. זי האָט געהאַלטן אויף איר בוזים אַן אויסגעשטאָפּטע קאַטשקע און אַ זשוואָווע, מיט אַ טריומף־בליק אָנגעקוקט דעם מאַן.

מער איבערגעשראָקן ווי נייגעריק האָט מייק אַרויסגעכאַפּט די קאַטש־קע פון ווייבס הענט און געגאַפט. די פעדערן זיינען געווען באַדעקט מיט רויטע פלעקן, ווי עמיץ וואָלט זיי געפאַרבט מיט אַן אויסגעקראַכענעם פענזל. פון פאַרדאַכט, אַז די רויטע פלעקן זיינען בלוט־צייכנס, האָבן די קאַרבן אויפן ברוינעם פּנים זיך צעקרימט. ער האָט אונטערגעהויבן דעם רעכטן פליגל, אַ בלאָז געגעבן אונטער די פעדערן און צוריק געשטופּט דאָס עוף אויף דעם ווייבס הענט.

— וויפל האָסטו אַזעלכע?

—אַלע צוועלף קאַטשקעס האָט מען אָפּגעטאָן אַ כישוף, מייק! —

האָט דאָס ווייב ריידנדיק פֿאַרבראַכן די הענט ווי בעת אַן אומגליק — און דער כּישוף וועט נישט אַנטרונען פֿריער, ביז דו וועסט נישט אויפֿהענגען מיין מאַמעס טאַליזמאַן איבער דער טיר. דיין לעסטערונג וועט דיך קאָסטן טייער! דער טייוול פֿאַרלאַנגט אַ פּרייז, אומגלויביקער! וועסט באַצאָלן מיט די קאַטשקעס...

— אַ כּישוף וואָלט מען דיר שוין געמעגט אָפּטאָן, הערסט, זשאַזעפינע? — האָט מייק, שוין בייז אויף זיין ווייבס זאַבאַבאָנעס, זיך צעשריען — אַזאַ נאַרישע קו מיט אַ גלעקלדיקער צונג! אַ בלינדער קען דאָך זען, אַז די פֿעדערן זיינען אויסגעשמירט מיט בלוט.

— בלוט! יעזוס מאַריע, ווי קומט בלוט אין אונדזער הויף? — האָט זשאַזעפינע אויסגעפּעטשלט מיט דער האַנטפֿלאַך איר שטערן.

מייקס געדולד איז אויסגערונען. ער האָט מיט רציחה צוריקגעכאַפּט די קאַטשקע ביי בײדע פֿליגלען, ווי ער וואָלט זיי געגאַנגען אויספֿליקן און האָסטיק געקעמט מיט די פֿינגער די רויטלעכע פֿעדערן. זיינע וועלפֿישע אויגן האָבן זיך געצונדן ווי בליץ־לאַמפּן:

— קאַנטיקער קאָפּ! און וואָס איז דאָס? האָניק־פֿלעקן? ביסט בלינד, זשאַזעפינע? האָסט קאָפּ־שווינדל? נישט קיין ווייב — אַ געפֿרוירענע קאַלב דרייט זיך אַרום אין מיין הויף...

ער האָט געלאָזט שטיין דאָס ווייב, וואָס האָט געהאַט גרייט אויף אירע ליפּן אַ טוץ שעלט־ווערטער און איז אַריינגעלאָפֿן אין דער עופֿות־קאַמער אָנצוקוקן די איבעריקע קאַטשקעס. די קאַמער איז געווען גרויס ווי אַ שטייג פֿאַר חיות. די ווענט — מיט דראַטענע ראַמען. מייק האָט געציילט די קאַטשקעס. דעם ווייבס בייזע בשורה האָט געשטימט. אַלע עופֿות זיינען געווען אָנגעשטעקט מיט דער פּלאָג. קיין איינע איז נישט געווען ריין פֿון דער אָנשיקעניש. אין זיין צעטומלטקייט האָט ער געזוכט אַן אויסוועג פֿון דער קלעם, נישט קיין צונג איינגעטונקען אין פּלוד, נאָר אַ מויל, אַן עצה־געבער, האָט ער איצט געדאַרפֿט.

אין זיינע געהירן האָבן אויפֿגעהעלט די נעמען פֿון אַלע שכנים. די פֿאַרזאָרגטע אויגן האָבן זיך געהויבן צו די פֿענסטער פֿון דער געלער מויער קעגנאיבער. אויפֿן דריטן שטאָק פֿון דער מויער וווינט דער בעסטער שכן ענריקאָ פּוטשיני, אַ לוסטיקער לאַנדסמאַן, אַ וועלט־קענער וואָס האָט יונגערהייט זיך אַרומגעשלעפּט איבער פֿאַרוואָרפֿענע לענדער. פּוטשיני וועט וויסן דעם באַשייד פֿון דער פּלאָג. ער וועט אויך זאָגן זיין עצה, ווי עס זאָגט אָפּ אַ וואָרזאָגערין אירע טרעפֿענישן. שלעכט איז בלויז וואָס פּוטשיני איז געלערנט און רעדט ווי אַ פּראָפֿעסאָר. ער גנבֿעט צופֿיל צייט ביי די שכנים.

אין מייקס מוח איז נישט געווען קיין שפּאַרונקע פֿאַר קווענקלענישן. ער האָט געעפֿנט דאָס הויכע פֿאַרקאַז־טירל און איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס.

II

דער הימל איבער מאַלבערי סטריט איז געווען בלוי. דאָס מאָרגנליכט האָט אָנגעזאָגט דעם געבורט פון אַ נייעם טאָג. אַ קענדי־סטאָר מיט פאַרשטויבטע לאָדנס האָט זיך געהאַלטן אין עפענען. פאַר אַ בודקע האָט אַ צייטונג־פאַרקויפער אויסגעפּאַקט זיינע בינטלעך מאָרגן־בלעטער. איבערן אַריינגאַנג פון אַ רעסטאָראַן האָט נאָך געברענט אַ רויטע נעאָן־שילד „פּיצעריאַ נאַפּאָליטאַנאַ", וואָס מען האָט פאַרגעסן אויסצולעשן. אַ פאַרשלאָפענער בינעזער פונם שכנותדיקן קוואַרטאַל „טשיינאַטאַון", האָט מיט דראָבנע טריטלעך פאַרבייגעשפּאַנט די געלע מויער.

נאָכן אַרויפהויבן זיך דריי שטאָק מיט געדרייטע הילצערנע טרעפּ, האָט מייק געדריקט דאָס קנעפּל פון אַן אָפּגעבליאַקעוועטער טיר. איידער נאָך דער קלונג האָט זיך צעטראָגן אינעווייניק, האָט ער אַ שטויס געטאָן דאָס גלעזערנע הענטל און איז אַריין אין קיך.

דער לאַנדסמאַן, אַ באָרוועסער אין פּאַדזשאַמעס, געשטרייפט ווי אַרעסטאַנטן־קליידער, איז געזעסן ביי אַן אַלטמאָדיש דרייפיסיק טישל און געזופּט פון אַ גלאָז רויטן וויין. זיין ביינערדיק־אַקטיאָריש פּנים, נישט געגאָלט, ווי אַ באַרשט, האָט זיך געקנייטשט יעדעס מאָל ווען ער האָט געגעבן אַ שלוקע. צווישן צוויי פינגער האָט ער געהאַלטן אַ ברענענדיקן ציגאַר. דערזעענדיק מייקן האָט ער אַרויסגעפּאָמפּעט געדיכטע וואָלקענדלעך רויך און געקראַצט די שיטערע גרויע האָר.

— סאַלוטאַ ענריקאָ! דו טרינקסט ווי אַ פיש און רויכערסט ווי אַ קוימען! — האָט מייק באַגריסט דעם שכן.

— כ'זופּ ווי א זויג־קינד — האָט פּוטשיני געשמייכלט — און דו, מייק, האָסט זיך נישט וואָס צו קלאָגן אויף דורשט. אין דיין קעלער שטייען פעסער מיט וויין.

— בלויז איין פאַס, ענריקאָ! טרייב נישט איבער, און פון דעם איינעם פאַס געניסט אַ גאַנצער בלאָק מיט שכנים! — האָט מייק הנאה געהאַט פון זיין אייגענער ברייטהאַרציקייט — כ'קאָן זיך נישט פאַרזינדיקן. פאַראַן צווישן מיינע ווענט פון אַלדאָס גוטס. איינגעלייגטע שפּייזן, מאַרינירטע גרינסן און אויך אָנגעשטאָפּטע, פעטע קאַטשקעס...

— רייד נישט פון קיין קאַטשקעס. איך האָב פיינט קאַטשקעס! — האָט פּוטשיני בייזערנדיק זיך, האַסטיק אַ זופּ געגעבן פונם גלאָז און פאַרזויגן מיטן ציגאַר — אַ שווערער פויגל... וואָס פאַר אַן עוף איז דאָס? ס'האָט פליגלען און עס קען זיך נישט אויפהויבן פון דער ערד. און זיי זיינען טאַקע פאַראַן צופיל אויף דער וועלט... יונגערהייט, אַז איך האָב געוואַנדערט איבער ימים, האָב איך אומעטום אָנגעטראָפן קאַטשקעס. ווייסט דאָך, מייק, ביי אכצן יאָר האָב איך זיך שוין געדרייט אין האַפן פון גענואַ. שרייענדיקע שילדן איבער אַלע פּאָרט־ווענט האָבן גע־

רופן: „שליס זיך אָן אין פלאָט און זע די וועלט!" כ'האָב אַזוי געטאָן. מען האָט מיך געשיקט אין די מיטלענדישע וואַסערן — — — — — —

מייקן איז געווען ביטער. ער איז געשטאַנען ווי אויף נאָדלען. געטראָפן ענריקאָן האָט ער אין אַ שלעכטער שעה. דער פרימאָרגן־וויין האָט פאַרגאָסן זיין מאַרך. אָפּצושטעלן ביי אים דעם שטראָם רייד, וואָלט ער געדאַרפט אַ זעץ געבן אים איבערן קאָפּ. פון ערגערניש האָט מייק צענומען ביידע הענט און געשטופּט אַלע פינגער אין פּוטשינים פּנים אַריין.

— שכן ענריקאָ, איך בין געקומען זיך באַראַטן... מיינע קאַטשקעס זיינען קראַנק...

— קאַטשקעס? טעסטאַ קוואַדראַ! קאַנטיקער קאָפּ! — האָט פּוטשיני שרייענדיק אָפּגערוקט דאָס גלאָז וויין — וועגן דעם וויל איך דאָך דערציילן! האָסט נישט איבער! אונדזערע שיפן האָבן אַנטדעקט ווייטע, פאַרשטעקטע אינזלען. ווי מען אַנטדעקט פּלאַנעטן... איך האָב דאָך נישט אייביק געשטעקט אין די מיטלענדישע ימים. צוויי יאָר שפּעטער האָב איך זיך געשיפט איבערן פּאַסיפיק, אין די דרום־וואַסערן. און וואָס האָב איך אויף די וואַנדערונגען געזען? קאַטשקעס! אויף דער טריקעניש און אויף די וואַסערן — אומעטום שווערע פייגל, וואָס קענען זיך נישט הויבן פון דער ערד... אויף די אָפּגעלעגענע אינזלען, אונטערן פייער פון דער טראָפּישער זון, אַפילו צווישן דזשאַנגל־געוויקסן — דרייען זיך אַרום קאַטשקעס... דער אינזל־מענטש טוט זיך אויס פון בושה ער וואַרפט פון זיך אַראָפּ די שאָלעכץ פון ציוויליזאַציע. מענער טראָגן נישט קיין אויבערשטע קליידער. פרויען זיינען פריי פון שלייערן און דעקטיכער און אַלע עסן זיי קאַטשקעס, ווילדע, פעטע קאַטשקעס...

— כ'זע, כ'האָב נישט געטראָפן. שכן — האָט מייק פאַרביטערט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — איך קום נאָך אַן עצה און דו דערציילסט מיר דיינע דערפאַרונגען...

— דערפאַרונגען זיינען דער בעסטער שטאָף צו פאַרווילן אַ גאַסט — האָט פּוטשיני אַ שלעפּ געגעבן מייקן פאַר אַן אָרעם און צוגערוקט אַ בענקל — זיץ מייק, מאַך זיך באַקוועם. ביסט אויף פּענסיע. אַנקל סעם צאָלט פאַר דיין פאַרלוירענע צייט... ווי נאָר איך וועל פאַרענדיקן וועגן די קאַטשקעס, בייט איך דעם שמועס. און איך טו דאָס פלינק. כ'ווייס נישט, צי איך האָב עס דיר שוין אַמאָל דערציילט. אָבער יונגערהייט בין איך געווען גאָר פלינק... כ'האָב געקענט שליידערן אין דער לופט מעשענע רינגען, רויע אייער און גלעזערנע טאַצן מיט דער געשיקטקייט פון אַ זשאָנגלער. ביסט אַ גוטער צוהערער, מייק? כ'קען אויסגראָבן אוצרות. האָסט אַ געפיל פאַר אַנטיקן, מייק? ווייס דאָך, איך בין אַ זאַמלער... איך קען דיר ווייזן זעלטענע קאָלעקציעס פון ווייבערישע קאָרסעטן. איך קאָן אויספּאַקן אַ טראָפּישע בלום, וואָס שטאַמט נאָך פון

גן־עדן און דאָס ערשטע קאָקעטישע ווייב, די מאַמע חוה, האָט דערמיט אירע האָר באַצירט... ביסט פאַראינטערעסירט אין ווייך־בעכערס, מייק? איך פאַרמאָג אַן אַלטן באָקאַל, פון וועלכן לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי האָט אַ זופּ געטאָן נאָכן פאַרענדיקן מאָנאַ ליזאַ — — —

מייק איז אַ צערודערטער געשטאַנען אין דער טיר. ער האָט נישט געוווּסט צוליב וואָס פּוטשיני וויל פאַר אים אויספּאַקן אַלטע ווייבערישע קאָרסעטן, אַרויסשלעפּן אַ בלום פון גן־עדן, ווייזן דעם בעכער פון וועלכן לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי האָט געזופּט. פאַר זיינע אויגן זיינען געשטאַנען קאַטשקעס. קראַנקע קאַטשקעס מיט רויטע פעדערן און די עופות נויטיקן זיך אין אַ היילער, אַן אָפּשפּרעכער, צי גאָר אַ כישוף־מאַכער. ער איז פלינק אַראָפּגעלאָפן די דריי שטאָק טרעפּ.

אויף מאַלבערי סטריט האָבן שטרייפן זון זיך געגליטשט איבער די הייזער. די קאַרניזן פון די רויט־ציגלדיקע ווענט זיינען געווען פאַרגאָסן מיט קילן פייער־שיין. פאַר אַ שפּייז־געוועלב איז געשטאַנען אַ קליינער ברוינער טראָק. דער טראָקמאַן, אַן אָנגעפּעלצטער ווי אַ ים־בער, האָט קניענדיק, געבראָקט אייז דורך אַ מאַל־מאַשין. דאָס צעקרישעלטע אייז האָט מיט אַ געבראַזג, ווי צעבראָכן גלאָז, זיך אַריינגעשאָטן אין אַן הילצערנעם עמער.

פאַרן אַריינגאַנג פון אַ שמאָלער קראָם האָט אַ פאַרשוין אַרויסגעשטעלט אַ שטייענדיקע שילד, ווו עס איז געווען אויסגעמאָלן דער קאָפּ פון אַן אָנגעפּרעסענעם קוכער און אונטערן קאָפּ האָט אַראָפּגעשריגן אַ פעטע אויפשריפט: „דער לייב פון די מאַקאַראָנען”. עס האָבן זיך געעפנט די טירן פון אַ ברייטער בעקערײַ. אין פראָנט האָט זיך באַוויזן דער בעקער מיט אַ הויכער ווייסער מיץ. ער האָט געהאַלטן אויפן אָרעם אַ שטויס מיט בלעכערנע טעלערס. דאָס האָט געכאַפּט אַ קוק אויפן פרימאָרגן „דער קעניג פון די פּאַיס” אויף מאַלבערי סטריט.

אַ פעטלעכער שערער מיט אַ גלאַנציק־פריזירטן קאָפּ האָר, ווו יעדעס קאַרבירטע לעקעלע באַזונדער איז ביי אים געווען אָנגעשמירט מיט פּאָמאַדע, האָט פריילעך געפּוצט זיינע שויפענסטער. אַ קאַרוסעל אויף אַ פערד־געשפּאַנטן וואָגן איז, מיט אַ גלעקלדיקן גערויש, אָנגעפאָרן פון קאַנעל סטריט. דער אייגנטימער, אַ קורצער מאַנסביל מיט געהאַקטע באַקן־בערד, אין אַ רויט האַלז־טיכל ווי ביי אַ פּיראַט — וואָס האָט געקענט קאַרוזאָס אַלע אָפּערע־אַריעס אויף אויסנווייניק — האָט אָנגעשטעלט די שפּיל־רעקאָרדס אויף זיין הייזעריקן גראַמאָפאָן. אַליין האָט ער מיט אַ לוסטיקער מעלאָדיע גערופן די ווייבער און קינדער פון די אָפענע פענסטער.

אַ נישט־איבערגעדעקטער לאַסט־אויטאָ מיש שווערע פעסער, האָט מיט אַ טרייסלעניש זיך געוויגט איבערן אַספאַלט־ברוק. אַ פור, אָנגעלאָדן מיט פּיראַמידעס פון רויטע, פלאַנציקע טאָמאַטן, האָט זיך גע־

שלעפּט לאַנגזאַם ווי אויף אַ לויה. קינדער מיט שול־ביכער אויף די הענט האָבן געשטראָמט פון יעדן ראָג, ווי צו אַ פּאַראַד. מאַלבערי סטריט איז געווען פול מיט דעם שעפּטשענדיקן פּרימאַרגן־גערודער.

מייק האָט אַ צעטומלטער זיך געקראַצט דעם האַריקן קאַרק. אַנשטאָט צוריקצוגיין צו זיין הויף, האָט ער זיך געלאָזט אין אַ פּאַרקערטער ריכטונג. דער פעטלעכער פרייזלעכער פּריזירער, וואָס האָט געפּוצט זיינע שוי־פענסטער, האָט אים נאָכגעשריגן אַ גוט־מאָרגן.

— וואָס איז דער מער, מייק? זעסט נישט קיין לאַנדסמאַן? ווילסט נישט באַגריסן קיין פּייסאַן? צופיל קאָפּ־אַרבעט, שכן פּעראַרא! דער וויין און דאָס געלט מאַכן דיר פאַר אַ דענקער... — און ער האָט אַ הויב געגעבן דעם קאָפּ צום הימל — אַ שיינער טאָג, מייק. די זון שיינט איבער מאַלבערי סטריט!

מייק האָט בייז אָנגעקוקט דעם פּריזירער. און דער קוק האָט אָפּגעמאַכט, אַז צופיל פלוידערזעק וווינען אויף מאַלבערי סטריט. מייק האָט געוווסט, אַז אַלע פּריזירערס זיינען אונטערלעקערס. און חניפה־ריידלעך קענען איצט נישט פאַרבייטן קיין עצה. דער שערער האָט אים אָנגענומען פאַר אַן אַרבל:

— כ׳זע אַ זויער פּנים מייק... שרעקסט זיך, פּרענק וועט דיך מאַכן געבראָכן? גלויב מיר, האָסט אַ געראָטענעם זון. דער בוטשער גאַספּערי איז מער געשטראָפט פאַר דיר, זיינע יונגען זיינען פאַרשווענדער... זיי האַנדלען נאָך אַלץ מיט דער ברוקלין־בריק... אין מיין שאָפּ איז פּרענק לעצטנס נישט קיין אויסגעבער. זיינע וויזיטן ווערן זעלטענער. בלויז צוויי מאָל אַ וואָך האַר־טאָניק און פּנים־מאַסאַזשן. זאָל איך דיר צושטעלן צום רעכענונג דאָס קעש, וואָס ער נעמט יעדן פרייטיק? — האָט דער פּריזירער ווי אַ מאָנער אַריינגעקוקט מייקן אין די אויגן — ווילסט דעם ביל?

— פאַרגעס איצט דעם ביל. פאַרשטייסט זיך עפּעס אויף קאַטשקעס?

— האָט מייק אומגעדולדיק אַ פרעג געטאָן.

— טוירקי, אינדיק איז מיין באַליבטער שפּייז, מייק. און אַז דאָס פעלט אוים אויפן מאַרקעט, קען פּאַסטראַמי מיט ספּאַגעטי אויך זיין אַ מאַלצייט... און פון אַ פעטן פּיצעריאַ־טעלער קען מען זיך פאַרדאַרבן דעם מאָגן, מייק? אָבער פאַרוואָס פרעגסטו מיך איצט וועגן קאַטשקעס. ווילסט אַ באַרבער זאָל הרגענען עופות און אַ בוטשער זאָל קראַצן בערד?

— מיינע קאַטשקעס זיינען קראַנק.

— קראַנקע קאַטשקעס, מייק? גיי צו סבוטשער גאַספּערי. און איידער דו גייסט. טו עפּעס צו דיין פּאַרדרוס. כ׳האָב נישט ליב קיין זויער פּנים... ווייסט דאָך ווי עס זאָגט דאָס מאַניקיור־מיידל, אין מיין שאָפּ: אַז אַ פרוי איז בייז, פאַרבט זי די נעגל, אַז אַ מאַן איז בייז — בייסט ער זיי... כאַ כאַ כאַ! אַ שיינער טאָג, מייק! די זון שיינט איבער מאַלבערי סטריט.

מייק איז שוין געווען אין גאַספּערים בוטשער־סטאָר, ווען דאָס פּרע־כע געלעכטערל פונם שערער האָט אים נאָכגעיאָגט. די יאַטקע איז גע־ווען פול מיט ווייבער. דער קצב, אַ דינער, אַ ציכטיקער, אין אַ ווייסן כאַלאַט אומבאַפלעקט, ווי ביי אַ קליניק־דאָקטאָר, האָט געהאַלטן אין האַנט אַ מעסער, לאַנג ווי אַ שווערד און זאָרגפעליק אָרומגערייניקט אַ פרישע, בלוטיקע לעבער.

דערזעענדיק מייקן האָט ער אַרויסגעלייגט דאָס מעסער און אריבער־געשריגן איבער די פאַרגלאָזטע פלייש־אויסלאַגן, איבער די ווייבערישע קעפּ:

— וואָס מאַכסטו, מייק?

מייק האָט געכאַפּט איין קוק אויף די ווייבער, וואָס שטייען אין דער רייע, ווי מען שטייט פאַר דער קאַסע פון איטאַליענישן אָפּערא־הויז. ער האָט געכאַפּט אַ צווייטן קוק אויף גאַספּערין און אָנגעהויבן:

— קענסט דאָך מיינע קאַטשקעס...

— אַהאַ! כ׳וועל ווען אַז דו ווילסט זיי פאַרקויפן? כ׳האָב דאָך די גאַנצע צייט דיך געוואָרנט, אַז דו פּאַשעסט זיי אומזיסט — האָט דער ציכטיקער קצב ריידנדיק, גענומען שלייפן איין שפּיז־מעסער אָן צווייטן — דאָס זיינען בחינמ׳דיקע פרעסערס. אַ קאַטשקע איז ווי אַ קענסער. זיי פרעסן דיך אויף לעבעדיקערהייט. איך וועל דיר זאָגן, לעבעדיקע עו־פות קויף איך נישט. אָבער, אַז דו וועסט זיי ברענגען אָן קעפּ, וועט מען האַנדלען...

אויף מייקס ליפּן האָבן זיך געבלעזלט זידל־ווערטער. טעסטאַ קוואַ־דראַ! פּאָרקאָ דוראַ! קאָנטיקער קאָפּ! האַרטער חזיר! ווען נישט די ווייַ־בער אין פראָנט, וואָלט ער די זידל־ווערטער אויסגעשאָטן איבער גאַספּע־רים קאָפּ... פאַרוואָס זאָגן זיינע שכנים אָפּ ס׳לעבן די עופות, נאָך איידער זיי הערן אים אויס? מאָלבערי סטריט גייט אונטער. די לאַנדסלייט האָבן נישט קיין אויער פאַר אָן אייגענעם שכן. פּוטשיני, דער אָרומשלעפּער, איז אַ באָרימער. דער באָרבער טראַכט בלויז פון איינקאַסירן זיין חוב און דער קצב האָט אינזינען איינצוהאַנדלען אַ מציאה מיט זיינע עופות. מייק איז ראַפּטום אַרונטערגעלאָפן הינטערן מאַרמאָר־טיש, וואָס איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ פאַרגלאָזטער אויסלאַגע און אָנגענומען גאַספּערין פאַר די לאַצן פון זיין ווייסן כאַלאַט.

— האָסט עפּעס אַ היילונג צו מיינע קראַנקע קאַטשקעס? זייערע פעדערן זיינען געוואָרן רויט. און דאָ שטיי איך פאַר מיין אַנדזשעלינאַס קאָנפירמאַציע... ווייסט דאָך וואָס עס הייסט צו קאָכן קראַנקע עופות פאַר די געסט...

— רויטע פעדערן? פאַרוואָס האָסטו דאָס באַלד נישט געזאָגט, מייק? איך אַליין פאַרשטיי זיך וויניק אויף לעבעדיקע עופות. אָבער אַז כ׳צע־טרייבער זיי, בין איך אַ קענער פון אַנאַטאָמיע... כ׳דערשמעק אַ געשווירל

אויפֿן מאָגן. כ'דערשפּיר אַ וואָרעמל אין דער קישקע. כ'וועל דיר זאָגן מייק. אויב דו זוכסט אַ היילער האָב איך פֿאַר דיר איינעם. אויף עק קאַנעל־סטריט וווינט אַ ייִדישער שוחט, אייזיק שוחט. נישט איין בוטשער האָט ער שוין אַרויסגעהאָלפֿן פֿון אַ שאָדן. אַ געלערנטער מאַן, וואָס ווייסט אַליץ. און נישט בלויז ער, זיין ווייב און זיינע זין ווייסן, נאָר אַפּילו דער הונט זיינער איז געלערנט... פֿאַראַיאָרן האָט אויסגעבראָכן אַ פֿייער אין זיין הויז. עס האָט געדראָט, אַז די שטוב זאָל אַוועק מיטן רויך. איז דער הונט אַריינגעשפּרונגען אין די פֿלאַמען צו ראַטעווען דאָס טייערסטע ביים שוחט. פֿינף מינוט שפּעטער איז ער אַרויסגעקומען, האַלטנדיק אין פּיסק דעם שוחטס אינסטרומענטן, צוויי חלפֿים, איינגעוויקלט אין אַ נאַסן האַנ־טוך...

מייק, וואָס האָט נישט קיין צייט געהאַט זיך צו חידושן איבער דער וונדער־מעשה, איז פֿלינק געלאָפֿן צו דער טיר. אויף דער שוועל האָט ער נאָך אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום קצב:

— זאָל איך צו אים צוגיין?

— הויב די פּיס, מייק! אַ גוטער שאָקל און דו וועסט אים טרעפֿן, אײידער ער גייט אין דער סינאַגאָגע. ער וווינט אין עק קאַנעל און מאַלבערי סטריט, איבער דעם כינעזישן רעסטאָראַן.

III

אויף קאַנעל סטריט האָט מייק זיך אַרומגעקוקט. ווי אויף אַ פֿרעמדן יאַריד: די גאַס, וואָס איז געווען דריי בלאָק אַוועק פֿון זיין הויז, האָט אויסגעזען ווי אַ ווייט לאַנד. ביי דער אָנגעזעענער געביידע איז ער גע־בליבן שטיין מיט דער פֿאַרגאַפּטקייט פֿון אַ פֿאַרמער, וואָס האָט פֿאַר־בלאָנדזשעט אין דעם כרך ניו יאָרק. דער כינעזישער רעסטאָראַן האָט געהאַט אַ שמאָלן אַריינגאַנג. די שויבן־טיר איז געווען באַמאָלן מיט אַ טעלער „טשאָו־מעין" און באַדעקט מיט געדיכטער כינעזישער שריפֿט. האַרט נעבן רעסטאָראַן האָט זיך אַרויסגעשטופּט אַ בייכיק שויפֿענס־טער פֿון אַ ייִדישער בוכהאַנדלונג, אָנגעפּראָפּט מיט ספֿרים. פֿעטע ייִדישע אותיות איבער דער שילד האָבן בכבודיק אָנגעזאָגט דעם נאָמען פֿון דעם בוכהענדלער. מייק וואָס האָט זיך נישט געקענט פֿאַנאַנדערקלייבן, צי עס איז דאָ אַ צוזאַמענהאַנג צווישן ביידע אויפֿשריפֿטן, די כינעזישע און די ייִדישע, האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז די אויסטערלישע בוכשטאַבן באַלאַנגען צו אַ כישוף־שפּראַך.

ער האָט געעפֿנט די טיר פֿונעם טרעפֿן־הויז. פֿון אינעווייניק איז אַרויסגעקומען אַ געוויקסיקער ייִד אין אַ האַרטלעכן, רבנישן קאַפּעליוש. זיינע שוואַרצע באָרד און פּאות, געקעמט און געלאַקט, האָבן זיך צונויפּ־

געגאַסן מיט דעם קאָליר פון דער זײַדענער קאַפּאָטע, וואָס איז געלעגן נעט געפּרעסט אויף זײַן הויכער פיגור און דער קליידונג, און דעם אויס־זען, האָט מייק פאַרשטאַנען, אַז ער האָט באַגעגנט דעם, וועמען ער האָט געזוכט. ער האָט אים באַגריסט:

— העלאָו ראַבאַי!

— נישט קיין ראַבאַי — אַ שוחט! — האָט דער געוויקסיקער ייִד געשמייכלט.

— אייזיק שוחט?

— דאָס איז מײַן נאָמען.

—כ'גיי צו אײַך, אייזיק. געשיקט האָט מיך גאַספּערי דער בוטשער. איך קען אים... ס'איז וועגן מײַנע קאַטשקעס — האָט מייק אויסגעלאָדן אַ פול מויל מיט רייד — די עופות זײַנען פּלוצים קראַנק געוואָרן. די קרענק? רויטע פעדערן. און דאָ איז אַ פּאָר וואָכן צו דער קאָנפירמאַציע פון מײַן טאָכטער... ווי אַ שכן וויל איך פרעגן אַן עצה...

אייזיק שוחט האָט אין ערשטן אויגנבליק נישט געקענט פאַנאַנדער־נעמען מייקס רייד. ער איז בטוח געווען, אַז דער פאַרזאָרגטער שכן קומט מיט אַ שאלה און באַשלאָסן אים אָפּצושיקן צום רב.

— איך בין אַ שוחט. שכן. אויב אַ שאלה, מוסטו גיין צום ראַבאַי!

מייק האָט געוואָלט ווײַזן, אַז ער איז באַהאַוונט אין ייִדישקייט, ער ווייסט דעם אונטערשייד פון אַ ראַבאַי'ס אַמט און די אַרבעט פון אַ שוחט. ער האָט זיך צערעדט:

— כ'ווייס, אַז ווען מען האָט טראַבל מיט געשאָכטענע עופות גייט מען צום ראַבאַי... מײַנע קאַטשקעס לעבן נאָך. זיי זײַנען קראַנק. כ'דאַרף אַ הײַלער. אַ קענער אויף שטומע באַשעפענישן. גאַספּערי גלייבט אין אײַך, שוחט...

— וואָס איז די קרענק? — האָט דער שוחט פרעגנדיק אַפּירגע־לאָזט אַ געלאַקטע פּאה איבערן אויער, כדי בעסער צו הערן.

— רויטע פעדערן.

— שוין לאַנג ווי זיי האָבן רויטע פעדערן?

— הײַנט פאַרטאָג האָט מײַן ווײַב דערזען די פלעקן... און אײַנגע־שפּאַרט מענטש, אַ קאַנטיקער קאָפּ. אַבערגלויביעריש, זאָגט זי, אַז ס'איז כשוף... איך שריי ס'אַ קרענק...

דער שוחט האָט זיך געקווענקלט, צי ער זאָל אַרויספירן דעם פאַרזאָרגטן שכן אין זײַן שטוב, צי ער זאָל מיט אים ריידן אין גאַס. ער האָט גע־שטעלט אַ פּאָר טריט פאָרויס. מייק האָט געהיטן זײַן גאַנג. דער שוחט איז פאַרבײַ דעם כינעזישן רעסטאָראַן און דאָס ספרים־געשעפט. ביים עק בלאָק האָט אַרויסגעשײַנט דאָס שוי־פענסטער פון אַן אַנטיקן־געשעפט־עם האָבן אַראָפּגעגלאַנצט די גראַווירונגען פון אַ זילבערנער אַכט־רעריקער מנורה. ס'האָבן געפינקלט אָרנאַמענטן אויף קופּערנע טאַצן. נעבן טערקישע

שאלן, באדעקט מיט אויסקריצונגען, זיינען געלעגן אַלט־פראַנקישע בעקנס. און אינעם שימער פון אַ פּאָר מעשענע לייכטער האָט זיך געשפּיגלט אַ שטיק גאָס מיט געשעפטן, מיט פאַרבייגייער, מיט אויטאָמאָבילן.

דער שוחט, באַגלייט פון מייקן, איז שווייגנדיק אַפּגעגאַנגען אַ גאַנצן בלאָק. פון דערווייטנס האָט זיך אַרויסגעשניטן די עלעווייטאָר־באַן פון דער בויערי. געקייטלטע וואַגאָנען, ווי קינדער־צוגן, האָבן זיך פאַר־ביינגעיאָגט מיט אַ טראַסקעריי. הינטער דעם עלעווייטאָר האָט זיך אַרויס־געהויבן דאָס אַריינפאָר־טויער פון דער מאַנהעטן־בריק. אין גאַנג האָט דער שוחט לאַנג זיך געיִשובט, שטום אַנגעקוקט זיין באַגלייטער און דער־נאָך צו אים זיך אָנגערופן:

— האָסט געלייענט די ביבל?

— איך בין אַ פרומער קאַטאָליק, שוחט — האָט מייק זיך דערשפּירט דערהויבן פון דער פראַגע — די ביבל ליגט אויף מיין טיש יעדן זונטיק.

— אין דער ביבל שטייט, אַז ווען יעקב האָט זיך געגרייט צו פאַר־לאָזן לבנען, האָט ער געבעטן ביי דעם אַרמי, ער זאָל אים לאָזן פאַרמערן זיינע שאָף... לבן האָט אים די בקשה באַוויליקט. און וואָס האָט יעקב געטאָן? ער האָט אָרומגעשיילט און אָרומגעשניצט פייכטע שטעקעלעך פון טאַפּאָל און פון מאַנדלבוים, כדי זיי זאָלן ווערן געפלעקלט. און ער האָט די שטעקעלעך אַריינגעשטעלט אין די קאָריטעס און וואַסער־רינעס... און ווייטער שטייט אין דער ביבל, אַז עס איז געוועזן און די שאָף זיינען געקומען אין די קאָריטעס צו טרינקען און צו פּאָרן זיך, האָבן זיי זיך פאַרקוקט אויף די געפלעקלטע שטעקעלעך און עס איז געשען אַ וווּנ־דער — די לעמער, וואָס די שאָף האָבן געבוירן, זיינען אַרויסגעקומען געשטרייפטע, געשפּרענקלטע און געפלעקלטע...

דער שוחט האָט זיך אַפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט גע־וואָרט דער פאַרזאָרגטער שכן זאָל באַנעמען דעם מיין פון זיינע רייד און דערנאָך ווייטער געזאָגט:

— איך הער, אַז די פעדערן פון דיינע עופות זיינען אויך געפלעקט־טע... איז עס איינס פון די ביידע: אָדער מיט דיינע קאַטשקעס איז געשען דאָס וווּנדער פון דער ביבל, אָדער להבדיל זיי האָבן זיך געטונקן אין אַ וואַסער, ווו ס'רינט אַריין דאָס אָפּלויף פון אַ נאָענטן שלאַכט־הויז. אין מיינע אויגן לייגט זיך אויפן שכל דאָס צווייטע... מיט יעקבס לעמער האָבן געקאָנט פּאַסירן נסים. אָבער מיט דיינע עופות וועלן קיין וווּנדער נישט געשען. מיר לעבן אין אַ וואָכעדיקן, זינדיקן דור, שכן. עס קענען נישט פּאַסירן קיין נסים אויף מאַלבערי סטריט.

דער שוחט האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט מייקן און אַ שמייכלענדיקער געשפּאַנט צו דער בויערי. מייק איז געבליבן שטיין אין קווענקלעניש ווי אויף אַ שייד־וועג און נאָכגעקוקט דעם שוחט. אַ ווײַלע האָט ער גע־נאַפּט אין דער ריכטונג פונם עלעווייטאָר, ווו ס'האָבן זיך געיאָגט גע־

קייטלטע וואַגאָנען. ער האָט געגאַפּט אויפֿן אַריינפֿאָר־טויער פֿון דער מאַנהעטן־בריק, וואָס האָט זיך געהויבן ווי אַ פֿעסטונג און באַשלאָסן אהיים צו גיין. דער באַשלום האָט געהייסן אויפּמישן די שטעלן אין דער ביבל, ווו ס׳רעדט זיך וועגן יעקבס שאָף. דער באַשלום האָט געהייסן אַרויסטרייבן די קאַטשקעס פֿון הויף און נאָכשפּירן זיי אין וועלכן וואַסער זיי באָדן זיך.

די פיס האָבן אים געטראָגן פלינקער ווי רעדער. אין הויף האָט אויף אים געוואַרט דאָס ווייב **זשאַזעפינע מיט אַ פול מויל** זידל־ווערטער. מייק האָט אויף איר זיך נישט אומגעקוקט. ער איז אַריינגעלאָפן אין דער עופות־קאַמער. די קאַטשקעס האָבן געהאַלטן אינמיטן טונקען זייערע שנאָבלען אין דער שאָף מיט איינגעבראַקטס. מיט אַ האַנט־פלעסקערײַ האָט מייק אַרויסגעיאָגט די קאַטשקעס פון דער קאַמער. די עופות, איבערגעשראָקענע, האָבן מיט אַ געגודערײַ און פליגל־פּאַטשערײַ זיך צעשאָטן איבערן הויף. מייק האָט זיי געטריבן ווי מען טרייבט אַ סטאַדע. דערזעענדיק דעם מאַנס משוגעת, זײַן געיעג נאָך די עופות, האָט די צעטומלטע זשאַזעפינע צוערשט פאַרבראָכן די פּעטע, שמאַלציקע פינגער פון אירע אַנגעגאָסענע הענט און דערנאָך מיט אַ קוויטש זיך געקנייפּט די באַקן.

מייק האָט געטריבן די קאַטשקעס איינס באַיינס דורכן שמאָלן הויף־טירל. ווען זיי זײַנען שוין געווען אין גאַס, האָט ער זיי נאָכגעלאָזט און אָפּגעוואַרט אין וועלכער ריכטונג די עופות וועלן ציען.

די קאַטשקעס, באַפרײַטע, ווי פייגל פון אַ שטייג, האָבן זיך גענומען וויגן רעכטס־צו. אַרויסקומענדיק אויף קאַנעל סטריט האָבן זיי זיך אָפּגעשלעפּט אין בלאָק אַרויף. מייק איז זיי נאָכגעגאַנגען. דער פּאַראַד פון די עופות האָט אָפּגעשטעלט פאַרבייגייער. דער נייגעריקער אַנלויף האָט געגאַפּט, געטייטלט מיט די פינגער אויפֿן טרייבער און געלאָזט פאַלן שפּאַס־ווערטער. מייק האָט צוגענומען די שפּאַס־אויסרופן, ווי אַ קלאַון נעמט צו פּעטש און איז ווייטער נאָכגעגאַנגען. צווישן די לאַכעדיקע נאָכלויפער האָט ער דערזען שכנים פון מאַלבערי סטריט. זייערע קאָמישע פּנימער האָבן געהאַט שפּאַט־שמייכלען. עס האָט געשפּעט פון אים דער דיקער פריזירער. עס האָט זיך געטרייסלט פון געלעכטער דער כינעזישער רעסטאָראַטאָר. עס האָט געצויגן מיט די אַקסלען דער בוטשער גאַספּערי. אינמיטן טומל האָט דער פּאָליסמאַן אויפֿן ראָג פאַרהאַלטן דעם פּאַרקער.

כאָטש די טראַפיק־ליכט איז געווען גרין, האָט דער פּאָליסמאַן אָפּגעשטעלט די פאַרבײַפאָרנדע לאַסט־אויטאָמאָבילן דורכצולאָזן די קאַטשקעס אויף דער אַנדערער זייט גאַס. אים האָט דאָס זעלבע נאָכגעטאָן דער פּאָליסמאַן פון צווייטן בלאָק. מייק איז שוין געווען הינטער די עופות ביי עלען סטריט. פון דאָרט האָבן די וואַקלענדיקע קאַטשקעס זיך אַריינגעדרייט ביז הוסטאָן סטריט. זייער מאַרש איז צוגעגאַנגען ווי אויף אַן

אויסגעטראטענעם וועג — א וויגן זיך מיט די שווערע בייכלעך, א ליכט רודערן מיט די פליגלען. מייק האט פארזיכטיק מיטגעהאלטן דעם גאנג, שוין געהאט הינטער זיך עוועניו בי. דורכגעגאנגען שמאלע געסלעך, געדרייטע ליקעס, ביז די קאטשקעס האבן זיך דערשלעפט צו א פלאך, ליימיק שטיק ערד, וואס האט זיך געשפרייט ארום דעם איסט־ריווער.

די קאטשקעס האבן זיך צעשאטן איבער דער ליימיקער ערד און וואס ווייטער די פלאך האט זיך געצויגן, אלץ בלאטיקער איז זי געווען. די עופות זיינען צוערשט געבליבן שטעקן אין דער בלאטע ווי צוגעקלעפטע. דערנאך האבן זיי מיט א פליגל־פאטשעריי גענומען טאפטשען טיפער אין דער לאווע, וואס איז געווארן צעקראכענער, ווייכער, שיטערער ביז זי האט זיך פאנאנדערגעגאסן אין אן אומריינעם וואסער־סטאוו.

מייק האט זיך אפגעשטעלט פאר דער ליימיקער ערד. אין זיינע ברוינע פנים־קארבן איז גערונען א שמייכעלע. די אויגן האבן געצונדן לוסטיקע פייערלעך. דער פריילעכער גרימאס ארום די גראבע מויל־ווינקלען האט באשטעטיקט, אז דער שוחט איז א ביבל־קענער און א שטערנזעער, אז דאס נאכשפירן איז אים געלונגען. ער ווייסט פון וואנען די פלאג קומט.

מייק האט געכאפט איין קוק הינטערווייַלעכץ. נישט ווייט אויף א בערגל האט זיך געהויבן א גרויער שלאכטהויז. פון דעם אויבערשטן אריינגאנג־טויער האבן אויפגעבראכענע ראוון, ווי שמאלע קאנאלן, זיך געשלענגלט ביז אראפ צום סטאוו־וואסער. דורך די ראווען האט געשטראמט דער אומריינער אפלויף, וואס דאס שלאכט־הויז האט אויסגעשפיגן.

מייק האט געכאפט א צווייטן קוק פארויס און געזען ווי זיינע קאטשקעס טונקען די פעדערן אין דעם געדיכטן סטאוו־וואסער, וואס איז פול מיט רויטע ריטשקעלעך ווי א בלוטיקער טייך.

מייק האט מער נישט איבערגעקלערט. מיט צעשפרייטע הענט האט ער ארויסגעיאגט די קאטשקעס פונעם רויטן וואסער. זיין פייפעריי האט אונטערגעאיילט די צעטומלטע עופות. זיי האבן זיך געזאמלט ארום אים ווי א טשערעדע. אלדאס ווייטערדיקע האט דער מוח פלינק אויסגעפלאנט. ער וועט היינט אויסבאדן די עופות און מער זיי נישט ארויסלאזן פון הויף. ער וועט פעט מאכן זייערע בייכער, זיי זאלן ווערן א געשמאקער מאכל אויף אנדזשעלינאס יום טוב.

טרייבנדיק די עופות אויף צוריקוועגס האט מייק לוסטיק זיך אונטערגעברומט. אין די אויערן האט גערוישט א סיציליאנער מעלאדיע. די ניו יארקער אלטע גאסן האבן איצט פריילעך געשעפטשעט. די פענסטער פון די הויכע, אומעטיקע הייזער זיינען פול געווען מיט זון־ליכט. די שווערע רעדער פון די לויפנדיקע לאסט־טראקס האבן אונטערגעטענצלט.

אינעם ווייספער פון די בוימער אויף עלען סטריט און אין דער טראַס־קעריי פון די עלעוויטאר־באנען אויף דער בויערי האָט מייק געהערט דאָס געווימל פון שטילע, פריילעכע טענער.

ער איז צוגעקומען צו מאָלבערי סטריט. ער האָט געבענטשט דעם שוחט וואס קען די ביבל פון אויסנווייניק. ער האָט רחמנות געהאַט אויפן ווייב, וואָס ליידט פון אַבערגלויבנס און געשפּעט פון דעם בוטשער גאַספּערי, וואָס האָט געמיינט, אַז ער וועט אויסנאַרן פאַר שפּאָט ביליק זיינע קראַנקע עופות.

ניו יאָרק, 1944

דער טעפּיך פון מזלות

I

ביים אַרײַנפֿאָר צו דער מאַנהעטן־בריק, ווו דער הויכער, באוואַקסענער בעטלער אַלבערטאָ דע קאַרלאָס האָט געהאַט זײַן טעגלעכן שטייפּלאַץ, האָט די האַרבסט־זון האַסטיק זיך גענומען זעצן.

די פֿלאַמיקע שקיעה־פֿײַערן, וואָס פֿאַרברענען דאָס טאָג־ליכט און בײַטן דאָס פּנים פֿון באַשאַף, האָבן אויך געביטן דעם געמיט־צושטאַנד פֿון דעם בעטלער, וואָס האָט איצט אײַלנדיק פֿאַרלאָזט זײַן שטייפּלאַץ. דאָס שפּלות־געפֿיל פֿון אַ שנאָרער איז, מיט דעם אָנקום פֿון דער נאַכט, איבערגעגאַנגען אין דער געהויבענער שטימונג פֿון אַ פּרינץ. ער וואָלט אפֿילו פֿון פּרימאָרגן אָן זיך געפֿילט פֿײַערלעך, ווען נישט די באַליידיקונגען וואָס ער איז זיך הײַנט אויסגעשטאַנען.

דרײַ פֿעלערן איז ער באַגאַנגען אין דעם קילן, לויטערן אָקטאָבערטאָג. ער האָט אָקעגן גערעדט אַ פּאָליסמאַן, וואָס האָט געהאַט די פֿליכט אָפּצורוימען דעם בלאָק הינטער דער בריק פֿון פֿאַרדעכטיקע פֿאַרשוינען. ער האָט געשאָלטן אַ קאַרגע פֿאַרבײַגייערין, אַ רײַכע דאַמע און ער האָט זיך געשלאָגן מיט אַ קאָנקורענט, אַ וואַנדערנדיקן שנאָרער. דער פּאָליסמאַן האָט אים געשאָנקען, אָבער געצוווּנגען אים זיך אָפּצוטראָגן פֿון דעם מזלדיקן ראָג. די קאַרגע דאַמע האָט אים געוואָלט שלעפּן אין געריכט. און דער שנאָרער, דער קאָנקורענט האָט געסטראַשעט אויפֿצודעקן פֿאַר דער וועלט, אַז זײַן הינקענדיקער פֿוס איז אַ שווינדל און זײַן אַרויסרופֿן רחמנות איז אַן אומפֿאַרגעבלעכער פֿאַרברעכן.

אַלבערטאָ דע קאַרלאָס איז די דרײַ געפֿאַרן בײַגעקומען. עס האָט זיך געפֿאָדערט די געניטקייט פֿון אַן אַקטיאָר אָנצופֿירן דעם טעגלעכן קאַמף פֿאַר דער שפּלותדיקער באַשעפֿטיקונג. און עס איז נויטיק געווען די דורכגעטריבנקייט פֿון אַ שוואַרץ־קינצלער צו פֿאַרבלענדן די פֿאַרהאַרטעוועטע דורכגייער און אין דער זעלבער צײַט צו האַלטן אַן אויג אויף די דעטעקטיוון, די מענטשן־יעגערס וואָס שנאַפּן נאָך גנבים, אַפּנאַרער און פֿאַרברעכער.

באשאנקען מיט אויסדויער צו שפּילן אויף מענטשלעכע שוואַכ־קייטן, האָט אַלבערטאָ דע קאַרלאָס אויך דאָס מאָל אויסגעפּולט זיין טאָג אָן ערנסטער שטרויכלונג. דער לויטערער זוניקער טאָג, ווי אַ גע־פּלאַצטער באַלון, איז געווען אויסגערונען און געוואַרט אויף אים האָט אַ ניו יאָרקער נאַכט, אַ נאַכט וואָס איז פול מיט אָנגעצונדענע הימל־ליכט, מיט מזלות און האַפּן־אַוואַנטורעס.

פונם שטיי־פּלאַץ ביי דער מאַנהעטן־בריק איז אַלבערטאָ דע קאַרלאָס הינקענדיק אַרויסגעקראָכן אויף אַ שייד־וועג. פון דאָרט האָט ער אַריינ־געדרייט אין אַ זייטיק געסל, פול מיט גאַראַזשן. אין עק געסל איז גע־שטאַנען אַ פריש־געפאַרבטע גאַזאָלין־סטאַנציע. דער מאַן ביי דער גאַ־זאָלין־פּאָמפּע האָט אים פאַרדעכטיק נאָכגעקוקט. דער בעטלער איז פאַר־זיכטיק דאָס אָרט פאַרבייגעהינקען און מיט געציילטע שפּרייזן איז ער באַלד געשטאַנען הינטער אַ פאַרויכערטער ציגל־מויער, וווּ אַ געדרייטע טרעפּ האָט געפירט אַרויף צו זיין ענגן שטיבל.

אינעווייניק, אין שטיבל זיינען אַלע פאַרהוילעניש אָראָפּגעפאַלן. דער גרים פון אַלבערטאָ דע קאַרלאָסעס פּנים האָט זיך אָפּגעטאָן. דאָס דריי־קאַנטיקע צימער האָט אויסגעזען ווי אַ נאָכלעסיקע אַקטיאָרן־גאַר־דעראָבע. ער האָט געמאַכט ליכט. די קליידער־שאַפּע איז געשטאַנען אָפן, אויף דער שמאָלער סאָפע זיינען געלעגן אָנגעוואָרפן עטלעכע פּאָר גע־פּרעסטע הויזן, אַ פּראַק און שטייפע געקראָכמאַלעטע באַל־העמדער. שרייענדיקע, קאָלירטע שניפּסן זיינען געווען צעהאָנגען אויפן ווענטל פונעם אייניציקן שטול. פאַר דעם טואַלעט־שפּיגל זיינען געווען אָנגעלייגט שאַכטלעך פּודער, פלעשלעך מיט שאַרפן אָדעקאָלאָן בערשטלעך, קעמ־לעך און ווייסע וואַזעלעך קרעם צו פלעגן און גלעטן די הויט פון איידעלע אַריסטאָקראַטישע געזיכטער.

אַלבערטאָ דע קאַרלאָס האָט אויסגעטאָן זיין בעטלער־אויסזען ווי מען טוט אויס אַ מאַסקע. נאָכן באַפרייען זיך פון די צעלעכערטע קליי־דער, האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון קאָפּ דעם פרעמדן פּאַרוק, דערנאָך אַראָפּגעריסן די דיקע ברעמען און אָפּגעווישט די שווינדזוכט־פלעקן. דאָס קאַווע־הויטיקע פּנים, פריי פון דעם קאַלטונעוואַטן בערדל, איז איצט געוואָרן צאַרט און גלאַנציק און איבער דער אויבערשטער ליפּ האָט זיך אַנטפּלעקט ווי אַ זיידן שנירל, אַ פּאַסיקל וואָנצע. עטלעכע גוטע פינגער־מאַסאַזשן איבער דעם מאָגערן קין און אַרום די אויגן־וויעס האָבן צוגעגע־געבן זיין טונקל געזיכט די אָריענטאַלישע איידלקייט פון אַן אויסגע־צערטלטן אינדישן מאַהאַראַדזשאַ.

אַלבערטאָ דע קאַרלאָס האָט אין איילעניש זיך איבערגעטאָן.

מיט די געמאָסטענע שטריף־הויזן און געפּרעסטן פּראַק אויף זיך, די לאַק־שיך מיט נעזער אויף די פיס און אַ טאָניק־פריזור אויפן קאָפּ, האָט ער זיך געשטעלט אין שפּיגל. די ליפּן האָבן געשמייכלט. עס האָט

אים אימפּאָנירט די אייגענע פאַרוואַנדלונג. די אויגן האָבן עטוואָס פרעמדלעך געקוקט אויף דעם צויבער־מאַן אין דעם געשליפענעם גלאָז. אָבער דער צויבער־מאַן האָט זיך פאַרנויגט און געלאַכט אויף אַלע ציין:

— אַלבערטאָ דע קאַרלאָס, איצט ביסטו דאָס אור־אייניקל פונעם פּאָרטוגעזישן רייזנדן מאַגעלאַן. ביזט דער יורש פונעם געוואַגטסטן ים־זעגלער אין דער געשיכטע — געוואַגטער פון קאָלאָמבוסן. ווי אַ פּאָר־טוגעזישער פּאַטריאָט איז דיין אויפגאַבע איצט אַרויסצונעמען מאַגע־לאַנען פון דער פאַרגעסנקייט און אים צוריקברענגען זיין גלאָריע. און דאָס דאַרפסטו טאָן וואָס גיכער. פאַרלאָז דאָס ענגע צימער אַלבערטאָ! אינדרויסן וואַרט אויף דיר די ריזיקע האַפן־שטאָט ניו יאָרק. די שטאָט איז אַ פּאַלאַץ און אירע גאַסן זיינען פאַרביקע טעפּיכער. דו וועסט שפּאַ־נען איבער דעם טעפּיך פון מזלות.

ער האָט פאַרלאָזט דאָס צימער.

אַ פלינק שפּרינגען איבער דער געדרייטער טרעפּ, דערנאָך אַ האַס־טיק שפּרייזן פאַרביי פינף טונקעלע בלאָקן האָבן אים אַרויסגעפירט אויף אַ קוים־באַלויכטענעם סקווער, וווּ עס האָט זיך געצויגן אַ לאַנגזאַמער פאַרקער.

אַלבערטאָ דע קאַרלאָס האָט גערופן אַ טאַקסי. ער איז געפאָרן צום האָטעל „דער גאָלדענער אַנקער". דאָס אָרט, וווּ עס קומען זיך צונויף די געקליבענע פּלאַט־מאַנשאַפטן פון די פּאָרטוגעזישע שיפן, וואָס זיינען פאַראַנקערט אין ניו יאָרק. אין דעם וואַרט־זאַל פון האָטעל דאַרף זיצן קאַרמען פאַנטעז, אַ טענצערין פון אַ ניו־יאָרקער נאַכט־קלוב. זי דאַרף וואַרטן אויף אים ווי מען וואַרט אויף אַן ענטוזיאַסטישן געליבטן. די טענצערין, אויסגעשעפּט נאָך זעקס טעג אַמוזירן די רייכע לידיק־גייערס, וועט היינטיקן אָוונט זיין הונגעריק נאָך זיין אונטערהאַלטונג. זי וועט הערן זיינע ליבע־אַנבאָטן, וואָס אַנטציקן ווי לידער, זיינע ליגנס, וואָס באַגייסטערן ווי תפילות.

קאַרמען פאַנטעז האָט נישט געוווּסט פון זיין דאָפּלט לעבן — ביי־טאָג אַ בעטלער און ביינאַכט אַן אויסגעחלומטער פּרינץ פון די ימען. פאַר איר און פאַר געציילטע פון דער פּאָרטוגעזישער פּלאַט־מאַנשאַפט האָט עס געהייסן, אַז ער איז אַ רייכער יורש פון ליסאַבאָן, אַן אויס־געדוכטער ייִד, אַן אייניקל פון מאַראַנען, וואָס וווינט אין ניו יאָרק. ער באַשעפטיקט זיך מיט האַזאַרד־שפּילן. ער נעמט אָן געוועטן אויף פערד־געיעגן און שאַרט אוצרות.

אַלץ וואָס קאַרמען פאַנטעז האָט געוווּסט איז, אַז ער האָט איר צוגעזאָגט אַ לעבן פול מיט אַוואַנטורעס, פול מיט געפאַרן, אַ לעבן אויסער יבשה, ווו מענטשן זיינען ברוטאַל פונקט וויא די פּיראַטן אויף די שאַק־לענדיקע ים־כוואַליעס. זיי פאַרלירן גאַטס פורעם און אין אַ נויט מישן זיי גרויזאַמקייט מיט רחמנות, פאַרצווייפלונג מיט באַגייסטערונג.

אזא לעבן האט אלבערטא דע קארלאס צוגעזאגט זיין געליבטע. נישט קיין יאכט־שיפן און נישט קיין פאלאצן, נאר אן ארעם, צעשלאגן שיפל, ווו פארלארענע, פארהונגערטע רייזנדער הוידען זיך טאג און נאכט צווישן הימל און ערד און ווארטן א נס זאל זיי ראטעווען. און צוגעגרייט זי צו אזא לעבן האט ער דערפאר, ווייל ער האט זיך ארומגעטראגן מיט א חלום אויפצולעבן דעם נאמען פון דעם פארטוגעזישן לאנד־אנטדעקער מאגעלאן, וואס איז פארטונקלט געווארן דורך קאלאמבוסן. די וועלט איז פול מיט געשיכטעס וועגן קאלאמבוסעס גוט־באשיצטער רייזע. אבער וואס ווייס מען פון זיין אור־זיידע, דעם געוואגטן פישער מאגעלאן, וואס איז אין דינסט פון שפאניע, ארומגעשווומען דעם געפערלעכן טונקעלן דורכגוס ארום די ברעגן פון דרום־אמעריקע, האט דערגרייכט דעם שטילן אקעאן און צוגעקומען ביז דעם פאנאמא־ערד־פאס?

מאגעלאנ'ס עקספעדיציע איז געווען העלדישער פון קריסטאפאר קאלאמבוסעס. קנאפע הונדערט טעג האט ער געזעגלט איבער דעם וויסטן אקעאן. די מאנשאפט איז געווען קעגן אים. די מאטראזן זיינען קראנק געווארן אויף סקארבוט. דאס גאנצע שפייז איז באשטאנען פון פוילע סוכארעס. מען האט געכאפט שטשורעס, געביסן קי־פעל און געקייט זעגשפענער צו שטילן די יסורים פון הונגער. אין אזא צושטאנד האט די עקספעדיציע דערגרייכט ביז צו די לאדראנען, ביז צו די פיליפינען. דארט איז געווען איינשטעל, גבורה, געפאר, בעת קאלומבוסעס רייזע איז געווען געשיצט. זיין זעגל־קאנוואי האט זיך געשלעפט מיט געמאסטענער געלאסנקייט. זיינע שיפן זיינען געווען אנגעלאדן מיט אלדאס גוטס. אין זיין דינסט — א געניטע מאנשאפט. און אויסער אלץ איז די אונטערנעמונג אונטערשטיצט געווארן פונעם שפאנישן קעניגלעכן הויף.

אלבערטא דע קארלאס האט נישט באנומען פארוואס קאלומבוס איז געבליבן די אינטריגירנדיקע פיגור פון דורות. די געשיכטע־שרייבער האבן נאך נישט אפגעשטעלט דעם דיספוט צי ער איז געבוירן געווארן א ייד, א שפאניער צי אן איטאליענער. פארשער ווילן אויפווייזן, אז ער איז געווען א שפאנישער מאראן, פונקט אזוי ווי ער, אלבערטא קומט אויך פון א הויז פון אנוסים. איז דאס וואר צי חלום? דער זוכער פון דער נייער וועלט האט זיך געקענט מיט יידישע פינאנסיסטן. זיין עקספעדיציע איז באגלייט געווארן פון יידישע ראטגעבער. לואיס דע טארעז, דער ערשטער ווייסער מענטש, וואס איז ארויף אויפן ברעג, איז געווען א ייד און לאנג פאר אים האבן צוויי יידן גבריאל סאנטשעז און לואיס דע סאנטאבעל זיך געמיט ביי דער קעניגן איזאבעלא, זי זאל העלפן די עקספעדיציע פון דעם אוואנטוריסטישן נאוועגאטאר.

אלבערטא האט געוואלט מעסטן זיין אייגנעם, פארשעמטן שטאלץ מיט דעם יידישן אפשטאם פון קאלומבוסן. קיינער האט נישט פרובירט

פֿאַרשן צי זיין זיידע מאַגעלאַן קומט פֿון די בני אברהם יצחק ויעקב, אָבער וועגן קאָלומבוסעס אבות גריבלען זיך געלערנטע. און וואָס פֿאַר אַ ייִד האָט שוין איזאַבעלאַס קנעכט געקענט זיין, אַז ער האָט געפֿירט זיין עקספּעדיציע מיט דעם געלט, וואָס איז קאָנפֿיסקירט געוואָרן פֿון די אַנוסים? דאָס רייכטום איז צוגערויבט געוואָרן, דורך דער שפּאַנישער קרוין, פֿון די קרבנות פֿון דער אינקוויזיציע און קאָלומבוס, דער ייִד האָט דאָס רייכטום פֿאַרשווענדט אויף די זיבן ימען. אָבער ער, אַלבערטאָ, — דער אויסגעדוכטער צי ווירקלעכער ייִד — האָט געהאַט אַ זיידן מאַגעלאַן, וואָס האָט נישט געבעטלט קיין שטיצע ביי קעניגן. ער איז געווען דער קאַפּיטאַן אָן אַ טיטול, דער פֿאַרשוויגענער גראַנד־אַדמיראַל, וואָס איז דורכגעשוואומען אַלע געפֿאַרן און אַרומגעקרייזט אַלטע קאָנטינענטן, אַבי צו דערגרייכן דעם שטילן אָקעאַן און עפֿענען פֿאַר דער וועלט נייע לאַנד־פֿאַסן.

וואָס הייסער אַלבערטאָ דע קאַרלאָס האָט געשפּונען זיינע פֿאַרלאַנגען, אַלץ שטאַרקער איז ער מיטגעריסן געוואָרן פֿאַר די פּלענער אָפּצודינען זיין זיידע, וואָס איז איצט פֿאַרגעסן. דעם נאָמען מאַגעלאַן, וואָס די אַמאָליקע שפּאַניער האָבן געמאַכט טויט, דאַרף מען אַרויסנעמען פֿון דער פֿאַרגעסנקייט און צוריקברענגען צו דער ערשטער גלאָריע.

ער האָט נישט געזען קיין ווידערשפּרוך צווישן זיין טעגלעכער שפּלות'דיקער באַשעפֿטיקונג און זיין הויכער אויפֿגאַבע. זיין פֿאַרגענגלעכער לעבן האָט אַ מיסיע, דערפֿאַר פֿירט ער אַזאַ אויסטערליש, דאָפּלט לעבן. בייטאָג אַ הוילער, פֿאַרשטויסענער גאַסן־בעטלער אין ניו־יאָרק, וואָס וויל אָנזאַמלען אַן אוצר און ביינאַכט אַן אַריסטאָקראַט, אַ פּאַטריאָט, וואָס זוכט זיך אויסצומישן מיט דעם זעמל־מעל פֿון פּאָרטוגעזישן פֿלאָט. מיט דעם אָנגעזאַמלטן אוצר און מיט דער פֿריינטשאַפֿט פֿון די פֿלאָט־קאָמאַנדירן, וועט ער זיך רוימען אַ וועג צום ציל.

מיט די פּלענער האָט אַלבערטאָ דע קאַרלאָס אויך אָנגעשטעקט די טענצערין קאַרמען פּאַנטעז. ער האָט פֿאַר איר נישט אויסבאַהאַלטן די מלחמה, וואָס ער וועט דאַרפֿן פֿירן מיט די זאַטע, צופֿרידענע קאַפּיטאַנען וואָס קאָנטראָלירן די ימען. ער האָט נישט אויסבאַהאַלטן די געפֿאַר וואָס זיינע אונטערנעמונגען קענען באַגעגענען. ער וועט אפשר פּונקט ווי זיינע אבות, מוזן זעגלען אויף רויב־שיפֿלעך, גנבענען וואַסער־גרענעצן, אַנטדעקן נייע לאַנד־פֿאַסן.

ווי אַן איינשטעלער וואָס וואַרט צום סוף אויף זיין באַלוינונג, האָט ער געזוכט איר הילף. ער האָט געפֿאָדערט פֿון איר אָפּפֿערווילִיקייט. קאַרמען, די פֿאַרליבטע קאַרמען האָט אַלץ נאָכגעגעבן... ער האָט זיך געוואַרעמט מיט אירע צוזאָגן. איר שיינקייט האָט אים געשטויסן צו גלויבן אין אויסטערלישקייטן. און אין שעהן פֿון באַגייסטערונג האָט ער פֿאַר איר אויסגעוועבט גאָבעלינען מיט חלומות.

II

די טענצערין איז געזעסן אין דעם ווארט־זאל פונעם „גאלדענעם אנקער” און געווארט אויף אלבערטא דע קארלאס, מיט דער אויפגערעגטקייט פון א פאסאזשיר אויף א וואקזאל, וואס ווארט אומגעדולדיק אויפן אנקומענדיקן צוג. זי איז נישט איינגעזעסן אין דעם טיפן, ווייכן פאטעל. זי האט זיך געדרייט איבער דעם טעפיך־געדעקטן דיל, אומרואיק פארביי־גענאנגען איין וואנט־שפיגל און א צווייטן. ביים דריטן שפיגל, צווישן צוויי ווינקל־זיילן האט זי זיך אפגעשטעלט און איילנדיק באטראכט איר אויסזען. דאס אפבילד איז געווען אין פולן רייץ. דער ברייט־ראנדיקער שפאנישער הוט, ווי א פאראסאל, האט צוגעדעקט דעם שיינעם קאפ ביז איבערן נאקן. די אפערשטארצנדיקע זיידענע לעקעלעך האר זיינען געפאלן ווי ראלעטן איבער אירע קליינע אויערן, דאס מויל שארף. נישט ווייניקער שארף זיינען געווען געשניטן די וויעס פון אירע גרויסע, ברוינע סארנע אויגן. די דינע נאז ארויסגערוקט ווי א געשניצט ביינדל. דאס אוואלע געזיכט — באדעקט מיט אן אליוון־מאטקייט און פון די אויערן־לעפלעך האבן אראפגעבאמבלט קיילעכדיקע רייפן־אויערינגען, שווערע ווי בראסלעטן.

און ווי זארגפעלטיק עס איז געווען געפלעגט און געשווינט איר פנימל, אזוי געשמאקפול און ארויסרופעריש זיינען אויך געלעגן די קליידער אויף איר געשניטענער פיגור — אלץ איז געווען אפגעמאסטן. דאס שארלאד־רויטע קלייד, לויז אין די אקסלען און ענג איבער די היפטן, איז געווען פארפוצט מיט אויסגעשטיקטע סאמעט־שפיצן ארום די ארעמס. דער דינער, באגילדטער פאסעק איבער דער טאליע האט שימערירט און זיך לייכט געגלעקלט ביים גיין. די לאנגע הענטשקעס ביז צו די עלענבויגנס האבן נישט פארפעלט אונטערצושטרייכן איר עלעגאנץ. אירע שמאלע לאנגע שיך מיט די גאר הויכע אפצאסן האבן צוגעגעבן דער טענצערין דעם וויגענדיקן באלאנס פון א געשיקטער דראטן־גייערין.

די טענצערין האט אויפגעהערט צו שפאנען איבער דעם דיקן, האריקן טעפיך. דאס ריטמישע שטעלן די טריט האט גיכער זי מיד געמאכט, איידער באוראיקט. איר צעטומלטקייט האט נישט געארט די איינצלנע געסט אינם ווארט־זאל. עס האט אפילו נישט געוועקט די אויפמערקזאמקייט פון צוויי פלינקע, שווארצע געפעק־טרעגער און פונעם מונדירטן טיר־מאן, וואס האט אכטונג געגעבן אויף די ליכט־סיגנאלן פון דעם עלעווייטאר.

קארמען פאנטעז האט אלץ געקוקט צום ארויסגאנג, ווי די גרויסע, עלעקטרישע שילד איז געווען אילומינירט מיט הענגענדיקע באלון־לאמפן. די באוועגלעכע שויבן־טיר האט זיך געדרייט ווי א ווינטמיל, אריינגעלאזט

און אַרויסגעלאָזט איילנדיקע האָטעל־געסט. אַ האַלבע שעה שפּעטער, האָט
אין אַריינגאַנג זיך באַוויזן אַלבערטאַ דע קאַרלאָס.

זי איז אים אַנטקעגן געגאַנגען מיט פרייד. ווי שטומע פאַרליבטע
האָבן ביידע זיך אַריינגעזעצט אין אַ טיפער, רויטער סאָפע צווישן די
ווינקלזיילן. קאַרמען האָט געשיינט. איר שטיל געלעכטער האָט זיך גע־
גלעקלט ביים באַגריסן.

— גוטן אָוונט, מיין פּרינץ.

— נישט קיין פּרינץ, קאַרמען. אַ ים־פּיראַט — האָט אַלבערטאַ אָנ־
געוויזן אויף זיך — אַ ווילדער ים־פּיראַט, וואָס גייט דערקלערן קריג אַלע
געזעצלעכע שיף־קאַפּיטאַנען.

די טענצערין האָט אָראָפּגעצויגן איין הענטשקע און האָט צוגעלייגט
איר צאַרטע, ווייסע פינגער צו אַלבערטאָס גלאַטער באַק.

— אַ פּיראַט? — האָט זי געלאַכט — אַן אמתער פּיראַט? אין דיין
פּנים איז נישטאָ קיין שפּור פון קאָמפּסלוסטיקייט. און אין דיין באַקליי־
דונג קוקסטו נישט אויס ווי אַן אָנגרייפער.

— כ'בין ערגער ווי דאָס, קאַרמען. כ'בין אַ פאַרברעכער אין אַ
פראַק, אַ רויבער אויף די ימען...

קאַרמען האָט געשמייכלט פון די איבערטרייבונגען און געגלעט זיי־
נע האָר.

— דיינע הייסע אויגן, אַלבערטאָ, רעדן מיט געוואַגטקייט אָבער אַן גע־
פאַר. דיין קין און ליפּן קוקן אויס אַנטשלאָסן, אָבער אַן צו דראָען עמיצן...
דו ביזט האַרט, מענלעך, אָבער נישט ברוטאַל. און דו וועסט היינט קיי־
נעם קיין קריגס־דערקלערונג נישט איבערגעבן...

— צוליב דעם בין איך געקומען, קאַרמען, צוליב ❧ קריגס־דערקלע־
רונג.

— עס וווּנדערט מיך דיין טאָן, אַלבערטאָ. ס'איז היינט מיין פרייער
טאָג, און כ'באַשטיי אויף אַ בעסערער שטימונג. דיין באַגריסונג איז
קאַלט און דיין שפּראַך שטרענג... און נישט אַזוי האָסטו גערעדט, ווען
כ'האָב דיך צום ערשטן מאָל דערקענט.

— נישט אַזוי? — האָט אַלבערטאָ דע קאַרלאָס אַ שמייכל געטאָן.

— ניין, רויבער פון די ימען. האָסט אינגאַנצן נישט גערעדט. ביזט
געווען שטום ווי אַ ספינקס. האָסט גרויזאַם געשוויגן. און דיין שווייגן
האָט מיך אינטריגירט. געדענקסט, אַלבערטאָ, ווי דו האָסט אָנגעהויבן
אַריינצוקומען אין דעם קליינעם בורלעסק־טעאַטער, „לוקסאָר"? ביזט גע־
קומען יעדן פרימאָרגן, האָסט זיך אַוועקגעזעצט אין דער ערשטער רייע,
צו קענען בעסער באַטראַכטן מיינע טאַנצנדיקע פיס. ביסט אָבער געזעסן
ווי אַ מאַנעקען און ברוטאַל געשוויגן. קיין איין ווייכער אויסדרוק אויף
דיין האַרטן, מעלאַנכאָלישן פּנים. מיין טאַנצנדיקער קערפּער האָט זיך
געוואָרפן אין קאָנוווּלסיעס. מיינע שלאַנגען־אָרעמס האָבן הייס געמאַכט

די לופט. די שיינע פּיס האָבן געצאַפּלט און געצונדן דעם דיל. עלטערע, פּליכעוואַטע מענער האָבן באַגייסטערט אַפּלאָדירט. יונגע פאַרערער האָבן צעלאָזן געשריען, געווינקען, באַשטעלט קערפּער־באַוועגונגען לויט זייער געשמאַק. אָבער דו, גרויזאַמער, האָסט פאַרברעכעריש געשוויגן...

— האָב איך געשוויגן, קאַרמען?

— און נאָך ווי! דיין שווייגן האָט מיך משוגע געמאַכט. דיין גלייכגילטיקייט, ווען דו ביסט געזעסן אַזוי נאָענט צו דער בינע קעגנאיבער מיר, דיין שטומקייט, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין גרינגשעצונג און פאַראַכטונג האָט ביי מיר געוועקט צווייפל אין מיין ווייבליכער מאַכט און איך האָב זיך גענומען נאָכפרעגן ביי די טיר־שטייערס: ווער איז דער באַזוכער, וואָס קומט זען נאַקעטע קערפּער־שיינקייט און באַצאָלט מיט אומפריינטלעכקייט? קיינער האָט דיך נישט געקענט. נאָך צוויי וואָכן פּייניקן זיך, האָב איך באַשלאָסן אויסצופירן מיינעם אַן איינפאַל... כ'בין אַראָפּ פון דער בינע און זיך געלאָזט איבערן זאַל, אַ טאַנצנדיקע. כ'האָב געטאַנצט צווישן די רייען. כ'האָב זיך געריצט מיט די צושויער. כ'האָב געוואָרפן האַנט־קושן בלויז צו די אויסדערוויילטע. אַזוי וויגנדיק מיט די היפטן, אַזוי קלינגענדיק מיט די קני־בראַסלעטן האָב איך זיך לאַנגזאַם צוגערוקט צו דיין זיץ־אָרט. כ'האָב אָפּגעמאַכט מיט איין באַוועגונג ביי־צוקומען דיין איגנאָראַנץ און ברעכן דיין ווידערשטאַנד... כ'האָב צו־געלייגט מיינע הייסע פינגער צו דיין קאַלטן שטערן און אַלבערטאָ, שוואַכער אַלבערטאָ — ביזט אָפּגעבריט געוואָרן...

— ביסט גלענצנד, קאַרמען! קענסט ענטוזיאַסטיש דערציילן! — האָט אַלבערטאָ דע קאַרלאָס הילכיק געלאַכט — אָבער צו וואָס דערמאָנסטו פאַר מיר דאָס אַלץ היינט, ווען איך קום דיר דערמאָנען צו דערפילן אַ פליכט?

קאַרמען פאַנטעזעס ברוינע סאַרנע־אויגן האָבן געלאַכט. איר קליין מויל, געפלעקט אויף ווײַנשל־רויט, האָט זיך צעעפנט ווי אַ מאָן־בלימל און געשאָטן מיט רייד:

— דו ביסט געווען מיין ערשטע דעראָבערונג, אַלבערטאָ. און אויב כ'זאָל, נאָכפאָלגנדיק דיך, ריידן אין דער שפּראַך פון אַנגריף, איז דאָס געווען מיין גרעסטער פאַנג צווישן שטאַרקע, איינגעשפּאַרטע מענער. די געווונענע שלאַכט האָט אָבער געבראַכן מיין קאַלטקייט. פון איינע וואָס רייצט אַנדערע, בין איך אַליין געוואָרן גערייצט. כ'האָב דיך ליב, אַלבערטאָ. כ'האָב דיך הייס ליב! און אויב דו ווערסט מיר היינט הייסן — צוליב אַ פליכט — צו גיין דעראָבערן אַ מאַן, אַ לאַנגווייליקן מאַן, אַן אָפּשטויסנדיקן מאַן, וואָס האַלט אַ הויכן אַמט — וועל איך געהאָרכזאַם גיין. כ'וועל גיין נישט פרייוויליק. כ'וועל גיין, ווייל דו שיקסט מיך. וואָלט איך דיך נישט געפאָלגט ווי אַ דינסט, אַלבערטאָ, וואָלט איך זיך קעגנגעשטעלט צו אַזאַ פאַרלאַנג. זיי עקלען מיך, זיי אַלע! פון אַ באַשיידענעם מאַטראָז ביז דעם וואָס האָט אַ ראַנג פון אַן אַדמיראַל. כ'האָב די געפּוצטע

אויסוואָרפן געהאַט צווישן די געקליבענע צושויער, ווען כ'האָב געטאַנצט אין בורלעסק. געגוג אַפּט האָב איך דיר דערציילט פון מיינע באַוואונדערער...

— האָסט דערציילט קאַרמען, האָסט דערציילט — האָט אַלבערטאַ גוטמוטיק באַשטעטיקט.

— כ'געדענק. איינער איז געווען דער דינסטיקדיקער צושויער. אַ קליינער מאַן, אַ פעטער מיט זיבן איינצלנע האָר אויפן קאָפּ. ער פלעגט זיך זעצן, פונקט ווי דו, אין דער ערשטער רייע, אַבער גלייך קעגנאיבער די פוס־ליכט, און שטענדיק, ווען כ'האָב פאַרענדיקט מיין לעצטן טאַנץ, האָט ער זיך איבערגעבויגן איבער דער בינע און מיר דערלאַנגט אַ קוישל מיט רויטע עפּל. ער האָט דאָס געטאָן ווי אַ געבוירענער אַקטיאָר, עלעגאַנט און ריטערלעך. ער האָט פון מיר גאָר נישט פאַרלאַנגט. נישט גערעדט, נישט געמאַכט קיין אויסרופן, נישט געווינקען. אָט דעם אויס־דרוק זיינעם פון באַוואונדערונג האָט ער מיר צוגעטיילט פּינקטלעך יעדן דינסטיק. נאָך אַ צייט בין איך מיד געוואָרן פון זיינע רויטע עפּל און פון די זיבן איינצלנע האָר אויף זיין קאָפּ און כ'האָב די מתנות מער נישט צוגענומען... דעמאָלט איז די רואיקייט פון דעם גלאָסענעם באַוואונדערער אַוועק. זיין העפליכקייט איז פאַרשוווּנדן. אוים פּראָטעסט האָט ער גע־נומען פייפן, שרייען און געשפּיגן אויף דער בינע מיט שטיקער קיי־גומי... אַבער אים האָב איך נישט געקענט פאַרגלייכן מיט אַ צווייטן איינגעשפּאַרטן פאַרערער, וואָס פלעגט באַזוכן דעם בורלעסק־טעאַטער יעדן פרייטיק. געדענקסט אים, אַלבערטאַ? יענער איז געווען אַ הויכער אין אַ טונקל־בלויער מאַנטילאַ, מיט אַ ברייטן צעפלויגענעם שניפּס, ווי עס טראָגן שפּאַנישע הויף־מוזיקאַנטן. ער האָט געהאַט אַ פּנים, געלעכערט פון פּאָקן און אַ פול מויל מיט גאָלדענע ציין. זיין מתנה איז געווען פון באַזונדערן ווערט. אַ פלאַקאָן עכטן פראַנצויזישן פּערפום. איין פרייטיק איז צו זיין פלאַקאָן געווען צוגעבונדן אַ צעטעלע מיט דער שמייכלענדיקער אויפשריפט: „צו קאַרמען פאַנטעז, וואָס באַגייסטערט מיך, פונקט ווי מיין מוטער". אַזאַ אומפאַרשעמטער ציניקער! מיינע אַנט־בלויזטע קערפּער־טענץ האָבן אים דערמאָנט אָן מוטער־ליבע... שווער איז מיר אָבער געווען זיך צו באַפרייען פון אַ דריטן צושויער, וואָס פלעגט קומען אין טעאַטער יעדן זונטיק. דאָס איז געווען אַן אויסטערלישער פאַרשוין. אַן ענטוזיאַסט און אַ טומלער. דו האָסט געוויס געהאַלטן אַן אויג אויף אים, אַלבערטאַ? ער האָט געהאַט אַ בלייך פּנים מיט לאַנגע האָר ווי אַן אַרטיסט. זיצנדיק שטענדיק אין פראָנט, האָט ער אויף לאַנגע בויגנס פּאַפּיר געצייכנט מיין פיגור אין אַלערליי טאַנץ־פּאָזעס. און ווען דער פאָרהאַנג איז געפאַלן, האָט ער געוואָרפן די בויגנס איבערן זאַל, אויף די צושויער, און אַרקעסטער און אַנטציקט געשריגן: „נאָך איינמאָל איז מיר געלונגען אַרויסצוברענגען די ליניעס פון ווענוס"...

דער טענצערינס סאַרנע־אויגן האָבן ווידער געלאַכט. דאָס מאָל

שטאָלץ, באַרימעריש. איבער אַלבערטאָ דע קאַרלאָסעס אָריענטאַלישן פּנים האָט זיך פאַרצויגן אַ גרימאַס פון אומגעדולד. ער האָט זיך גענטער אַ רוק געגעבן צו איר און אַריינעמענדיק אירע קליינע פינגער אין זיינע האַנט־דלאָניעס, געזאָגט:

— אַן איבערטרייבונג, קאַרמען. דו ביסט געווען דערפאַלגרייך. כ'האָב געהאַלטן אַן אויג אויף די אַלע פאַרעדער און טומלער און כ'האָב געזוכט אַ וועג ווי דיך פון זיי צו באַפרייען. נאָך דיין ערשטן צוקום צו מיר, וואָס איז געווען אַן אַרויספאָדערונג, האָב איך צו דיר געזאָגט: פאַרלאָז דעם בינשטאָק, ווו דער האָניק האַלט דיך צוגעקלעפּט ווי צו אַ זומפּ, אָבער עס פאַרזיסט נישט דיין לעבן. דו האָסט מיך געפאָלגט און ביסט אַוועק פאַרווײַלן מענער פון אַ געקליבענער געזעלשאַפט. אָבער צו לאַנג האָסטו פריער געהאַט געטאַנצט אין אַ נעסט פון קליינע לומפּן און ביליקע פאַרגעניגן־זוכערס און דו האָסט נישט געוווסט דעם באַדייט פון דיין פאַרשווענדערישקייט. דיין קערפּער, דאָס שענסטע געשאַנק וואָס איז דיר געגעבן געוואָרן, האָסטו ביז היינט נישט אויסגענוצט פאַר קיין איין געהויבענעם טאַט. און דיין קערפּער, קאַרמען, איז דאָך אַן אַלטאַר, ווו קרבנות וואָס לעכצן נאָך דיר, דאַרפן ווערן אויפגעלייזט, פּונקט ווי די שמעטערלינגען ווערן אויפגעלייזט אין די פלאַמען נאָך וועלכע זיי ציען. מיר האָבן אַ מיסיע, קאַרמען. מיר שפּרייזן איבער אַ טעפּיך פון מזלות... און אין די מזלות, ווו אויסדרוכטעניש און וואָר קומען זיך צוזאַמען, ביזטו אַ ברוטאַלע געטין, וואָס מאָנט איין איר צינז — מענלעכע קרבנות. די קרבנות זיינען אונדז נויטיק. זיי זיינען דער לייטער צו אונדזער ציל. און פאַרגעס נישט קאַרמען, דו ביסט אַ פאַרטוגעזערין, די טאָכטער פון אַ שטאַם, וואָס האָט אַרויסגעגעבן מאַגעלאַנען, דעם געוואָגטסטן ים־זעגלער....

— דאָס געדענק איך שוין צופיל — האָט די טענצערין געלאַכט — כ'בין אונטערטעניק און געהאָרכזאַם ווי אַ מאַנאַסטיר־שילערין. אָבער אין דער שפּראַך פון רעאַליטעט, אַלבערטאָ, וואָס דאַרף די טאָכטער פון אַזאַ געהויבענעם שטאַם היינט אָפּטאָן אום צו באַפרידיקן, איר טרוימענדיקן, וואַנטוריסטישן געליבטן?

אַלבערטאָ דע קאַרלאָס האָט דורכגעפירט מיט דער האַנט איבער די אויגן, ווי ער וואָלט אַראָפּגענומען אַ הייטל, וואָס פאַרשטעלט טרוים פוןווירקלעכקייט, אויסדרוכטעניש פון וואַרהאַפטיקייט. ער האָט היציק גע־רעדט.

— דאָ, אינעם האָטעל, אויפן פינפטן שטאָק, אין צימער פיר און פופ־ציק, שטייט איין אַ מיטגליד פון דער פאַרטוגעזישער אַדמיראַליטעט. עווע־ריסטאָ אַלאַנזאָ מאַרטינעז. אָפיציעל האָט ער דעם ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן. אָבער ער איז מער ווי דאָס. ער איז אויך דער פאָרזיצער פון ליסאַבאָנער פלאָט־קלוב. אַ שטרענגער מאַן, אָבער נישט פריי פון איינפלוסן. אַן

אַליינהערשער, אַ דעספּאָט אָבער אויך אַ קריכנדיקער, זינקענדיקער מאָנס־טיל, אַ דעגענעראַט אין הענטשקעס. ער האָט ליב געלט און וויין...

— און פרויען? — האָבן דער טענצערינס שיינע סאַרנע־אויגן געלאַכט.

— דאָס אויך, אָבער ווייכע, עלאַסטישע פרויען, נישט־פּעאיקע אויף ווידערשטאַנד. ער פאַרמאָגט נישט דעם אויסדויער פאַר פאַרצווייגענעם שפּיל און רייץ. ער באַגערט פרויען אַרויסרופעריש, אָבער אויך נאָכ־גיביק. פאַרשלעפּטע ליבע־אויאַנטורעס לאַנגווייליקן אים. ער האָט אפילו נישט די ראַפינירטע הנאה וואָס עס פאַרשאַפט דער אומזיסטער יאָגד אויף ווייבער. ער איז שטענדיק דערפאַלגרייך און פאַרשווענדעריש, און געוווינט אַז פרויען זאָלן פאַלן אין זיינע אָרעמס, ווי עס פאַלן רייפע עפּל פונעם בוים אינעם קויש פון גערטנער...

— און פאַר דעם לעסטערער דאַרף איך ווייזן מיינע שיינע פיס?

— אים וועסטו נישט ווייזן דיינע שיינע פיס, קאַרמען. פאַר אים וועסטו נישט אויסשפּילן דיינע קערפּער־טענץ. אים מוזטו רייצן מיט צור־ריקגעהאַלטנקייט. וויקלענדיק זיך אין שלייערס, ציענדיק זיך אויף צוריק, וועסטו אים נאָכשלעפּן נאָך זיך, טרעפּ נאָך טרעפּ. ווי מען שלעפּט אַ בלאַנדזשענדיקן, אַ פאַרשיכורטן... וואָס מער טיולן אויף דיין קער־פּער, קאַרמען, וואָס מער ווואלן אויף דיין פּנים, אַלץ מער געהיימניש וועסטו פאַר אים ווערן. דאָס וועט זיין די אינטריגע. אין זיין גייעג נאָך פאַרגעניגנס און לוסט דאַרף ער זיך אָנשטויסן אויף עפּעס אויסנאַמלע־כעס, אויף עפּעס, וואָס ער טרעפט נישט אַלע טאָג צווישן ביליקע באַר־פאַרוויילערינס. ער איז אַ גייציקער בעל־תאוה, וואָס קען זיך אָבער אויך צוימען, ווען די פּליכט פאָדערט. גלוסטיק ווי ער איז נאָך צוגעלאָזענע, אַמוזירנדיקע פרויען, פאַרלירט ער אָבער נישט דעם קאָפּ אין דער שעה פון פייער־פּראָבע. זיין זעלבסט־קאָנטראָל איז שטאַרקער ווי דער פאַרלאַנג נאָך פרויען־אינטימקייטן. אָבער דיין שפּיל אין פאַרשטעלטקייט און צניעותדיקייט, קאַרמען, וועט פאַר אים זיין אַ מלחמה־אַרויסרוף. און ווי אַ קריגס־מענטש, וועט ער דעם אַרויסרוף אויפנעמען. די שפּאַנונג וועט אים טרייבן. ר׳וועט זיך יאָגן נאָך דיר, ער וועט דיך וועלן פאַנגען...

— און אַז ער וועט מיך האָבן געפאַנגען? — האָט די טענצערין אַ זיכערע מיט זיך, אַז אַנגעלאָדענע מיט רייץ זיך אויפגעשטעלט, ווען פון אירע גרויסע סאַרנע־אויגן האָבן געשפּריצט פייערלעך, וואָס פאַרצערן.

אַלבערטאָ דע קאַרלאָס האָט זיך אויך אויפגעשטעלט. ער האָט זיך אויסגעגלייכט אין וווקס מיט איר. ער האָט שאַרף אַריינגעקוקט אין אירע אַנגעצונדענע אויגן, ווי דאָס וואָלט געווען אַ כחות־פאַרמעסט, וואָפן קעגן וואָפן. זיין אָטעם האָט ווי אַ צוג־ווינט אויסגעלאָשן די ברענענדיקע פייערלעך אַיִנס נאָך איינס. דערנאָך האָט ער ליכט אַנגערירט די קליינע

אויערן־לעפּלעך, ווו עס האָבן נאָכגעבאָמבלט די גרויסע רייפן־אויערינגען און איר איינגערוימטע:

— דעמאָלט, קאַרמען, וועט ער זיין אַ שפּיל־באַלעם אין דיינע הענט. אַ מאַריאָנעטקע, וואָס מען ציט אויף אַ שטריקל, אַן אָרעם, קאַמיש און שוצלאָז פיגורל...

אַלבערטאָס צערטלעכער טאָן און זיינע חניפהשע רייד האָבן די טענצערין נישט איבערגעבעטן. פאַרקערט, דאָס וואָס אַלבערטאָ האָט זי אַנטוואָפנט, אָפּגעשטעלט איר ווידערשטאַנד, האָט ביי איר אַרויסגערופן מער טראַציקייט. זי האָט זיך דורכגעשפּרייזט איבער דעם וויכן, האָריקן טעפּיך און געוועזן פול מיט פּראָטעסט, וואָס ער שיקט זי מיט אַזאַ גרינג־קייט צו אַ פרעמדן, אָפּשטויסנדיקן מאַנסביל. זי, קאַרמען האָט אַ געטלעכן, אָבער זינדיקן קערפּער. זי קען זיין פאַרשווענדעריש מיט אָט דעם געטלעכן געשאַנק. זי קען וואַרפן מיט זשמעניעס רייץ, אויב עס איז צוועקמעסיק. אָבער איר איינציקע צוועקמעסיקייט איז פאַרצערט צו ווערן אין די אָרעמס פון אָט דעם שיינעם, גרויזאַמען מאַן, וואָס זיצט לעבן איר. באַנעמט ער דאָס נישט? ער פאַרלאַנגט פון איר די פולע פאַרשווענדערישקייט פון איר פרויען־וואָפן און ער אַליין איז קאַרג אויף אַ שטראַל וואַרעמקייט. אַלע זיינע גלוסטונגען און באַגערן זיינען אויסגעטרוימטע און אירע גלוס־טונגען זיינען ערדישע. ערדיש ווי דער פּלאַנעט, וואָס ציט צו דער זון, ערדיש ווי די בין, וואָס גאַרט נאָך דעם האָניק־שטאָק. זי איז ערדיש מיט איר אומרו, ערדיש מיט איר פייער, מיט איר זינד און מיט איר אומ־שולד. זי האָט געפרעגט:

— איז דאָס אַלץ, וואָס דו פאַרלאַנגסט פון מיר, אַלבערטאָ?

— כ'פאַרלאַנג מער ווי דאָס, קאַרמען. כ'פאַרלאַנג אַ קאָסטבאַרן דאָ־קומענט, וואָס איז אין קאַפּיטאַנס באַזיץ. דער דאָקומענט — אַן אַלטער פּאַפּירוס — איז אַזוי ווערטפול ווי דער שטיין, אויף וועלכן עס זיינען אויסגעקריצט די צען געבאָטן. דאָס איז אַ נישט־דערשעצבאַרער אוצר!

— און וואָס דערציילט דער דאָקומענט? — האָט די טענצערין גע־פרעגט.

— דער דאָקומענט דערציילט די געשיכטע פון מאַגעלאַנס עקספּע־דיציע. די וועלט ווייסט, אַז ווען דער פּאָרטוגעזישער זעגלער איז אָנגעקומען מיט זיינע שיפן אין די פיליפּינען, איז ער דערהרגעט געוואָרן אין אַ קאַמף מיט די איינגעבוירענע. אָבער דאָס איז אַ ליגן. עס קאָן נישט זיין וואָר... עס פעלט אַ באַשטעטיקונג און דערציילער פון געשיכטעס האָבן שפּעקולירט איבער מאַגעלאַנס טויט... כראָניקער האָבן געפעלשט באַריכטן און די וועלט איז פאַרפירט געוואָרן. מאַגעלאַן איז צוריק געקומען אויף זיין שיף „וויטאָריאַ" מיט זיינע איין און דרייסיק צעשלאָגענע מאַן. דאָס איז געווען אין יאָר 1522. ער איז צוריקגעקומען אַ לעבעדיקער. אָבער שפּאַנישע הויף־לייט, אין וועמענס דינסט ער איז געווען, האָבן נישט

פאַרגינען זיין פּאָרטוגעזישן אָפּשטאַם, זיין רום און האָבן אים געמאַכט פאַר אַ לעבעדיקן מת. ער, דער העלד פון די ימען, איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרגעסענער צווישן מענטשן, אַן אָרעמער. אָבער נאָך זיין טויט האָט מען אויסגעפונען, אַז ער האָט איבערגעלאָזט רייכטימער, אוצרות... איך בין אַן אייניקל פון מאַגעלאַנס שטאַם, קאַרמען. מיר זיינען זיינע יורשים... לאָמיר אויפמאָנען מאַגעלאַנס רום, קאַרמען. לאָמיר אויפמאָנען זיינע רייכטימער, זיינע אוצרות.

די טענצערין האָט דערזען אויף אַלבערטאָ דע קאַרלאָס פּנים אויפגיין יענעם שיין פון אויסטערלישער פרייד, וואָס באַגלייט שטענדיק זיין ענטוזיאַזם. אין זיינע אויגן איז געווען דער בליאַסק פון פלאַמענדיקער באַגייסטערונג. זי האָט דערקענט, אַז אין זיין דערהויבנקייט, אין דער געפאַנגענשאַפט פון זיינע אייגענע ווערטער, האָט ער, ווי שטענדיק, אויך איצט פאַרגעסן אַנצוווייזן רעאַל און גענוי, דאָס אָרט, ווי אַזוי דעם ווערטפולן דאָקומענט צו קריגן. זי איז איצט געווען געצוימט, נישט מיטגעריסן געוואָרן פון דעם היציקן, טרוימערישן אַלבערטאָ. דאָך האָט זי, אַ ווילדע, אַ נאָכגיביקע ווי איינע וואָס איז אַלץ מוחל איר צעלאָזענעם געליבטן, אַנטשלאָסן געזאָגט:

— דער דאָקומענט וועט זיין אין מיינע הענט, אַלבערטאָ. קאַרמען וועט דעם דאָקומענט אַרויסקריגן.

— גוט — האָט אַלבערטאָ דע קאַרלאָס אַ באַגייסטערטער זיך אַריבערגעבויגן איבער איר — אין דעם פּאָרטוגעזישן פּלאַט־קלוב אויף דער פינף און פופציקסטער גאַס, איז היינט אַן אויסשטעלונג פון דער קעניגן איזאַבעלס אַרכיוו. אַכט הונדערט בריוו, קאָמוניקאַטן, ים־באַפעלן און כראָניקעס וועגן די עקספּעדיציעס פון די שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע ים־העלדן וועלן זיך געפינען אין די אויסלאַגן. דער קאַפּיטאַן עווערעסטאָ אַלאַנזאָ מאַרטינעז איז דער אויפזעער איבער דער אויסשטעלונג. ער געפינט זיך איצט אויבן, אין זיין צימער פיר און פופציק. אויב מאַגעלאַנס דאָקומענט וועט פעלן אויף דער אויסשטעלונג, ליגט ער געוויס פאַרבאָרגן אין זיין פּריוואַטן קופערט. ער ווערט פאַרהוילן פאַרן אויג פונם באַזוכער... גיי צום קאַפּיטאַן, קאַרמען. גיי אַרויף אין זיין צימער. קריג אַרויס דעם דאָקומענט און דעק אויף די פעלשונג. פּונקט ווי די שיף „סאַנטאַ מאַריאַ" האָט קאָלומבוסן געפירט צום נייעם לאַנד, אַזוי וועט דער מאַגעלאַן־דאָקומענט אונדז צוריקפירן גערעכטע און רומפולע צו די ברעגן פון ליסאַבאָן. גיי קאַרמען, גיי סאַנטאַ מאַריאַ מיינע!

קאַרמען איז געגאַנגען. נאָכן שטעלן עטלעכע וויגנדיקע שריט האָט זי זיך אויסגעדרייט. איר קליין זאַפטיק מויל, געפלעקט אויף וויינשלרויט, האָט זיך פאַרצויגן אין אַ גרימאַס. זי האָט עפּעס דערוואַרט און געקוקט אויף אַלבערטאָן פאַרבענקט, ווי זי וואָלט זיך געגרייט אויף אַ לאַנגן אָפּשייד. אין אירע ברוינע, סאַרנע־אויגן איז געווען אי אַ פאַר־

לאַנג נאָך פולן צוטרוי, אי אַ געבעט אַז אַלבערטאַ זאָל זי נישט פאַרלאָזן, נישט פאַרטרייבן, אויב זי וועט דורכפאַלן. זי האָט נאָך אומעטיק אַ שמייכל געגעבן, דערנאָך אונטערגעוויגט מיט די זיידענע לעקעלעך, וואָס האָבן ווי ראַלעטן, זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די אויערן־לעפּלעך און איז האַסטיק אַריין אין דעם אָפּענעם עלעוויטאָר, וואָס האָט מיט שווינדלענדיקער גיכקייט זיך געהויבן אַרויף.

III

אויבן, אויפן פינפטן שטאָק, אינעם צימער פיר און פופציק האָט די טענצערין געטראָפן דעם קאַפּיטאַן שטיין פאַרן אָוואַלן טואַלעט־שפּיגל. ער האָט אויסגעזען ווי אַן אויסגעפּוצטער לעב־יונג אין זיינע לעצטע צוגרייטונגס־מינוטן, איידער ער לאָזט זיך צו אַ רווישיקער הוליאַנקע. ער האָט שוין געהאַט פאַרקנעפּלט דעם ראָק פון זיין בלויען מונדיר מיט די ווייס־באַזילבערטע עפּאָלעטן. איילנדיק זיך, האָט ער געקעמט זיינע קורצע, גרויע האַרטע האָר, וואָס האָבן זיך איבערגעלייגט ווי ביי אַ יאָזש און האַלטנדיק אַ שפּיץ זיידן טיכל, איינגענעצט אין פּערפום־טראָפּנס, האָט ער דערמיט דורכגעפּירט איבער זיין קאַנטיק, בייניק פּנים, וואָס איז געווען פול מיט פּאָקן־לעכער.

דערזעענדיק קאַרמען פאַנטעז, האָט איבער זיין מיאוס פּנים זיך פאַרצויגן אַ מינע פון אַנטציקונג. די אַנטציקונג איז אָבער באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געמאַכטער גלייכגילטיקייט פון א דורכגעטריבענעם פרויען־יעגער, וואָס באַגעגנט נאָך איין דערפאַרונג אויפן וועג צו זיינע אוואַנטורעס.

די טענצערין, וואָס האָט זיך באַוויזן אין זיין צימער, מיט אַ האַסטיקן באַשלוס אַרויסצוקריגן אַ ווערטפולן דאָקומענט, ווען אפילו דער פּרייז זאָל זיין קאָסטבאַר, ווען אפילו עס זאָל זיך פאָדערן יעדע דערשטיקונג פון ווייבלעכער פאַרשעמונג — די טענצערין האָט איצט זיך אָנגעשטויסן אויף דער ערשטער אַנטוישונג.

זי האָט געקוקט אויפן קאַפּיטאַן מיט אַן אויסדרוקבאַרן שוידער. אויפן אַנבליק פון זיין קאַנטיק געשטופּלטן פּנים מיט די לויפנדיקע מויזאויגן, האָט אין איר זיך אויפגעוועקט אַן עקל, אַ ווידערגעפיל צו אָט דער פיזישער מיאוסקייט אין אוניפאָרם, צו וועמען זי דאַרף ווערן נאָכגעביק. אין איין אויגנבליק האָט זי געביטן דעם פּלאַן, וואָס אַלבערטאַ האָט אַזוי גענוי פאַר איר אָנגעצייכנט. נישט קיין נאָכגעלאָזנקייט וועט זי אַרויסווייזן נאָר שטרענגקייט. אָפּגעשראָקנקייט איז די טיר צו דורכפאַל. אויב עס איז ריכטיק, אַז דער קאַפּיטאַן האַלט פאַרבאָרגן אַ דאָקומענט, וואָס טאָר נישט זיין אין זיין באַזיץ, וועט זי דאָס פון אים

אַרויסקריגן. מיט איין געוואַגטן געשריי, מיט איין פעסטער דראַונג וועט זי איר פאַרלאַנג אויספירן. דער באַשלוס איז געקומען אַזוי האַסטיק, אַז ער האָט נישט געלאָזט קיין צייט אויף קווענקלענישן. זי האָט נאָכגע־פאָלגט די אַנטשלאָסנקייט, וואָס האָט איר דיקטירט, אַז זי זאָל פאַרלאַנ־גען, אַנשטאָט בעטן, מאַנען — אַנשטאָט צו זוכן איינזען. ווי אַ טענ־צעריין, אַ מימישע אויסטייטשערין פון מענטשלעכע עמאָציעס, האָט זי פלינק אויפגעכאַפּט אַ דראַמאַטישן טאָן. די ווערטער, קנאַקנדיקע, האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט פון איר צונג, ווי אַ גוט אויסגעלערנטע ראָלע:

— איך הייס קאַרמען פאַנטעז, קאַפּיטאַן. געשיקט אַהער האָט מיך אַלבערטאָ דע קאַרלאָס, אַ פּאָרטוגעזישער פּאַטריאָט. ער האָט מיך גע־שיקט מיט אַן אויפגאַבע. און עס איז אויסגעצייכנט וואָס איך האָב אייך געטראָפן, איידער איר גייט צו דער אויסשטעלונג פון דעם פּלאַט־אַרכיוו. אין אייער באַזיץ, קאַפּיטאַן, געפינט זיך דער דאָקומענט פון מאַגעלאַנס געוואַגטער עקספּעדיציע איבער די ימען. דער דאָקומענט דאַרף אויפדעקן די געהיימניש פון מאַגעלאַנס לעבן און טויט. מיין פאַרלאַנג איז דעם דאָקומענט אומצוקערן אין די הענט פון דעם ריכטיקן יורש. דאָס איז דער ציל פון מיין אַריינרייסן זיך אינעם האָטעל־צימער פון אַ פרעמדן מאַן. און איך וועל דעם דאָקומענט אַרויסקריגן. איך מוז אייך וואָרענען, קאַ־פּיטאַן, מיט יעדן מיטל וועל איך דאָס ווערטפולע אַרויסקריגן. מיט יעדן מיטל אויסער מיט קאָקעטעריי און ליבע־שפּילערייען. אויב איר דערוואַרט אַ לייכטזיניקן פלירט, קאַפּיטאַן, אַ ליבע־אַוואַנטורע, וועט איר זיך אַנ־שטויסן אויף אַ שווערער אַנטוישונג. איך וועל באַנוצן דראַונג אַנשטאָט הניפה, וואָרענונג אַנשטאָט געפעלשטע צערטלעכקייט. איך וועל אַבסאָלוט נישט אַנווענדן קיין שמייכלעריי, כאָטש פון באַשעפטיקונג בין איך אַ טענצערין, אַ פאַרווילערין פון לאַנגווייליקע מענער. איז דאָס פאַר אייך קלאָר, קאַפּיטאַן?

דער קאַפּיטאַן עווריסטאָ אַלאַנזאָ מאַרטינעז, געפּלעפּט פון דעם ווערטער־שטראָם, וואָס איז געקומען פון דער פרעמדער, שיינער פרוי, איז געבליבן מיט דעם פאַרפרומירטן נאָז־טיכל אין האַנט. איר שיינ־קייט, איר ווילדער, האַסטיקער טאָן האָט אים אויף אַ ווײַלע צעטומלט, אָבער נישט אָפּגעטעמפּט, אַז ער זאָל זיך פאַרלירן אין איר אַנוועזנקייט... די געפּלעפּטקייט האָט סיי ווי לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. די פאַרווונדע־רונג אין זיינע לויפנדיקע, לוסטיקע אויגן איז פאַרשוווּנדן און איבער זיינע גראָבע, צעאַקערטע ליפּן האָט זיך פאַרצויגן אַ פרעכער שמייכל, וואָס מען טרעפט נאָר ביי געניטע פרויען־יעגער.

ער האָט העפלעך געזאָגט:

— איך בין אַנטציקט, קאַרמען פאַנטעז, כאָטש אייער באַוויזן זיך איז פאַר מיר אַ געוויינלעכע דערשיינונג — פרויען קומען צו מיר. און זיי קומען אָפט — און כאָטש איך האָב קיינמאָל נישט געהערט

פון אַזאַ געהיימען מאַגעלאַן־דאָקומענט, מוז איך אָבער צוגעבן, אַז אַט דער אויסרייד אַריינצוקומען צו מיר איז אַ געלונגענער... און דער מאַן, וואָס האָט אייך געשיקט קען אויסגעצייכנט מיין געשמאַק. אַן איבער־טרייבונג. איך בין איבעראַשט פון זיין צוטרעפליכקייט. וואָס איז ער? אַ לונאַטיקער? אַ קראַנקהאַפטער שטערנזעער אָדער איינער פון אונ־דזערע געטריייע שיף־אַדיוטאַנטן, וואָס באַדינען זאַרגפעלטיק די פיינ־שמעקער פון אונדזער פלאָטע?

— ער איז אַ פּאַטריאָט, קאַפּיטאַן. אַ פּאָרטוגעזישער פּאַטריאָט

— האָט די טענצערין נישט פאַרטראַגן די באַליידיקונג פון אַלבערטאַן.

— אַ פּאָרטוגעזישער פּאַטריאָט? — האָט דער קאַפּיטאַן אָנגע־שטעלט זיינע לוסטיקע אויגן.

— איר האָט מיך פריער געהערט, קאַפּיטאַן. איך בין צו אייך גע־קומען נישט ווי אַ פּאַרוויילערין, נאָר ווי אַ מאַנערין. פּרובירט נישט אויסצונוצן מיין וויזיט פאַר צייטפאַרטרייב. דערצו בין איך אומגעדול־דיק צו אייערע שפּאַסערייען. איך פאַרלאַנג דעם דאָקומענט!

עוועריסטאַ אַלאַנזאַ מאַרטינעז האָט שווייגנדיק, מיט דעם פּער־פומירטן נאַז־טיכל אין האַנט דורכגעשפּרייזט איבער דעם ווייכן, האַ־ריקן דיוואַן, דערנאָך האָט ער שמייכלענדיק, לאַנגזאַם זיך אַריינגעזעצט אינעם טיפן לעדערנעם פאָטעל און זיך אָנגערופן:

— געלאַסענער, קאַרמען. געמיטלעכקייט איז דער באַדינג פון פריינטלעכע אַפּמאַכן און געלאַסנקייט וועט אונדז פירן צו אַ פאַרשטענ־דיקונג. ווי אַ פּאָרטוגעזער און ענטוזיאַסט פאַר זיינע לאַנדס־פרויען וועל איך דאָ, אין ניו יאָרק, ווייט פון אונדזער היימלאַנד, דיר רופן דו... איך וועל אויך נישט שטרייטן איצט וועגן דעם ציל פון דיין קומען. כאָטש איך מוז צוגעבן, אַז עס וועט מיר אומגעלעך זיין צו דערפילן דיין שטרענגן ווונטש. האָסט זיך אַריינגעריסן אין מיין צימער ווי אַ שטורעם־פויגל, קאַרמען. און איך רעספּעקטיר דיין איבערגעגעבנקייט צו דעם מאַן, וואָס האָט דיר געשיקט. כאָטש פון דער צווייטער זייט טראַכט איך, ווי אַרעם מוז זיין די פאַרשטעלונגס־קראַפט זיינע, אויב ער מיינט, אַז איך וועל זיך זעטיקן בלויז מיטן באַוווּנדערן דיך. ווי איז דיין לעצטער נאָמען? פּאַנטעז? קאַרמען פּאַנטעז! אַ נאָמען פאַר דער בינע! זעץ זיך, קאַרמען. מאַך זיך באַקוועם. מיין פליכט יאָגט מיך נישט. איך האָב נאָך צייט איבער אַ שעה צו גיין עפּעס די אויסשטע־לונג. און איך בין אין דער בעסטער שטימונג צו פאַרוויילן אַ דאַמע. באַפריי זיך פון דער פאָרמעלקייט, קאַרמען, וואָס צוימט דיין געמיט פונקט ווי דער קאָרסעט צוימט דיין בויגעוודיקן קערפּער. און אַ קאָר־סעט, נאָך מיין באַשיידענער מיינונג, איז ווי אַ פּאַנצער, וואָס טוט שיצן, אָבער אויך צוריקהאַלטן אַ הייסע, פלאַמענדיקע פרוי, ווען עס ציט צו אַ לוסט־יאָגענדיקן מאַן.

די טענצערין האָט געמאַכט אַ פלינקן שפּרייז פאָרויס און אירע מאַט־אַליווע באַקן האָבן זיך אָנגעצונדן פון צאָרן.

— אייער אַנצוהערעניש איז ווילד, קאַפּיטאַן און אייער איינגע־ליבטקייט אין זיך מאַכט אייך לעכערליך.

— איך האָב דערוואַרט די פאַרשעמונג, קאַרמען. כאָטש פון באַ־ליידיקונג זיינען דיינע ווערטער נאָך ווייט. מיר קאָנען איינער דעם אַנדערן נישט נאַרן, קאַרמען. פאַר יעדער צאָלונג דאַרף מען קריגן עפּעס אין אויסטויש. דאָס איז אַן איינגעשטעלטער קאַלטער געזעץ. און וואָס קענסטו מיר פאָרלייגן אין אויסטויש פאַר אַזאַ ווערטפולן דאָקומענט, אויסער צאָרן, נערוועזיטעט און באַהאַלטענע פּלוד, וואָס רייסן זיך אַזוי צויבערפול פון דיין קליין, שיין מויל?

— זענט איר מודה, קאַפּיטאַן, אַז איר באַזיצט מאַגעלאַנס דאָ־קומענט? — האָט קאַרמען אים געוואָלט כאַפּן ביים וואָרט.

— איך בין מודה טיילווייז שוין בלויז דערפאַר, צו קענען שטילן דיין אויסברוך פון צאָרן — האָט עוועריסטאָ אַלאַנזאָ געפּרעסן קאַר־מענס בויגעוודיקן קערפּער, איר געשניטענע פיגור מיט זיינע אויגן, וואָס זיינען איצט געוואָרן אומהיימלעך־הייס אָנגענומען. אַז איך באַזיץ דעם דאָקומענט, וואָס איז אַזוי ווערטפול ווי דער שטיין, אויף וועלכן עס זיינען אויסגעקריצט געוואָרן די צען געבאָטן, אָנגענומען אַז איך באַזיץ דאָס, בין איך ווויליק עס אומצוקערן פאַר אַ פּרייז, וואָס איז אַזוי באַדייטנדיק ווי די ווערט פון דעם נישט־דערשאַצטן דאָקומענט. אָבער דאָס וועל איך איצט מיט דיר נישט דיסקוטירן. איך בין גרויסמוטיק, קאַרמען — האָט דער קאַפּיטאַן זיך אויפגעשטעלט און מיט אַ פיל־דייטיקן שמייכל זיך דערנענטערט צו דער טענצערין — מען קען מיט מיר זיך אייניקן אויף קאָמפּראָמיסן. און מיט דעם מאַן, וואָס האָט דיך גע־שיקט אַהער, וועל איך אונטערהאַנדלען. ער וועט מיט מיר נישט שטרייטן. איך בין דער באַזיצער פון דעם דאָקומענט. איך וועל אים פאָרלייגן אַן ערנהאַפטן אָפּמאַך. און איך וועל פאָדערן אַ פּרייז, וואָס וועט אים אפשר דערשטוינען.

די טענצערין איז געוואָרן ווייכער. זי האָט קעגן איר איינענעם ווילן געצווימט איר שטייגנדיקן כעס קעגן דעם מאַן, וואָס איז פול מיט איגנאָראַנץ און אַנטשלאָסן געזאָגט:

— קאַפּיטאַן, כ'בין געשיקט פון אַלבערטאָ דע קאַרלאָס און כ'האָב זיין פולמאַכט צו פאַרהאַנדלען. וויפל געלט פאַרלאַנגט איר?

דער קאַפּיטאַן האָט זי אָפּגעמאָסטן מיט אַ דויערנדיקן, הונגעריקן וועלפישן בליק.

— ביזט געגוג דורכגעטריבן קאַרמען, צו פאַרשטיין, אַז עס האַנדלט זיך נישט וועגן אַ געלט־פּרייז. און איך בין ווייט פון אַזאַ נאַאיוויטעט צו גלויבן, אַז דו מיינסט אַריינצוברענגען אַ מיספאַרשטענ־

דעניש אין דער זאך. אויב דער מאגעלאן־דאקומענט איז מיין, איז אויך די פריווילעגיע פון פארלאנגען א הויכע צאלונג — מיינע. און כ'מוז צוגעבן, אז כ'וועל פון דיין געליבטן פארלאנגען א פרייז, וואס וועט לויט די באגריפן פון אנגענומענער אנשטענדיקייט, הייסן א לומפעריי, אבער וואס איז אין דער אמתן, אן אפנהארציקע פאדערונג פון באלדיקער באלוינונג. גראבקייט און אידעלקייט, קארמען, בושה און פרעכקייט זיינען נאטירלעכע געשמאק־באגריפן. און בלויז ציניקער האבן איינגעטיילט אט די מענטשלעכע אייגנשאפטן אין העכערע און נידעריקע קאטעגאריעס. ווי ענטוזיאסטן, וואס ווילן אויסשעפן די גאנצע פרייד פון לעבן, זיינען מיר קעגן אט די פארגליווערטע מאראל־דאגמעס. מיר, היינטיקע מענטשן, דארפן מיט דער זעלבער אומשולד ווי אדם און חוה אויפנעמען דעם באשאף ארום אונדז. אן מורא פאר שטראף, אן אנגסט פאר פארפאלגונג. יעדער דרייסטער פארלאנג אונדזערער, אפילו ליידנשאפט, גענוס, קערפער־פארגעניגן דארף זיין א הייליקע שטרעבונג. טרויער מוז מען פארבייטן אויף עקסטאז. שכרות דארף פארוואנדלט ווערן אין געטלעכער דערוואכונג. נאר אזוי ארום וועלן מיר באפרידיקן אונדזער אייביקע עגאאיסטישע אפעטיטן, וואס זיינען, ווי א דערהויבענער געשאנק, אונדז געגעבן געווארן פון דער נאטור. באנעמסטו עס, קארמען?

די טענצערין האט עס באנומען. נישט אזוי דעם קאפיטאנס רייד, ווי זיינע אויסטייטשונגען וועגן אנשטענדיקייט און פארדארבנקייט האבן זי געשטעלט פאר א פארלעגנהייט. וואס פארא דורכגעטריבענער שארלאטאן! און פאר וועמען פרעדיקט ער לומפעריי ווי א טוגענד? פאר איר, קארמען, פאר וועמען גלוסטונג און זינד איז אן אפענע קארט, אן פארהוילעניש? אין דער מאס, ווי ער איז פיזיש מיאוס, אין אזא מאס איז ער הינטערליסטיק, שלוי און געשיקט, ווען עס קומט רעכטצופערטיקן לומפעריי און זינד. און מיט וואס פאר אן אייפער ער רעדט פאר זיינע איבערצייגונגען! זי, קארמען, א בורלעסק־טענצערין, וואס האט שטענדיק באגעגנט צווישן איר אוידיענץ, מענער פון אלע שטאנדן און געזען אין זייערע וויזיטן בלויז איין ווילן, איין פארבאטענעם פארלאנג נאך גראבער תאווה, זי האט זיך צום ערשטן מאל אנגעשטויסן אויף א מאן, וואס פרעדיקט אויסגעלאסנקייט ווי א לעבנס־אנשויונג. און ווי פארזיכטיק ער וויקלט זיינע פארדארבענע געפילן אין שיינע ווערטער. ווי ער הילט דאס גראבקייט אין זיידענע טיולן! דער טענצערינס שטוינונג איז געשטיגן, וואס מער זי האט געקוקט אויף דעם קאפיטאנס אפשטויסנדיקן פנים. צו וועמען האט זי אלבערטא געשיקט? באגעגענען האט זי געזאלט אן אויסגעלאסענעם עגאאיסט, אבער אנגעטראפן האט זי א קאלטן, ברוטאלן פילאזאף. ער פארווארפט פאר איר וויקל־שנירן. ער שליידערט פאר איר פאנג־נעצן. ער ציט ווערטער־סטענגעס. און עס איז

גענוג אז אומגעשיקטער שפרייז אירער — און ער וועט זי באזיגן מיט זיין כיטרען ווערטער־וואפן.

קעגנאיבער זיך האט קארמען איצט געזעןביידע מענער. אלבערטא דע קארלאס און דער קאפיטאן. ווי פארשיידן זיי זיינען! דער ערשטער א הייסער פאטריאט. אן אידעאליסט, א טרוימער און דער צווייטער, א פראקטישער אייפערדיקער בעל־תאוה. און אפשר — איז קארמענע איינגעפאלן — אין א מאמענט פון נויטווענדיקייט, אין א מאמענט פון פארגעסנקייט, קען דער נאכגעביקער אלבערטא זיך אונטערווארפן דעם שטארקן, אויסגעהאלטענעם קאפיטאן? און ביידע וועלן קומען צו א פארשטענדיקונג. קיינער פון די מענער וועט גארנישט איינשטעלן. איינשטעלן וועט בלויז זי, קארמען. איר קערפער איז אזוי ביליק, אז מען קען אים קריגן פאר יעדן ווערט־אויסטויש. און צוליב דעם האט דאך אלבערטא זי געשיקט צום אומווירדיקן מאן. ווי איינשטימיק ביידע זיינען אין זייערע טראכטונגען! אט האט דאך דער קאפיטאן — נישט הערנדיק צומאל פריער אלבערטאן — געזאגט אז ער גייט אונטערהאנדלען מיט אים. ער וועט אים פארלייגן אז ערנהאפטן אפמאך. דאס מיינט מען איר אומבאדייטנקייט. זי קען אלעמען באפרידיקן, אלעמען. ווי אומפארשעמט מען האנדלט מיט איר!

קארמען פאנטעזן האט זיך געגעסן פון צווייפל. אומצוטרוי האט פארנומען דאס ארט פון פריערדיקן גלויבן. ביי זיין גאנצער אפשטויסנקייט, איז דער קאפיטאן גערעכט. גראבקייט און איידעלקייט, בושה און פרעכקייט זיינען געשמאק־באגריפן און בלויז ציניקער האבן איינגעטיילט אט די מענטשלעכע אייגנשאפטן אין העכערע און נידעריקערע קאטעגאריעס. אז דאס איז פאלש קען נאר באשטעטיקן אלבערטא, אויב ער וועט צוריקשליידערן דעם קאפיטאנס פארדעכטיקן, ערנהאפטן פארשלאג. וועט ער דעם פארשלאג צוריקשליידערן? און פארוואס באווייזט ער זיך נישט איצט? פארוואס קומט ער נישט אז ווי אן איידעלמאן און רופט ארויס אויף א שווערד־געפעכט דעם מאן, דעם לעסטערער, וואס באליידיקט זיין קארמען?

קארמען האט זיך נאך נישט געהאט באפרייט פון אירע טראכטונגען, ווי דער קאפיטאן איז צו איר צוגעגאנגען נאענט, גאר נאענט, אז זי האט געשפירט ווי זיין בריענדיקער אטעם בלאזט אויף איר. פון זיין גלעזערנעם בליק האט זי אויפגעשוידערט. אין זיינע קאלטע אויגן האט זיך געצונדן פאספאר, די צעצויגענע נאז־לעכער האבן געשיפעט ווי ביי א הונגעריקער חיה, איידער זי גייט עפעס פארצוקן.

מיט פיבעריקע פינגער האט ער באריירט איר שמאלע גאמבע, צוערשט לייכט, דערנאך שטארקער און שפעטער געפירט מיט די זעלבע פיבעריקע פינגער אראפ ביז איבער איר ווייסן האלדז. א האסטיקער פאטש איבער זיין גראבער דלאניע האט אפגעשטעלט זיין באריר ונג.

דער קאַפּיטאַן איז נישט אָפּגעטראָטן. מיט דער פולער איגנאָראַנץ צו איר ווידערשטאַנד, האָט ער ווידעראַמאָל אַ הויב געטאָן זיין האַנט אויף איר האַלדז און פלינק אויפגעריסן דעם לויזן קראַגן פונם שאַרלאַך־רויטן קלייד. מיט דער זעלבער פלינקייט איז ער גרייט געווען אויפצוהעקלען איין קנעפל נאָכן אַנדערן אין איינשניט פון די לויזע פאַלדן. זיין אָטעם האָט געסאָפּעט האַסטיק, ריטמיש, זיינע ווערטער זיינען געקומען שטילע ווי ער וואָלט זיי איינגערוימט:

— די קליידער אויף דער פרוי זיינען ווי דער בעכער פון דער רויז, ווי די שאָל, וואָס שיצט דעם בלומען קערפּער.

קאַרמען האָט אים אָפּגעשטויסן. וויגנדיק זיך האָט זי זיך גערוקט הינטערוויילעכץ, ווי זי וואָלט געזוכט זיך צו פאַרטיידיקן.

דער קאַפּיטאַן האָט שווער ווי אַ מאָנסטער, זיך גערוקט צו איר און אומאויפהערלעך געסאָפּעט.

— דו ווילסט דעם ווערטפולן דאָקומענט, קאַרמען, און איך וויל די פולע צאָלונג אין פאַרויס. דער, וואָס האָט דיך געשיקט גלויבט אין דיין דערפאָלג, קאַרמען, און דו טאָרסט אים נישט אַנטוישן, אום צו ראַטעווען אים פון אַ מוראַדיקער דערשלאָגנקייט — אויב דו וועסט דורכפאַלן — אום אויפצוהאַלטן זיין גלויבן, זיין צוטרוי אין דיין ווייבליכער מאַכט, מוזטו ווערן צוגעלאָזענער, קאַרמען. אַזוי אַרום וועט מיין דערפילטער ווונטש זיין דיין אויסוועג, דיין דערפאָלגרייכער אויסוועג... פאַרגעס מיין אָפּשטויסנדיקן אויסזען, קאַרמען. שיינקייט און מיאוסקייט זיינען מינדערוווערטיקע אונטערשיידן. באַגער און אומווילן זיינען פאַרגענגלעך. בלייבן בלייבט בלויז דער מאָמענטאַנער עקסטאַז, וואָס איז שטענדיק צייטלעך, ווי דאָס מענטשלעכע בענקען נאָך אייביקער פרייד. אין אונדזער דערנענטערונג וועל איך געפינען זעלישן גליק און דו, קאַרמען — דערפאָלג, נצחון, און צו דעם ביסטו איינגנטלעך צו מיר געקומען. אַנטשלים זיך קאַרמען, אַנטשלים זיך — — —

— אַנטשלים זיך, קאַרמען. אַנטשלים זיך סאַנטאַ מאַריע מיינע! — האָט קאַרמען פּלוצים דערהערט הינטער זיך אַ באַקאַנט ווידער־קול פון דעם קאַפּיטאַנס רייד.

זי האָט זיך אומגעקוקט. די טיר צום קאָרידאָר איז געווען האַלב־אָפן. אויף דער שוועל איז געשטאַנען אַלבערטאָ דע קאַרלאָס מיט פרייד אין די אויגן. זיין ברוין, אָריענטאַליש פּנים האָט געלויכטן פון באַגייסטערונג, ווי ער וואָלט אַלץ געהאַט אונטערגעהערט, ווי אַלץ וואָלט געאַרבעט לויט זיין פאַרויסזען. ער האָט הינטער־אַרום אָנגענומען די טענצערין פאַר די אַקסלען, וואָס זיינען געווען פאַרפּוצט מיט אויסגעשטיקטע סאַמעט־שפּיצן. ער האָט צוגעלייגט זיינע הייסע ליפּן צו איר רעכטן אויער און זיינע ווערטער זיינען געווען ציטערנדיקע, ברי‌ענדיקע:

— אַנטשלים זיך, קאַר'מען, קווענקל זיך נישט. ס'איז די פייער־פּראָבע

ביז אַהער איז געווען דערוואַרטונג, איצט קומט די דערגרייכונג. קיין פּרייז איז נישט צו קאָסטבאַר. פאַרוואָרף פאַר אים בישוף־נעצן, שפּרייט אויס דעם צויבער־טעפּיך... דער מאַגעלאַן־דאָקומענט וועט זיין אין אונדזערע הענט. מיר זיינען זיינע יורשים. מיר וועלן אויפמאַנען מאַגעלאַנס גלאָריע, זיינע אוצרות... פון אונדזער גלות וועט ווערן היים, דער עלנט וועט אויסגיין און קומען וועט פּראַכט. פאַרגעסנקייט וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין רום. גיי איבערן טעפּיך פון מזלות קאַרמען, גיי אַן פאַלשער בושה, גיי, סאַנטאַ מאַריע מיינע!

קאַרמען האָט זיך אַ וויג געטאָן אויף אירע שמאָלע שלאַנגען־שיך. מיט שווידערלעכן פאַרדאַכט האָט זי געקוקט אויף אַלבערטאָן און איבער איר שיין מאַט־אַליוון פּנים זיינען אויפגעגאַנגען שטרייפן מיט טרויער. געזאָלט קומען האָט אַלבערטאָ ווי אַ ריטער, ווי אַ פאַרטיידיקער, וואָס וועט פעכטן צוליב איר פאַרשעמונג. אָבער באַוויזן האָט ער זיך קליינמוטיק ווי אַ ביליקער אַלפאַנס. אַלע זיינע צוזאָגן זיינען אויסגערונען, אַלע זיינע ווונטשן האָבן אָפּגענאַרט. נישט קיין שפּיל־באַלעם איז דער מיאוסער קאַפּיטאַן אין אירע הענט, נישט קיין מאַריאָנעטן־פיגור, נישט קיין אָרעם שוצלאָז באַשעפעניש, נאָר אַ לייב, און וועמענס מויל אַלבערטאָ שטופּט זי, זי זאָל פאַרצוקט ווערן.

די טענצערין האָט געשיקט נאָך איין בליק פון שווידער און טרויער צו אַלבערטאָ און מער האָט זי זיך נישט געקווענקלט. זי האָט האַסטיק זיך געלאָזט צו דער טיר.

אַלבערטאָ איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער באַליידיקטער קאַרמען און געבליבן שטיין אויף דער שוועל. זיין אידל, געפּייניקט פּנים, ברוין ווי קאַווע־קאַליר, האָט געלויכטן. אין די אויגן האָבן זיך געצונדן פאָספאָרפייערלעך, ווי ביי אַ באַגייסטערטן דערוויש. די ווערטער זיינען געפאַלן פון זיינע ליפּן בריענדיקע.

— גיי קאַרמען, שעמעוודיקייט איז אַ ליגן און בושה איז פאַלש איך אַנגעזיכט פון דעם צעוויקלטן דאָקומענט, וואָס וועט אויפדעקן די פעלשונג. מאַגעלאַן איז נישט אומגעקומען אויף די פיליפּינער אינזלען, ווי די כראָניקער האָבן דערציילט. ער איז צוריקגעקומען אויף דער שיף „וויטאָריאַ" מיט זיינע איין און דרייסיק צעשלאָגענע מענער. די אינטריגאַנטן אין קעניגלעכן הויף האָבן — פאַרן כבוד פון דער שפּאַנישער קרוין — אים פאַרלאַנגט אַ טויטן און ער האָט געמאַכט גלויבן די וועלט, אַז ער איז טויט. ער איז אָבער געווען אַ צוקוקער פון זיין אייגענער לויה. ער איז אַליין געווען אַן עדות פון זיין באַגרעבעניש־דינסט. אַזוי דערציילט דער דאָקומענט...

אַלבערטאָ האָט זיך געוויגט. זיינע אויגן האָבן געפלאַמט. ער האָט גערעדט:

— ...עס איז געווען אין יאָר 1522. די קאַפּליצע איז געווען איינגעהילט

אין שוואַרץ. הונדערטער וואַקסענע ליכט האָבן נישט געקענט פאַרטרייבן די פינצטערניש אַרום. די קלויסטער ברידער אין זייערע לאַנגע מאַנאַכן־קליידער און די קעניגלעכע דינערשאַפט אין די סאַמעטענע הערמעליין־קאָסטיומען זיינען געשטאַנען אַרום דעם הויכן, טונקעלן קאַטאַפאַלק. דאָס באַגרעבעניש־דינסט איז אָפּגעריכט געוואָרן מיט קלאַנגעריי און געיאָמער. די געזאַנגען און תפילות פון די מאָנאַכן האָבן געהילכט ווי א רוישנדיקער אָרקעסטער. דאָס האָבן זיי געוואָלט געפינען פאַר דער אָפּגעגאַנגענער נשמה אַ זיץ־אָרט צווישן די געבענטשטע אין הימל. די געבליבענע, די געטרייע פון זיין צעשלאָגענער מאַנשאַפט זיינען צעגאַנגען פון געוויין און רחמנות, ווען זיי האָבן געקוקט אויף דעם טונקעלן קאַטאַפאַלק. און אויסגעמישט מיט די לויה־באַגלייטער, איינגעהילט אין אַ שוואַרצער מאַנטילאָ, ווי איינער פון די מאָנאַכן, מיט אַן אָנגעצונדענעם ליכט אין האַנט, איז געשטאַנען מאַגעלאַן אַליין, ווי אַ צוקוקער פון זיין אייגענער באַגרעבעניש... האָט ער געוויינט אויף דעם באַטרוג? האָט ער געלאַכט פון דעם מאַסקאַראַד? קיינער האָט עס נישט געקענט וויסן. מען האָט אָבער געזען, ווי ער האָט דערלאַנגט זיין ליכט דעם גייסטליכן אין די הענט אַריין — אַ צייכן, אַז ער גיט איבער זיין נשמה דעם אַלמעכטיקן — — — —

קיינער האָט דעם באַגייסטערטן אַלבערטאָ איצט נישט געהערט. די טענצעריין האָט זיך נישט באַוויזן. דער קאַפּיטאַן איז געווען פאַרשוווּנדן אונטער אַ זייטיקער טיר. אַלבערטאָ האָט געקוקט צו דער טיר, ווו פון יענער זייט האָט זיך געטראָגן אַ פאַרדעכטיקער גערויש. ער האָט געוואַרט דער קאַפּיטאַן זאָל אַרויסקומען מיט דעם דאָקומענט, וואָס איז אַזוי ווערטפול, ווי די שטיינערנע לוחות. דאָס וואַרטן האָט געדויערט צו לאַנג. דער אומגעדולד האָט געלאַשן די באַגייסטערונג און ווען עס איז נישט געקומען די אויסניכטערונג, האָט אַלבערטאָ פּלוצים גענומען פרעסן אַ פיינליכע חרטה.

לאַנג איז ער געשטאַנען אַ פאַרגאַפטער ווי ער וואָלט זיך געוווּנדערט, פון וואַנען ער אַליין קומט דאָ אַהער. די אויסניכטערונג איז איבערגעגאַנגען אין אַ לעבהאַפטער וואַכזאַמקייט. די פאַרפירטקייט האָט מיטאַמאָל זיך אָפּגעטאָן. די פאַרבלענדעניש איז אַוועק. און וואָס לענגער ער האָט געוואַרט, אַלץ אימפּעטיקער האָט דער פאַרדאַכט געיאָגט צו דער טיר, הינטער וועלכער עס האָט זיך איצט געטראָגן אַזאַ אומהיימלעכע רוישלאָזיקייט.

ער האָט געמאַכט אַ שריט פאַרויס צו דער שוועל, אָבער די טיר איז געווען פאַרהאַקט. ער איז געבליבן שטיין מיט קרעמפּן אויף זיין געפייניקט פנים.

אַלבערטאָס פייניקונג איז איבערגעריסן געוואָרן פון אַ שטילן גערויש. אין דער פראָנט־טיר, וואָס האָט מיט אַ לייכטן שטויס זיך געעפנט, האָט זיך באַוויזן די טענצעריין. אַ ווײַלע האָט זי געקוקט מיט אומפאַרגעב־

ליכן פאַרוואורף אויף אַלבערטאָן, דערנאָך האָט זי מיט אַ לייכטן קלאַפּ אין דער זייטיקער טיר אַרויסגערופן דעם קאַפּיטאַן.

דער קאַפּיטאַן איז אַרויס אויף דער שוועל. דערזען די טענצעריין און זיין פּנים, פול מיט פּאַקן־לעכער, האָט אויפגעלויכטן. אַ באַגייסטער־טער האָט ער אָנגענומען איר האַנט און, ווי אַ פאַרליוירענער שכור גע־פּלאַפּלט צו איר אַז אויפהער, געפּלאַפּלט שטילע ווערטער ווי אַ ווידוי. קאַרמען האָט געלאַכט, שטאַרק געלאַכט און אַז זי האָט גענוג זיך געהאַט אָנגעהערט, האָט זי אים איבערגעלאָזט און זיך דערנענטערט צום צעטומלטן אַלבערטאָ.

זי איז געשטאַנען פאַר אים ווי אַן אָנקלעגעריז. אירע ליפּן, גע־פּלעקט אויף ווײַנשל־רויט, האָבן געבריט. אין די שיינע סאַרנע־אויגן האָבן איצט געטיקט פלעמלעך פון שנאה און נקמה. זי האָט געוויספּערט:

— ביזט אַ דורכגעפאַלענער טרוימער, אַלבערטאָ. דיין ערנהאַפּטער אַפּמאַך, וואָס דו האָסט געפּלאַנט, איז געווען אַ דורכפאַל. דו ביזט געווען ענטוזיאַסטיש. ער איז געווען באַגייסטערט. אָבער אין זיין פרייד, אין זיין היציקער באַגייסטערונג, האָט ער דערווייל זיך אויסגעגעבן פאַר מיר. ער האָט נישט דעם דאָקומענט. ווי אַ פילאָזאָף און שאַרלאַטאַן האָט ער אונדז ביידן גענאַרט. זיין פעאיקייט אויף ליגן איז איבעראַשנדיק. זיין אוניפאָרם פאַרדעקט אַ קרימינעלע באַשעפטיקונג. ער איז אַן אַפּיום־שמוגלער. ער וויל מיך האָבן אין זיין דינסט... און איך האָב אַזוי ווייניק פאַרשטאַנען מיין ווערט און נוצלעכקייט פאַר מענער, וואָס זיינען טרוימער און שאַרלאַטאַנען...

אַלבערטאָ דע קאַרלאָס איז געשטאַנען אַ דערשלאָגענער. פון אָנ־מעכטיקייט האָט ער זיך געווישט די אַנגסטן פון שטערן און נאָכגעקוקט ווי קאַרמען שאַרט זיך אַרויס פונעם האָטעל־צימער. איר פאַרוואורף, ווי אַ שווערער האַמער־קלאַפּ איבער זיין קאָפּ, האָט באַשטעטיקט, אַז ער איז אַ דורכגעפאַלענער טרוימער. נאָך מער: ער איז אַ פאַרבלאָנדזשעטער רי־זיקאַנט, וואָס האָט איינגעשטעלט און פאַרשפּילט. אַ פּראַקטישער, אַ מער דורכגעטריבענער ווי ער, וואָלט אויף אַ כיטרען אופן געפּרוווט צוריק אַרויסבאַקומען דעם מאַגעלאַן־דאָקומענט, ווען דאָס וואָלט אפילו עקזיסטירט און געווען אין אַ פרעמדן באַזיץ. אָבער ער, דער אָנמעכטיקער, איז גרייט געווען איבערצוגעבן דעם שאַרלאַטאַן זיין קאַרמען — די פרוי, וואָס האָט אין איר לעצטער האַנדלונג געוואָלט זיין ריין ווי אַ יונגפרוי, צניעותדיק ווי אַ נאָנע.

און מיט דער פאַרליורנקייט פון אַ ריזיקאַנט, וואָס האָט אַלץ פאַר־שפּילט, האָט ער איצט זיך געלאָזט צו דער טיר. די פאַרביטערונג האָט געלאָשן די לעצטע פרייד. דער דורכפאַל האָט געלאָזט אויסרינען דעם לעצטן ווונטש.

ער האָט לאַנגזאַם זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער טרעפּ. פון אונטער

זיינע פיס האָט זיך אַרויסגעגליטשט דער טעפּיך פון מזלות. זיין פּראָק איז געווען צעפּראַלט ווי אַ שירעם, דער קאָלנער איז געווען צעפּלויגן. די פּאַסמעס האָר — צעשויבערט. זיינע קניען האָבן אין גאַנג זיך געוואַקלט און געגומען זינקען, פּונקט ווי עס האָבן איצט געזונקען די שיפן, וואָס האָבן אים, דעם יורש פון מאַגעלאַן, דעם רויבער פון די ימען, געדאַרפט אַרויספירן פון ניו יאָרקער האַפן און אים ברענגען אַ זיגרייכן, אַ רומפולן צו די ברעגן פון פּאָרטוגאַל.

ניו יאָרק, 1943

זעכצן יורשים

I

אין שוי־פענצטער פון טשיאַנג יאַ לי'ס אַנטקי־קראַם זיינען געלעגן אַ שטאָלענע שפּיז, אַ בראָנזענע בודאַ־סטאַטוע און אַ טוץ פּאָרצעלייענע טיי־שאָלן, — און אין זיין לעדערנעם, אָנגעשטאָפּטן פּאָרטפעל איז געווען פאַרשטעקט ווי אַן איינגעוויקלטער פּאַפּירוס, די צוואה פון זיין פעטער לי טאה.

צוויי מאָל אַ טאָג, נאָכן עפענען און פאַרן שליסן די טירן פון זיין אַנטיק־קראַם, האָט טשיאַנג יאַ לי איבערגעקוקט די צוואה, ווי מען קוקט איבער אַ שווערע מאַפּע. די זאַצן האָבן אויסגעזען ווי פאַרדרייטע, געשלענגלטע וועגן, און די ציפערן — ווי פעסטונגען, וואָס מען קען נישט איינעמען. גאַנץ פעל־סטריט אין כינעזישן קוואַרטאַל האָט געשפּעט פון זיין פעטערס בייזער צוואה, וואָס האָט שווער געמאַכט איינצוטיילן דאָס פאַרמעגן צווישן די יורשים.

טשיאַנג האָט נישט מיטגעשפּעט. ער איז געווען צעטומלט. אין זיין פאַרלעגנהייט האָט ער געגאַפט צו דער וואַנט, אַריבער דער אייזערנער קאַסע, וווּ ס'איז געהאַנגען דאָס בילד פון זיין זיידן וואה לי, ווי ער וואָלט ביים זקן געבעטן אַן עצה. מיט אַריבער זיבעציק יאָר צוריק איז וואה לי געקומען פון סאַן פראַנציסקאָ מיט אַ זעקל ציטרוסן אויף די פּלייצעס און געעפנט דאָס ערשטע געוועלבל אויף פעל סטריט. דער זיידע האָט געטראָגן אַ לאַנגן צאָפּ. ער האָט זיך געהילט אין אַ געלן כאַלאַט און קיינמאָל נישט אַראָפּגענומען פון נאַקעטן שאַרבן די טשאַלמע מיטן קנאָפּ, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון געלן טייך. ער האָט גערעדט מאַנדאַריש. ער איז געווען דער חכם פון קוואַרטאַל, אַ פאַרמיטלער און עצה־געבער, אַ טרעפער, וואָס קען פאַרויסזען אויף יאָרן. אויף זיינע ליפּן האָבן שטענדיק גערוט די געלאַסענע פראַזן פון קאָנפוציוס.

טשיאַנג האָט שטום געבעטן צום אָפּבילד פון זיין זיידע, עס זאָל אים געגעבן ווערן חכמה און פאַרשטענדעניש. זיבן זין האָט דער זיידע געהאַט אין סאַן פראַנציסקאָ. זעקס זיינען געבליבן אָרעמע לייט. בלויז

דער בכור לי טאה איז ארויס פון דחקות, נאך דעם ווי ער איז אריבערגעקומען קיין ניו יארק און אנגעהויבן צו אימפארטירן טראפישע פרוכטן. מיט דעם אפגעשפארטן עשירות האט ער אפגעקויפט א שפיל־הויז. ער האט אראפגעבראכט מעסער־שלינגערס און פיראטן פון קאנטאן צו פארווײלן דאס פאלק פון כינעזישן קווארטאל. ער האט גערונגען אקטיארן, וואס האבן געשפילט אונטערוועלט־רויבער און מלחמה־העלדן. אין פארלויף פון פינף און צוואנציק יאר האבן אויף דער בינע פון זיין טעאטער געפאכעט שווערדן און בלוט איז געפלאסן ווי וואסער. די פארשטעלונגען האבן אים אריינגעברענגט רייכטום און כבוד. פון דעם רייכטום איז ער געווארן פעט, געשוואלן ווי א בארג, אז מען האט אים געמוזט פירן אויף א ראד־שטול און פון צופיל כבוד האט ער אריינגעצויגן אין די טיפע אכציקער.

צוויי יאר פאר זיין טויט האט לי טאה אנגעשריבן זיין צוואה, אז דאס ווייב מיט די זעכצן זין און אויך די מוידן, וואס וועלן ווערן די ווייבער פון זיינע זין, זאלן קריגן איינגעטיילט יעדער א גלייכן חלק מיטן תנאי, אז די אלמנה מיט די זעכצן פארפאלקן זאלן זייער גאנץ לעבן וווינען אונטערן זעלבן דאך פונעם זעלבן הויז אויף פעל־סטריט, וווּ ער, לי טאה, האט אין ווילטאג און אין כבוד זיך געעלטערט.

יורשים ווילן קריגן זייער ירושה אין יעדער צוואה־שרייבער באשטייט, מען זאל אויספילן זיין ווילן. און טשיאנגן איז באשערט געווען אכטונג צו געבן, אז זיין פעטערס צוואה זאל שטרענג דורכגעפירט ווערן.

אויפן צווייטן חודש נאך דער באגרעבעניש האט טשיאנג צונויפגעזאמלט זיבן פון די יורשים — אלע דינע, איבערגעוואקסענע יונגען — אין אן אלטן, אפגעשונדענעם רעסטאראן אויף מאט־סטריט. זיי האבן זיך געזעצט ארום א קיילעכדיקן טיש. טשיאנג האט באשטעלט געבאקענע רייז און צעמאלענע הינער־פלייש. אלע זיינען געווען טרויעריק און געגעסן פון איין און דער זעלבער שיסל, כדי ארויסצוווייזן דאס אבלות איבערן משפחה־אומגליק. טשיאנג האט זיך געקרעקט מיט די שפייזן. ער האט אראפגעשלונגען דעם לעצטן לעפל געקעכטס ווי א ביטערע רפואה און געזאגט:

— אייער טאטע לי טאה איז געשטארבן און איבערגעלאזט א פארמעגן.

— מיר ווייסן — האבן די יורשים געענטפערט.

— אייער טאטע לי טאה האט אנגעשריבן א צוואה און איז באשטאנען מע זאל אים אויספאלגן.

— אויך דאס ווייסן מיר — האבן די זין געענטפערט.

טשיאנג האט פארזשמורעט די שמאלע פאסיקלעך אויגן. געקלאפט מיט די דעקלעך ווי ער וואלט געגאפט אויף די פרעכע יורשים און געזאגט ווייטער:

— אייער טאַטע לי טאַה האָט איבערגעלאָזט געלט. ער האָט אי־בערגעלאָזט אַ געבײַדע אויף פּעל־סטריט און אַ שפּיל־הויז אַרום טשעטהאַם־סקווער. זײַן ערשטער ווילן איז, אַז פונעם געלט זאָל יעדער יורש קריגן אַ גלײַכן חלק. זײַן צווייטער ווילן איז, אַז אין דעם שפּיל־הויז זאָלט איר ווייטער לאָזן זיך פאַרווײַלן דאָס כינעזישע פאָלק און זײַן דריטער ווילן איז. אַז אונטערן דאַך פון דער געבײַדע זאָל יעדער פון אײַך וווינען מיט דער מויד, וואָס איר וועט נעמען פאַר אַ ווײַב.

די אבלים האָבן געענטפערט דורכן מויל פון דעם בכור.

— מיר וועלן נעמען יעדער איינער אַ גלײַכן חלק פון געלט. מיר וועלן לאָזן דאָס כינעזישע פאָלק זיך פאַרווײַלן אין אונדזער שפּיל־הויז. אָבער מיט די מוידן, וואָס מיר דאַרפן נעמען פאַר ווײַבער, וועלן מיר אונטער איין דאַך נישט וווינען.

טשיאַנג האָט שטאַרקער געקלאַפּט מיט די אויגן־דעקלעך ווי אַ הון, ווען זי האַלט בײַם אײַנדרימלען און מיט אַ געבײַזער זיך געפרעגט.

—איר טראָגט זיך אַרום מיט פּלענער נישט חתונה צו האָבן?

— מיר ווייסן נישט — האָבן די אבלים געענטפערט דורכן מויל פון דעם בכור.

טשיאַנג האָט געזיפצט ווי אַ פאַרזאָרגטער טאַטע:

— שלעכט. אונדזער כינעזישע שטאָט איז אַ פאַרטרויערטע מענער־וועלט. אַכט מאַנסבילן צו איין פרוי. טויזנטער עגונות וואַרטן נאָך אין פּעקין, אין נאַנקין, און אין קאַנטאָן... זייערע אײַנגעוואַנדערטע מענער האָבן פאַרגעסן זיי אַריבערצונעמען, וואָס רעכנט איר, זין פון לי טאַה צו טאָן? בלײַבן אַלטע פּרושים?

די זין האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און גאָרנישט געענטפערט און טשיאַנג האָט ווייטער געזאָגט:

— אונדזער כינעזישע שטאָט איז דער בייזער װוּנדער פון ניו־יאָרק. בײַנאַכט קומען טוריסטן אַהער און זוכן מעסערשטעכערס און אָפּיום־רויכערערס. מיר זײַנען מענטשן פון אַן אַנדערער וועלט... אַכט מענער צו איין פרוי. דער קוואַרטאַל איז פול מיט פּרושים. די גאַסן זײַנען פאַרפלייצט מיט זיי, וואָס פאָלגן נישט אויס דעם טאַטנס צוואה...

טשיאַנג האָט איבערגעלאָזט די אבלים בײַ דער ליידיקער שיסל און איז אַרויס אין גאַס. די חרפּה האָט אַרויסגערופן אַלע רינצלעך און קנייטשן אויפן געפעלדלטן פּנים. ער האָט געוואָלט צוריקגיין אין דער אַנטיק־קראָם. פון פאַרדרוס האָט ער געמאַכט אַ טעות און זיך אַרײַנגעדרייט אויף מאָט סטריט. די גאַס איז געווען באַלעבט. אין אַ פענצטער פון אַ געפוצטער כינעזישער שפּייז־האַלע זײַנען אויף אַ שטאַנג געהאַנגען פרישאָפּגעבראָטענע עופות, שמאַלציקע. פּעטע מיט גאַנצע קעפּ און מיט גאַנצע שנאָבלען, ווי זיי וואָלטן אָפּערגעכאַפּט געוואָרן פון אונטערן שוחטס חלף

און איינגעבאַלזאַמיוּט געוואָרן. דאָס שמאַלץ האָט געטריפט פון די פּול־קעס, פון די שפּיץ־פינגער און פון די פּיסקעס.

טשיאַנג האָט געקוקט אויף דער טיר. הויך איבערן אַריינגאַנג איז געהאַנגען אַ טאָפּלטע לופט־שילד. אויף דעם בלויען גלאָז איז געווען אויסגעמאָלן אַ באַבייכלטער כינעזער אין אַ ברייטער קימאָנע, אין אַ פּאָר אויסגעבעטע לעמשלעך. אַן אויפשריפט האָט אָנגעזאָגט: קאַנטאָנישע ספּעציאַליטעטן, שפּייזן פון פּעקין.

אַ בלאָק ווייטער האָט אַרויסגעקוקט די בויערי. די אייזערנע סלופּעס, וואָס האָבן אונטערגעשפּאַרט די רעלסן פונעם עלעווייטעד, האָבן אָנגעלייגט אַ חשכות איבער די גאַסן.

אין פראָנט פון אַ געשיר־געשעפט, וואָס איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט שווערע קאָלירטע וואַזעס און פּאָרצעלייענע קאָנפוציוס־פיגורן, איז געשטאַנען אַ קרענצל „בוקים" — פערד־איינשטעלער — און זיך געסודעט. אַ פּאָר ריזיקאַנטן האָבן געשטופּט געלט אין זייערע הענט אַריין און חשק געהאַט צו שלעפּן דאָס מזל פאַר די אויערן.

טשיאַנג האָט געלאַכט פון די מזל־פּאַרקויפערס, וואָס האַנדלען אין מיטן גאַס. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז ווען מע זאָל אַ קראַץ טאָן דעם ערשטן פערדל־איינשטעלער וועט אַרויסשפּרינגען אַ גאָלד־גרעבער וואָס מיינט, אַז ער וואַרעמט אויס אוצרות אין זיין בוזעם. די הנאה פון זוכן דאָס גרויסע געווינס איז העכער ווי דאָס ווערטפולע פאַרשווענדעניש — די צייט... ער האָט זיך דערמאָנט אַ ווערטל, וואָס אַ ריכטער האָט געזאָגט: „דעם איינשטעלערס ווייב פאַרמאָגט נישט קיין צירונג. זי טראָגט אויף זיך איר מאַנס רעזערוו־קאַפּיטאַל".

טשיאַנגס שפּאַטיש געלעכטערל איז נישט אַראָפּ פון זיינע ליפּן ווען ער איז שוין געווען אין עק בלאָק. ער האָט נישט געשפּירט ווי עמיצער גייט אים נאָך מיט דראָבנע טריט און ציילט נאָך זיינע באַוועגונגען, ערשט ביים אַריבערגיין די צווייטע זייט גאַס האָט אַ ברייטלעכער, אויסגערונדיקטער כינעזער מיט אַ לייכטן שוועבנדיקן גאַנג אים אַ שלעפּ געגעבן הינטערווייַלעכץ פאַרן אַרבל. טשיאַנג האָט זיך אויסגעדרייט. אויף אים האָט געהאַלטן זיינע אויגן דער פּלוידערזאַק פון כינעזישן קוואַרטאַל, דער סלחן, דער פאַרגעבער, וואָס פאַרענטפערט קריוודעס און פאַרזעט אומרעכטן.

— לאַכסט פון די שפּילערס, טשיאַנג? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

— און דו. באַן האַנג, נעמסט ערנסט די לידיקגייערס?

— שפּילן איז אַ טוגנד, אַ העכערע באַשעפטיקונג ווי דאָס געיעג נאָך רייכטום — האָט באַן האַנג געזאָגט.

— אַ באַשעפטיקונג?

— שפּיל האָט, ווי יעדע גלוסטונג, אירע קאַטעגאָריעס. צי דו גלויבסט צי נישט, טשיאַנג. אַז מען שפּילט קאָרטן איז עס אַ צייט־פאַרטרייב, אַז

מע שפּילט שאָך, איז עס אַ פאַרמעסט צווישן צוויי מוחות, און אַז מען שפּילט פערדלעך, ווייל מען אַניאָגן דאָס רעטעניש, וואָס פאַרשטעלט דאָס מזל פון מענטש.

— אונדזער קוואַרטאַל קען זיך באַגיין אָן פערד־שפּילער — האָט טשיאַנג נישט פאַרטראָגן, וואָס באָן האַנג מאַכט שלום מיט אַלע מיאוס־קייטן — די יונגען זיינען געגנוג פאַרדאָרבן.

— גאַנץ ניו יאָרק איז פול מיט מזל־זוכערס, יעדע געגנט איז אַ הייל פון לוסט־יעגערס. און וואָס ווילסטו טשיאַנג, אַז דער כינעזישער קוואַרטאַל זאָל אַרויסלויכטן פון דעם אינדזל ניו יאָרק, ווי אַ דיאַמאַנט־בראָש שיינט אַרויס פון אַ ווייס העמד?

טשיאַנג האָט אַרויפגעוואָרפן אויף באָן האַנגן אַ בליק פול מיט פאַרוואורף. דער פּלוידערזאַק פון קוואַרטאַל איז געווען זאַט און נאָכגי־ביק. קעגן קיין זאַך האָט ער נישט געהאַט אויסצוזעצן. טשיאַנג האָט קרום געקוקט אויף זיין געשטעל. זיין גאַנצע פיגור איז געווען אויסגערונדיקט. טאָרבעלעך אונטער די אויגן, קישעלעך אַרום די באַקן, גערונצלטע פאַלדן אונטער דער גאָמבע.ביידע האָבן זיך אַנגעקוקט אַרויסרופעריש. טשיאַנג מיט צאָרן, באָן האַנג — מיט איבערבעטעניש. באָן האַנג איז נאָך נישט געווען פאַרטיק מיט זיין קעגנער. נישט בלויז די צונג, נאָר אַלע צען פינגער האָט ער גענומען צוהילף אויפצוהויבן די חשיבות פון דעם כי־נעזישן קוואַרטאַל, וואָס ווערט אָפּגעשפּעט פון איינגעזעסענע כינעזער און באַוואונדערט פון פרעמדע באַזוכער.

— אונדזער קוואַרטאַל איז אַ קנויל מיט פרידלעכע געסלעך. אונ־דזערע מענטשן גייען געלאַסן. אפילו אונדזערע אויטאָמאָבילן יאָגן זיך נישט, נאָר ציען לאַנגזאַם ווי שליטנס איבערן שניי... האָסט שוין געזען, טשיאַנג, אַז יונגע כינעזער זאָלן אַרומלויפן איבער דער וועלט? טויזנ־טער פון אונדזערע יונגען האָבן געדינט אין דער אַרמיי. זיי האָבן זיך געשיפט איבער ימען און געוואַנדערט איבער מדבריות. אָבער ווי פריד־לעכע בירגער פאַרלאָזן זיי קיינמאָל נישט די היימען... דער וויטסטער אַרויספאָר פון אונדזערס אַז איינוווינער איז וואו? פּעקין? פּאַריז? סאַן פראַנציסקאָ? ניין! ס'איז האָבאָקען, אין ניו דזשוירזי!

דאָס פלאַפּלדיקע מויל פון באָן האַנג האָט גערעדט צו יעדן פאַר־בייגייער אין גאַס. טשיאַנג איז שוין געווען ווייט פון אים. זיינע שפּרייזן זיינען געוואָרן לענגער, צעצויגענער. ער האָט מיט דער האַנט אַ טרייסל געטאָן דאָס רעכטע אויער, ווי ער וואָלט וועלן פון דאָרט אַרויסשאָקלען די זשומענדיקע קלאַנגען. דער פּלוידערזאַק פון קוואַרטאַל האָט צייט, און ער, טשיאַנג, מוז זיך איילן אַרויפצוציגען אויף די יורשים די צוואה, ווען ער זאָל זיי אָפילו דאַרפן שלעפּן צו די ריכטער. נישט פאַרן שטאָט־געריכט וועט ער די יורשים שטעלן, נאָר פאַרן כינעזישן משפּט.

טשיאַנג איז געווען באַליידיקט וואָס דאָס אייגענע געריכט מיט די

געקליבענע שופטים געפינט זיך נאך אלץ אויף דעם אויבערשטן שטאק פון אן אפגעשונדענעם טענעמענט־הויז. די ווענט זיינען דעקארירט מיט פערזן פון אלטע כינעזישע פאעטן. די טירן זיינען ביי די פרידלעכע משפטים פארשלאסן. די שטרייטנדיקע כינעזער טרעטן אריבער די שוועל מיט ערפורכט ווי מען גייט אריין אין א טעמפל. יעדער אורטייל איז ענדגילטיק. מען קען נישט אפעלירן. פונדעסטוועגן וועט דער כינעזישער מענטש נישט טראגן זיינע קאנפליקטן אין ניו יארקער שטאט־געריכט, נאר וועט געהארכזאם אננעמען דעם פסק דין פון זיינע שופטים.

דער געדאנק וועגן דער געהארכזאמקייט צום כינעזישן געריכט האט נישט פארטריבן דאס טראכטעניש פון די אייגענע ווידערשפעניקע יורשים. ביים טשעטהאם־סקווער האט טשיאנג זיך געשפיגלט אין א געפוצטער שויב, הינטער וועלכער ס'זיינען געווען אויסגעשטעלט איינגעטריקנטע פיש, טשערעפאכעס און ים־ווערים. אינעווייניק, אין שוי־פענצטער איז אויף די קניען געזעסן דער קראם־אייגנטימער, — א קיילעכדיקער, פעטלעד ווי א יעוונוד, מיט אן אויסגעשפיצטן גאלן שארבן, — און איבערגעשטעלט די חפצים. ער האט אויסגעהאנגען פארביקע האלז־טיכלעך מיט פראנזן, ווי פראנטישע טליתימלעך. ער האט איבערגעקוקט טיולענע לאמפ־אבאזשורן. ער האט זארגעוודיק אויסגעסדרט קנוילן טאבאק און בייטשן שווערע קרעלן. ער האט דורך דער שויב געוונקען צו טשיאנגן. דער וונק האט באדייט א פריינטלעכע באגריסונג, אבער מער ווי א גלייכגילטיקן קאפ־שאקל האט טשיאנג אים נישט צוריקגעשאנקען. ווי זאט און צופרידן מוז אט דער קרעמער זיין — האט אין טשיאנגס מוח זיך דורכגעווינטלט א טראכטונג — ער שפייזט געווים זיין מאגן מיט ספעציאליטעטן פון קאנטאן און נאשערייען פון פעקין און אין זיין הויז וואקסן מסתמא ווידערשפעניקע זין...

II

די צווייטע קראם, וווּ טשיאנג איז פארבייגעגאנגען, איז געווען א בוכהאנדלונג. א טרעפ מיט א פארענטש האט געפירט אראפ, א האלבן שטאק נידעריקער. די טיר איז געווען אפן. אינעווייניק, אין פראנט פאר אן אלטפרענקישן שרייבטיש איז געזעסן דער אייגנטימער, פארגליווערט ווי א געץ און ארייגעקוקט אין א קאטאלאג. קעגנאיבער, ביי אן אנגעשטאפטער וואנט. האבן עטלעכע עלטערע כינעזער מיט וואטענע בערדלעך זיך געבויגן איבער גראב־בייכיקע ביכער. זיי האבן יעדער באזונדער אויף שטום־לשון געשמועסט מיט דער שריפט, געקארבט דעם שטערן און געטייטשט מיט די פינגער ווי צעטומלטע חכמים, וואס פירן דיסקוסיעס מיט די ווענט.

הינטער דער גומערירטער רעגיסטער־קאסע האט דער פלעגמאטישער קאסירער, א ווייכער מאנסביל מיט ווייבערישע תנועות, געשפילט מיט א שכן פון א דערבייאיקער קראם כינעזישע דאמינא, אז איינצושטעלן א סענט. אלץ אין דער בוכהאנדלונג איז געווען אזוי געלאסן, אז מען האט געקענט הערן דעם שטילן, ריטמישן שעפטש פון דעם גרויסן אכט עקיקן שטיי־זייגער, וואס איז געשטאנען אינמיטן דיל, ווי א מאנומענט.

טשיאנג איז אראפגעלאפן די טרעפ מיט אזא האסטיקייט, ווי ער וואלט זיך געאיילט אנצוזאגן וועגן א שרפה. דער געלאסענער בוכהענדלער האט נישט ארויסגענומען די אויגן פון קאטאלאג. די עלטערע כינעזער מיט די וואטענע בערדלעך האבן נישט אויפגעהערט צו ריידן צו די ווענט. דער שטיי־זייגער האט נישט אפגעשטעלט דעם ריטמישן שעפטש.

„דער אמת ליגט אין קעלער און דער טעות שטייט אויף דער טרעפ״ — האט טשיאנג זיך דערמאנט אן אלטן שפרוך און איז אריבער די שוועל. אויב ער, טשיאנג, איז איצט נישט קיין פולער טעות, איז ער אבער אנגעשטעקט מיט קווענקלעניש. א ווײַלע איז ער מקנא געווען דעם געלאסענעם בוכהענדלער וואס טראכט מיושבדיק און פעסט, און זיין שטאנדהאפטיקייט טראגט אים אויף אן אייזערנער בריק.

ער האט אפגעווישט די מרה שחורה־קנייטשן פון זיין שטערן און מיט פלוצימדיקער לוסטיקייט באגריסט דעם בוכהענדלער:

— קוק מיך אן, טשארלי לעאנק!

דער בוכהענדלער האט ווי אן אנגעצויגענע מאריאנעטן־פופע זיך אויסגעדרייט. ער האט א פיר געגעבן מיט דער האנט איבער זיין אפגעדעקטן קאפשייטל. דער נאקעטער שארבן האט געגלאנצט ווי צעלאפאן־פאפיר.

טשיאנג האט אויפגעכאפט אן אויסגעלאשענעם שמייכל אויף דעם בוכהענדלערס ליפן און ער איז געווארן ריידעוודיק.

— מע רעדט, אז ביכער באפרייען פון זארגן ווי פילן פון קאפווייטיק. קענסט עם אפשטרייטן, טשארלי?

— זארגן וווינען נישט אין מיין הויז — האט דער בוכהענדלער זיפצנדיק געציילט די זילבן פון יעדןווארט — מיינע ווענט זיינען פול מיט ביכער און זיי דינען בלויז די קלארע קעפ. א מענטש איז אזוי אלט ווי ער פילט און א קאפ איז אזוי שווער ווי ער וועגט... דיין קאפ האט א היפשע וואג, טשיאנג. וואס באזארגט דיך, א משפחה־שטרייט?

— דער שטרייט איז צווישן מיין פארשטארבענעם פעטער און זיינע יורשים. איך בין דער דריטער צד.

— וואלסט געמעגט גערענקען, טשיאנג, אז אין גן־עדן איז אויך געווען א דריטער צד און ער האט א סך קאליע געמאכט...

— מיינסט די שלאנג? דא ביי מיר איז נישט קיין הימל־מעשה טשארלי לעאנק. ס'איז אן ערדישער שטרייט צווישן משפחה־מענטשן, א

שטריט אין אונדזער קווארטאל. די יורשים ווילן נישט אויספאלגן די צוואה. מען מוז זי אויף זיי ארויפצווינגען.

אויף דעם בוכהענדלערס פנים האט געגרוט א געלאסענער קאנפוציוס־שמייכל. טשיאנג האט נישט פארטראגן דעם פארגליווערטן בליק. א פראסט האט פון אים געיאגט. אבער ער האט געטאמעוועט דעם פארדרוס, ווייל דעם בוכהענדלערס געפרווירענער בליק האט געפרעגט: ביסט געקומען מיך הערן אדער אקעגן־ריידן? טשיאנג האט באשלאסן צו הערן, נאכצוגעבן. „אויב דו האסט באגעגנט א פריינט — איז געווען דער אויספיר — פארמאך איין אויג. אויב דו דארפסט האלטן דעם פריינט, פארמאך ביידע אויגן".

דער בוכהענדלער האט איבערגעמישט דעם קאטאלאג. ער האט ארויסגענומען פונעם שופלאד א ברוינע ליולקע. לאנג ווי א ציבעק, און זי גוט אנגעשטאפט מיט טאבאק. פארויכערנדיק האט ער לאנג געקוקט צום קאסע־רעגיסטער, ווו דער הילצערנער געזימס איז געווען באדעקט מיט א נעץ גראווירן. איבערן אויסגעשניצטן קאנטאר זיינען געהאנגען גאלדענע צווייגן און קופערנע בלעטער־געפלעכטן, אויסגעפארמט ווי א בויגן־טויער. דער בוכהענדלער האט געזויגן דעם רויך טראפנווייז, ווי מען זופט הייסע קאווע. צווישן איין זופ און צווייטן האט ער אויסגעארבעט זיין פסק וועגן דעם צוואה־שטריט:

— די יורשים אין דיין משפחה זיינען אנגעשטעקט מיט גלוסטונגען. זייערע אפעטיטן ליגן אויסגעבעט אין זייערע הערצער ווי קעצעלעך אין א קארב. א שטרענגער אפוטרופוס דארף די קעצעלעך ארויסיאגן...

טשיאנג האט צארנדיק געציילט די ווייסע וואלקנדלעך איבער דעם בוכהענדלערס קאפ. ער האט נישט פארטראגן קיין מענטשן, וואס רויכערן אזוי פרידלעך ליולקעס נאר כדי ארויסצובלאזן א רויך־פארהאנג צווישן זייערע ווערטער און מעשים. טשארלי לעאנק שפילט זיך מיט רויך און מיט רייך. ער ווייס, אז די עלטערן אין כינעזישן קווארטאל זיינען אנטוישט פון זייערע קינדער. א וואנט שטייט צווישן ביידע דורות. צוליב וואס האבן די זיידעס פון קאנטאן און פעקין אויסגעבויט דעם קווארטאל? עס זאל זיין א קנויל מיט גאסן, ווו ס'ווערט אויפגעהיטן אז אלט שטיק כינע? און וואס איז איצט דער קווארטאל? ס'איז נישט כינע און ס'איז נישט אמעריקע. אן אויסטערלישער אינדזל אויף דער מאפע פון ניו יארק. צווישן די מויערן פון דעם קווארטאל האלטן אלטע מנהגים אין אפשטארבן און נייע האלטן נאך נישט ביים אויפקומען.

דער בוכהענדלער האט, זויגנדיק די ליולקע, דורכגעזופט טשיאנגס אומעטיקע געדאנקען און געזאגט:

— דיין פעטער איז געשטארבן רייך, אמת, טשיאנג? זיינע זין האבן געירשנט זיין הצלחה. אבער הצלחה איז פונקט ווי א באליידיקונג, זייער ווייניק מענטשן קענען עס פארטראגן...

משיאַנג׳ן האָט דעם בוכהענדלערס זאָג ווידער נישט געהייטערט. דער אויספיר איז געווען דער זעלביקער. אַ פאַרמויערט וועלט .ווערט חרוב. דער אַלטער דור פראָוועט חתונות און לוויות מיט די זעלבע צערעמאָניעס ווי אין קאַנטאָן. ביי אַ געבורטסטאָג האַלט מען די ווייבער אָפּגעשלאָסן און נאָך אַ לוויה קומען די אבלים צו אַ טרויער־סעודה. בכבודיקע פרויען וויינען ביי פייערלעכע כינעזישע פאַרשטעלונגען און לייכטזיניקע טעכטער אַפּלאָדירן אַמעריקאַנער טעאַטער־קאָמעדיאַנטן. זקנים לייענען שווערע גע־ליישטע ביכער און דאָס יונגוואַרג קוויקט זיך מיט פוסטע וויצן־בלעטער.

דער צוועק פון וויזיט האָט משיאַנגן דערמאָנט, אַז ער איז דורכגע־פאַלן. אַן אָפּהענטיקער, מיט ביטערע העוויות אַרום די מויל־ווינקלען, האָט ער זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. אויפן וועג צו דער טיר האָט ער נאָכאַמאָל אָנגענומען דעם בוכהענדלער פאַר אַ האַנט:

— האָסט אַן עצה, משאַרלי לעאָנק?

— וואָס איז דער הויפּט־שטרייט?

— די צוואה. זעכצן יורשים מוזן זיך באַזעצן אין זעכצן וווינונגען פון זיין הויז אויף פעל־סטריט מיט זעכצן פרויען, וואָס זיי ווילן נעמען פאַר זייערע ווייבער... זעכצן יורשים וועלן אַרבן די ירושה, די פאַרמעגנס, דאָס געלט און דערפאַר מוזן זיי פאַרווילן דאָס כינעזישע פאָלק אין זייער שפּיל־הויז.

— דאָס זאָגט די צוואה — האָט משאַרלי לעאָנק איבערגעשלאָגן — וואָס ענטפערן די יורשים?

— די יורשים זיינען וויליק צו נעמען דאָס געלט. זיי ווילן אָנהאַלטן דאָס שפּיל־הויז. אָבער זעכצן וווינונגען מיט זעכצן ווייבער וועלן זיי נישט נעמען.

— אויב די יורשים ווילן נישט קיין זעכצן וווינונגען, גיב זיי זעכצן קברים! — האָט דער בוכהענדלער אַרויסגעגעבן זיין אורטייל.

— קברים? פאַר לעבעדיקע יונגע קברים?

דער בוכהענדלער האָט פון ישוב הדעת לאַנגזאַם געפירט מיט דער האַנט איבער זיין קאָפּ־שייטל. דער נאַקעטער שאַרבן האָט געגלאַנצט ווי צעלאָפאַן־פאַפּיר. ער האָט געזאָגט:

— עפן פאַר זיי זעכצן קברים און באַגראָב דאָרט די זעכצן ירושות. די ירושה קומט זיי, אָבער געניסן ביים לעבן טאָרן זיי נישט. דאָזיין איז אַ שאָטן און גליק איז א בליץ. אַ הויז איז צייטווייליק, ווייל ס׳איז פול מיט פרייד און אַ קבר איז אייביק — ווייל ס׳הערשט דאָרט טרויער. פאַרוואַנדל זייערע וווינונגען אין קברים און זאָלן די באַגראָבענע ירושות זיין אַ שטראָף פאַר זייער ווידערשפּעניקייט.

משיאַנג האָט אַ צעטומלטער זיך געלאָזט צו דער טיר. דאָס קול פונעם בוכהענדלער האָט אים נאָכגעיאָגט:

— פארוואנדל זייערע וווינונגען אין קברים און באגראב דארט די זעכצן ירושות...

טשיאנגס צוריקער צום הויז פון די יורשים איז געגאנגען מיט דעם זעלבן וועג. פון צעטראגנקייט האט ער ווידעראמאל נישט אויסגעמיטן מאט סטריט, וואס האט געווימלט מיט דורכגייער. דער טאג האט זיך גענומען לעשן. אין די שוי־פענצטער פון די קראמען זיינען אויסגערונגען די לעצטע זון־שטרייפן. פארבייגייענדיק די כינעזישע שפייז־האלע, ווו ס'זיינען נאך אלץ געהאנגען די שמאלציקע, אפגעבראטענע עופות — האט טשיאנג אויסגעדרייט דעם קאפ כדי נישט צו קוויקן זיך מיט די געשמאקע ריחות. ער האט איבערגעטראכט דעם בוכהענדלערס עצה און געקומען צום אויספיר, אז טראכטן שלעפערט איין דעם מוח בעת זיין געהירן מוז איצט זיין וואך. אויב ער זאל דורכפירן טשארלי לעאנקס פלאן, וועט ער ארויסרופן קעגן זיך א גאס מיט דערצארנטע מענטשן. דער פיש־הענדלער וועט פון אים שפעטן. דער באלעבאס פון דעם טשאפ־סואי־רעסטאראן וועט זיך ערגערן, וואס ער פארלירט די בעסטע פרעסערס. דער אייגנטימער פון לוויה־טשאפל וועט אים באווארפן מיט זיינע בלומען־טעפ. גאנץ פעל־סטריט וועט הירזשען פון פרייד. וואס ער, טשיאנג, איז גערירט אויפן קאפ...

די אויסגעדוכטע שטראף, וואס ווארט אויף אים, האט שטארקער געמאכט זיין קווענקלעניש. ער האט זיך אפגעשטעלט פאר א ברייטער קראם, אנגעלאדן מיט לעדער, בארשטן און טאבאק. קעגנאיבער, פאר א פאבריק מיט לאקשן האבן טרעגערס פון א לאסט־אויטא אפגעלאדנט צענדליקער שמאלע, לייכטע זעקלעך מעל ווי פוכאווע פעדער־קישנס. א וועג־ווייזער אין א מונדיר, מיט גילדענע שליפעס און פראנזן ווי א פעלד־מארשאל, האט געפירט א גרופע טוריסטן איבער דער גאס. ביים כינעזישן פאלקס־געריכט האט ער זיך אפגעשטעלט, געזאגט א פאר ווערטער און געטייטלט מיט די פינגער אויפן איינגעשרומפענעם פאסט־אפיס אנטקעגן, וואס איז געווען קלענער פון אן אלקער און טונקעלער פון א הייל. טשיאנגן איז נישט נעפעלן דער מארש פון די טוריסטן, וואס בלייבן שטיין ביי יעדער מויער און פון התפעלות בלעקערצן זיי מיט די צינגער. די כינעזער אין דער געגנט לאכן פון די קריכערס וואס רופן אן זייערע שמאלע, אויסגעפלאטערטע גאסן: עקזאטישער קווארטאל.

מיט קווענקלעניש אין קאפ און מיט פארדאכטן אין הארץ האט זיך טשיאנג ארייננעדרייט אויף פעל־סטריט. די גאס איז געווען האלב אפגעלײדיקט. פון אומגעדולד האט ער געוואלט שניידן דעם וועג און געשפאנט איבער א שמאלן דורכגאנג־ליק. דער ליק, פינצטער ווי א קעשענע, האט אים געפירט צום הויז פון די יורשים — א פיר־שטאקיקע געבײדע פון געלע ציגל...

קוקנדיק אויפן גרין־געפארבטן טויער האט די קווענקלעניש פון אים

זיך אָפּגעטאָן. דער באַשלוס אויסצופּאָלגן דעם בוכהענדלערס עצה האָט אים געמאַכט שטאַנדהאַפֿטיק. די לאָמטערנע ביים אַריינגאַנג האָט געלויכטן אומעטיק ווי אַ שטערן. טשיאַנג האָט געהויבן די אויגן אַרויף צו דער פֿראַנט־מויער. טייל פֿענצטער זיינען געווען טונקל. אין טייל האָט געגלימערט אַ קאַרגער שיין. מיט דער געשווינדקייט פֿונעם אויג־פּינטל האָט ער אויסגערעכנט וויפֿל פֿון די יורשים ס'זיינען נישטאָ אין דער היים. זיבן אבֿלים האָט ער איבערגעלאָזט ביי די ליידיקע שיסלען אין רעסטאָראַן. דער ווילן איז געווען אַזוי פֿלינק ווי דער איינפֿאַל, וואָס האָט געהייסן אויסראַמען דעם עלטסטן יורש ס דירה. זאָלן זיינע צימערן ווערן אַ ליידיקער קבֿר. טשאַרלי, דער בוך־מילב איז גערעכט, אָבער מוראדיק איבערגעאיילט. זעכצן וווינונגען קען מען נישט חרובֿ מאַכן. אָבער איין אויסגעליידיקטע וווינונג קען זיין אַ וואָרענונג פֿאַר די ווידערשפּעניקע יורשים... און נישט בלויז וועט ער די וווינונג אויסראַמען. נאָר ער וועט דאָס מעבל אונטערצינדן. זאָל פֿון דער שׂרפֿה שפּאָרן אַ רויך, וואָס וועט צוזאַמענטרייבן די נאַראָנים פֿון כינעזישן קוואַרטאַל.

III

שטאַרבן איז אַן אומעטיקער אַקט, פּונקט ווי געבוירן ווערן איז אַ לעכערלעכע דערשיינונג — האָט צו טשיאַנגן געשעפּטשעט אַן אַלטער פֿאַרגעסענער שפּרוך. און מען דאַרף נישט קיין מער אומעטיקן אַקט ווי די שׂרפֿה הינטער דער טיר פֿון רייכע יורשים... די לוסט צו מאַכן אַ שׂרפֿה האָט אים פֿון פֿאַרטריבן אַלע ערגערנישן, וואָס קענען קומען נאָכדעם ווי די פֿייער־צינגער וועלן שפּייען צום הימל. עס וועלן אַנלויפֿן די פֿייערלעשער מיט די לעש־קישקעס. פֿריילעכע פּלוידערזעק וועלן טייטלען אויף אים מיט די פֿינגער. שכנים וועלן אַלאַרמירן און אַן אַמבולאַנס וועט אים שלעפּן אין שטאָטישן משוגעים־שפּיטאָל. דער מעיאָר אַליין וועט זאָרגן, אַז דער וואַנזיניקער זאָל קריגן זיין היילונג...

דאָס בילד איז געווען נישט פֿריילעך, אָבער טשיאַנג איז גרייט געווען איינצושטעלן. פֿאַרן אַריינגיין אין טרעפּן־הויז האָט ער געשיקט אַ בליק הינטערווייַלעכץ כדי צו זיין אויסגעקויפֿט ביים געוויסן. דערנאָך האָט ער מיט אַ ווייז־פֿינגער געדריקט אויף אַ פּערלמוטערן קנעפּל אין וואַנט. אויפֿן קלונג האָט זיך דערהערט דער שווערער גאַנג פֿון דעם דזשעניטאָר. ער האָט געמאַכט אַ גאַנצן שטאָק טרעפּן, פֿונעם קעלער אַרויף, צו באַגעגענען טשיאַנגן.

טשיאַנג האָט געקוקט אויף דעם דזשעניטאָר ניקאָלאַס, אַ שווערער אָנגעקרעפּטער גריך מיט אַ סאַפּעדיק האַרץ, און צום הונדערטסטן מאָל באַשטעטיקט, אַז זיין פֿעטער האָט געמאַכט אַ גוטן אויסוואַל. ער האָט

נישט דערלאָזט, אַז אַ כינעזער זאָל קערן די טרעפּ פון זיין הויז. דער גריך וואַשט געטריי דעם דיל מיט די ווענט. ער מאָנט דירה־געלט ווי אַ שטרענגער שטייער־קאָלעקטאָר, ער שליסט נישט קיין באַקאַנטשאַפט מיט שכנים און פאָלגט אויס באַפעלן ווי אַ תם.

טשיאַנגן איז איצט נויטיק געווען די געטריישאַפט פון אַ תם. דעם דזשעניטאָרס איינציקער פעלער איז, וואָס זיין האַרץ קלאַפּט צו האַסטיק. פונדעסטוועגן האָט טשיאַנג אַרויסגעגראַבלט פון וועסט־טעשל אַ שליסל, וואָס קען עפענען זעכצן פרעמדע טירן פון זעכצן פרעמדע וווינונגען און זיי דערלאַנגט דעם דזשעניטאָר.

— ניק, וועסט עפענען די טיר נומער פערצן און אַרויסטראָגן דאָס מעבל אויף דער גאַס.

ביים דזשעניטאָר האָט דאָס האַרץ האַסטיקער גענומען סאָפּען. זיין שעפּסן־פּנים איז געווען פאַרחידושט. אין די אויגן האָבן זיך געצונדן פייערלעך פון ליכטער ווידערשפּעניקייט.

— די צימערן זיינען פּוסטער, טשיאַנג. און קיינער איז אין הויז נישטאָ.

— ניק, עס רעדט צו דיר דער אויפזעער פון דעם גרויסן הויז...

— כ'האָב זעכצן יורשים איצט אין הויז, טשיאַנג, און אַלע זאָגן, זיי זיינען אויפזעערס.

— ניק, זינט מיין פעטער לי טאַה איז אָפּגעשטאָרבן און די זין ווילן נישט אויספילן די צוואה, זיינען נישטאָ קיין זעכצן יורשים.

ניק האָט געהאָרכזאַם צוגענומען דעם שליסל. שפּרייזנדיק איבער די טרעפּ אַרויף צום צווייטן שטאָק, האָט ער אַפילו נישט געוואָלט טראַכטן צי ס'זיינען דאָ יורשים איבערן הויז. נאָכן טויט פון אַלטן לי טאַה האָט ער פאַרלוירן זיין באַלעבאָס. די זין זיינען פויל און נאַכלעסיק. און טשיאַנג באַפעלט ווי אַ באָס און צאָלט ווי אַ באָס.

אויפן אַכצנטן טרעפּ האָט ניקן פאַרפעלט אָטעם. דאָס האַסטיקע האַרץ־סאָפּעניש האָט דערמאָנט, אַז צו שלעפּן מעבל דאַרף מען מער ווי איין פּאָר הענט. ער האָט אַראָפּגעשריגן צו טשיאַנגן אין טרעפּן־הויז.

— ווער וועט מיר העלפן אַרויסטראָגן דאָס מעבל?

טשיאַנג, וואָס האָט זיך גערעכנט אויף דער פראַגע, האָט אַרויפגעשיקט זיין ענטפער איבער צוויי שטאָק טרעפּ.

—ביסט גערעכט, ניק, כ'וועל אַרויפרופן דזשעפערסאָנען, דעם מאַן פון דער גאַזאָלין־סטאַנציע.

אַ נעגער מיט אַ לאַכעדיק פּנים, ווי טאַנטע דזשעמיימאַ אויף די סאַבוויי־פּלאַקאַטן און מיט פּלייצעס ווי בעלקעס, האָט באַגעגנט דעם דזשעניטאָר אין דער אויפגעשלאָסענער טיר נומער פערצן. ער האָט אַרויסגענומען פון דעם וועסט אַן אויסגעלאָשענעם ציגאַר און אַריינגעשטעקט צווישן די ליפּן. ער האָט געפרעגט:

— טשיאנג גייט ארויסווארפן א שכן?

— אלץ וואס כ'וויים, מען דארף ארויסטראגן די מעבל.

— דער כינעזער טיילט מוף־צעטלען ביינאכט — האט דער נעגער זיך צעלאכט מיט קנוילן געלעכטער — און וועמען? אן אייגענעם קוזין! דערוואַרט זיך! לי טהאם עלטסטער זון. דער פרינץ פון טשיינאטאון ווערט ארויסגעווארפן פון הויז... זיי וועלן זיך נאך איבערשניידן איינס דאס אנדערע די גארגלען. כ'וויים נישט וואס דו, ניק, טראכסט וועגן דיין געשטארבענעם באס, אבער מוזט צוגעבן, אז דער אלטער האט געווירטשאפט מיט אן אייזערנער האנט... די זין זיינען געווען פויל, אבער נישט קיין אויסברעכערס, טשיאנגס אומגליק איז, וואס ער פארטראגט נישט קיין לידיקגייערס. די יורשים פארשווענדן דאס פארמעגן און פעלסטריט רעדט, אז טשיאנג וויל פארכאפן די ירושה פאר זיך... מען קען טייטשן לי טאהם לעצטן ווילן ווי מען וויל... און א גוטער לאיער קען שטעלן דאס געזעץ אויף זיין זייט. גלויבסט עס? איך וואלט נישט געהאט קיין הארץ ארויסצווארפן אן אייגענעם, אפילו ווען ער צאלט נישט... דערצו שלעפט ער נאך מיך אוועק פון גאזאלין־טאנק צו העלפן ארויסשליידערן דאס מעבל.. דזשעפערסאן האט ליב צו מאכן אן עקסטרא דאלער. אבער נישט ביי א שמוציקן דזשאב... זע, די ציגאר איז גאר פארלאשן! א שטיקל פייער, ניק?

ניק האט אנגעצונדן א טאשן־לעמפל. א העלער שטראם ליכט איז געשפרונגען פון איין שטיק מעבל אויפן צווייטן און ווי א ווייז־פינגער אנגעוויזן דעם בארעדעוודיקן דזשעפערסאן וואס ארויסצוטראגן. דזשעפערסאן, וואס האט געזוכט א שוועבעלע אין די קעשענעס. האט זיך א ווײלע געקווענקלט. כאטש ער האט פיינט געהאט עשירות, האט ער אבער נישט געהאט קיין נייגונג חרוב צו מאכן יענעמס אייגנטום. ניק האט נישט געוואלט טראכטן וועגן רעכט און אומרעכט. ער האט נישט גערעכטפערטיקט און נישט פארורטיילט טשיאנגס האנדלונג. ער האט אנגענומען א שפיגל־שאפע און געווארט דער גאזאלין־מאן זאל צולייגן א האנט. דזשעפערסאן האט ארויסגעשאטן א פאר קנוילן געלעכטער און מיט געשיקטקייט א נעם געטאן די שאפע ביים געשניצטן געזימס און זי אנגעשפארט אויף די אקסלען. ניק האט נאכגעטראגן די הילצערנע פיסלעך. ביידע האבן זיך אראפגעלאזט איבער די טרעפ. פונעם נעגערס געלעכטער האט די שאפע אויף זיינע פלייצעס זיך געטרייסלט און דער דזשעניטאר האט מורא געהאט, ס'זאלן נישט צעבראכן ווערן די פערלמוטערנע ארנאמענטן אויפן טירל. דער נעגער האט נישט אויפגעהערט צו שיסן מיט קולות. דאס געלעכטער איז געווארן ספאזמאטיש. די באקנביינער האבן זיך אנגעצויגן ווי פילקעס, די מוסקולן אין האלדז זיינען געווארן אנגעשטייפט. עס האבן אים געווארפן קאנוולסיעס. דאס געלעכטער האט געקלונגען ווי א קייך־הוסט. וואס מען קען נישט אפשטעלן.

אונטן, אויף דער גאַס האָט טשיאַנג באַגעגנט ביידע טרעגערס מיט אַן אומצופרידענעם שעפּטש. ער האָט איצט ווידער געהאַט מרה־שחורה־קגייטשן אויפן שטערן און אַנגעוויזן ס'אַרט וווּ די שאַפּע אוועקצושטעלן. ער האָט גערעדט מיט אַ געבייזער.

— אַרבעטסט צו לאַנגזאַם, דזשעפּערסאַן. מיט אַזאַ גאַנג וועסטו אַריינאַרבעטן ביז פּאַרטאַגס...

ביי דזשעפּערסאַנען האָבן די פּלייצעס זיך געוויגט ווי אַ הוידע. דאָס מויל האָט אַרויסגעשאָטן קנוילן געלעכטער מיט אַ הייזעריקלעכן קוויטש. דאָס געלעכטער איז געוואָרן שפּיציקער און ספּאַזמאַטישער און פאַרהילכט דאָס געסל. צווישן איין ספּאַזם און דעם צווייטן האָט ער באַוויזן אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם און אַרויסגעזאָגט.

— וואָס איילסטו זיך מיטן מוף־צעטל אינמיטן נאַכט? וואָס איילסטו זיך, טשיאַנג?

— ס'איז נישט קיין מוף־צעטל. כ'גיי דאָס מעבל פאַרברענען...

דאָס געלעכטער ביים נעגער האָט כהרף עין זיך אָפּגעטאָן. די ברייטע אויגן־ווייסלען האָבן געגלימערט ווי שטיקלעך גלאָז. ער האָט פלינק אוועקגעשטעלט די שאַפּע און גענומען אָפּציען.

אויף דזשעפּערסאָנס געלעכטער האָבן דערווייל זיך געעפנט פענצטער פון דעם שכנותדיקן הויז. די ספּאַזמאַטישע קולות האָבן אַרויסגערופן אַ צעמישעניש. קיינער האָט נישט געוווּסט צי דאָס זיינען קולות פון פרייד, צי געשרייען נאָך הילף. אַ זקן, אין אַ הויכער ווייסער מיץ, האָט אַרויסגעשטעקט אַ קאָפּ מיט אַן אויסגעבלעקערצטער צונג. דער בעקער פון אונטערשטן שטאָק איז אַרויסגעקומען אין זיין אויפגעקנעפּלטן קאַפּטאָן. פון אַ קעלער אַרויס האָט זיך באַוויזן אַ צעיאַכמערטער לאַנדרימאַן מיט אַ היים פּרעס־אייזן, גרייט צו פאַרטיידיקן זיין געסל פון אַן איבערפאַל. דער גערודער איז געשטיגן. ס'האָט זיך שוין געזען אַן אָנלויפעניש פון די אַרומיקע געסלעך. און אינמיטן דעם געליאַרעם האָט דער דזשעניטאָר מיט דעם סאָפּענדיקן האַרץ געהאַרכזאַם און געלאָזן אַראָפּגעטראָגן איין שטיק מעבל נאָכן צווייטן.

דאָס באַלעבאַטישקייט איז געלעגן גרייט פאַר אַ פלאַקער. אין געציילטע מינוטן האָט דאָס אייגנטום פון אַ ווידערשפּעניקן יורש געדאַרפט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַש. טשיאַנג איז באַשערט געווען אויסצופירן די שטראָף, אָבער דער אויפגערעגטער כינעזישער אַפּטרופּוס האָט איצט געפּירט אַ העפטיקן שטרייט מיט זיין געוויסן. וואָס האָט געצעגערט אויסצופאָלגן דעם בוכהענדלערס עצה.

IV

צווישן די אנגעלאפענע געסל־מענטשן האט זיך געטראגן א וויספעריי פון מויל צו אויער אז טשיאנג גייט נישט בלויז פארברענען דעם יורשם מעבל, נאר ער וועט אויך אונטערצינדן דאס גאנצע הויז צו קענען איינקאסירן דאס פארזיכערונגס־געלט. די פארחידושטע צווישן דעם אנלויפעניש האבן אים געהאלטן פאר משוגע. די אויפגערעגטע — פאר א פארברעכער.

— ס'איז א משוגענער איינפאל!

— מען דארף אים שיקן אין א דול־הויז!

— לי טאה ליגט אין קבר און זיין ירושה גייט אויפן פלאקער...

— אויב די יורשים האבן א שטרייט, זאלן זיי זיך פארגלייכן ביים טיש פון גערעכטיקייט!

— וואס, עס זיינען שוין נישטא קיין ריכטער אין אונדזער שטאט?

עס האט זיך דערנענטערט א באבייבלטער כינעזער אין א בלויער גלאנציקער קימאנע מיט אויסגעבעטע לעטשלעד אויף די פיס. זיינע אויגן זיינען געווען פארגלייזלט. זיין שמייכל פארגליווערט, ווי מען וואלט אים נאר וואס אראפגענומען פון א פארצעלייענער וואזע. ער האט זיך צוגע־רוקט מיט דראבנע טריטעלעך אין פראנט פון דעם אנגעשטעלטן מעבל און אריבערגעשריגן די היציקע קולות:

— דאס מעבל איז אלטע שניצעריי־ארבעט. לי טאה האט דאס אהערגעפירט מיט פערציק יאר צוריק פון קאנטאן. אין אלע אמעריקעס וועט מען נישט געפינען קיין מייסטער, וואס זאל קענען נאכמאכן אזא טיש מיט פליגלען צי אזא שאפע מיט געשניצטע געזימסן. נישטא קיין מבינים אויף קאסטבארע גראוויר־ארבעטן און כ'פארשטיי נישט ווי טשיאנג לי יא, אליין אן אנטיק־הענדלער, זאל האבן א הארץ צו פארניכטן אזא ווערטפול אייגנטום...

טשיאנג האט אויפגעהויבן די אויגן און באשטעטיקט, אז ער איז ארומגערינגלט פון די נאראנים פון כינעזישן קווארטאל. אלץ איז גע־שען ווי ער האט פארויסגעזען. אלע שונאים זיינע האבן זיך אפגעזוכט. ער האט געקענט אפציילן די באקאנטע פנימער. אינעם גלימער פון דער נאכט־פינצטערניש איז פון דער אויסדוכטעניש געווארן אן אמתע זע־אונג. דער פיש־הענדלער האט געשפעט מיט א טייוולאניש געלעכטער. דער באלעבאס פון דעם טשאפ סואי־רעסטאראן האט באדויערט וואס מען גייט שלעכטס טאן זיינע בעסטע קונדן און דער אייגנטימער פון דעם לוויה־טשאפל איז געווען גרייט אים צו באווארפן מיט זיינע בלומען־טעפ.

טשיאנגס גוף, וואס איז געווען קנאפ אין וווקס און ווינציק אין מאס האט איצט געוווגען וואג. אין אנבליק פונעם אנלויפעניש איז די קווענק־

לעניש אַוועק. מיט אַ האַנטוויש איבערן פּנים האָט ער אָפּגעמעקט די מרה שחורה־קנייטשן. פון זיינע שמאָלע פּאַסיקלעך אויגן האָבן געשפּריצט פינצטערע פייערלעך. אין די קליינע פויסטן איז געווען איינגעקלאַמערט אַ גבורה, גרייט זיך צו ראַנגלען מיט די אָפּשפּעטער, וואָס ווילן שטערן אים אָנצוצינדן די שרפה.

טשיאַנג האָט מיט טענצלדיקע טריט אַרומגעקרייזט די אָנגעוואָרפענע מעבל, ווי ער וואָלט גענומען דעם לעצטן אינווענטאַר. די שאַפע מיט די געשניצטע געזימסן, דער טיש מיט די פּליגלען, די רויטע קאָמאָדע מיט די אויסקריצונגען, די שטולן מיט די גראַוויורן, זיינען איצט געלעגן ווי פאַרמשפּטע בעלי־חיים, וואָס וואַרטן אויפן צייכן פון הענקער. דער פיש־הענדלער איז ווי אַ טייוול אויסגעוואַקסן און אַוועקגעלייגט אַ וויעכעטש שטרוי איינגעווייקט אין קעראָסין. ביים געהאָרכזאַמען דזשעניטאָר האָט דאָס האַרץ זיך געהויבן ווי אַ בלאָז־פענכער. דער אָנגעלאָפענער המון איז געווען געשפּאַנט ס'זאָל זיך אָנהויבן דער אַקט פון צעשטערונג. טשיאַנג האָט מיט די שפּיץ פינגער געזוכט אין דעם וועסט־טעשעלע זיין זילבער־נעם סיגאַרעטן־צינדער.

פון די אָפענע פענצטער און טירן, ווי פון ווייטע פאַרפאַלעניש, האָבן צו אים אַריבערגעשריגן שפּאָט־קולות, אַז ער וועט נישט וואַגן. דאָס האָט צערייצט זיין רוגזה. זיינע נאָזלעכער האָבן געשיפּעט, ווי זיי וואָלטן שוין געשלונגען די ברענ־ריחות פון דעם פלאַקערנדיקן מעבל. די שמאָלע פאַ־סיקלעך אויגן האָבן נישט אָנגעקוואָלן פון פרייד. זיי האָבן זיך געדעמפט אין כמאַרעס טרויער. אין די אויערן האָט ווידער אַמאָל אַריינגעשעפּטשעט דער פאַרגעסענער שפּרוך: „שטאַרבן איז אַן אומעטיקער אַקט, פונקט ווי געבוירן ווערן איז אַ לעכערלעכע דערשיינונג... אויב די שרפה וועט זיין אַן אומעטיקער אַקט — האָט דער שפּרוך ווייטער געשעפּטשעט — וועט טשיאַנג זיין דאָס לעכערלעכסטע באַשעפעניש אויף דער כינעזישער גאַס".

לעכערלעך צי טויט ערנסט, די באַצייכענונג האָט טשיאַנגען נישט געאַרט. וואָס עס האָט יאָ אָפּגעטעמפּט זיין וואַכזאַמקייט אויף אַ ווײַלע, איז געווען דאָס סירענע־פייפעניש, וואָס האָט פלוצים גענומען קוויטשען אין זיינע אויערן. טשיאַנג האָט געדרייט מיטן קאָפּ אין אַלע זייטן. פון וואַנען קומט דאָס פייפעניש? די סירענע־גוואַלדן, וואָס האָבן זיך גע־האַלטן אין איין דערנענטערן, זיינען געוואָרן שפּיציקער און קוויטשענ־דיקער, באַגלייט פון צעצויגענע האַמער־קלעפּ.

ביז טשיאַנג האָט זיך אַרומגעזען, אַז דאָס גערויש דערנענטערט זיך פון טשעטהאַם־סקווער, האָבן אַלע פאַרדאַכטן זיך שוין באַשטעטיקט. די נאַראָנים פון כינעזישן קוואַרטאַל זיינען געווען פלינקער. אַ ליץ האָט אַלאַרמירט די פייערלעשער נאָך איידער די שרפה האָט אויסגעבראָכן.

דער פייערלעשער־וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווי אַן אָפּגעשליפע־נער אַרקעסטער פון טראָמפּייטערס. די רויטע ליכט־סיגנאַלן האָבן גע־

בלינקט. די מעשענע רערן האָבן ווי שפּיגלען אַריינגעכאַפּט די פּנימער פונעם אָנגעלאָפענעם המון. פייערלעשער מיט העק, ווי פלינקע גזלנים, זיינען בהלהדיק געשפּרונגען אין אַלע פיר זייטן.

טשיאַנג האָט נישט געהערט דאָס אויסגעבראָכענע געלעכטער פונעם המון. ער האָט נישט געזען ווי מען לאָזט אַראָפּ די לעש־קישקעס. אין זיינע אויערן האָט גערוישט דאָס פּיפּעריי פון אַ צווייטן אַנלויפנדיקן וואָגן, ווי שאַקאַלן וואָלטן געוואָיעט. ער האָט נישט באַוויזן אָנצושפּיצן דאָס געהער צו דערגיין פון וועלכער ריכטונג דאָס נייע פּיפּעריי קומט, ווי אַ ווייסער אַמבולאַנס האָט זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט. אַ ווייסע קראַנקן־שוועסטער איז אַרויסגעשפּרונגען. צענדליקער פינגער, צעשפּרייטע, קנאַכיקע האָבן אויף אים געטייטלט. אַ מאַן אין ווייסן, מיט אַ צוואַנג־העמדל וואָס מען וואַרפט אַרויף אויף משוגעים, האָט מיט באַלאַנסירנדיקע טריט — ווי אַ דראָטן־גייער — זיך דערנענטערט צו אים.

דער באַבייכלטער כינעזער אין דער בלויער, גלאַנציקער קימאָנע האָט ווידעראַמאָל זיך גערוקט צו אים מיט דראָבנע טריטעלעך. זיינע אויגן זיינען געווען פאַרגלייזלט. זיין שמייכל — פאַרגליווערט, ווען די ליפּן האָבן אומעטיק געשעפּטשעט:

— וואָס גייסטו טאָן, טשיאַנג? די וועלט ווייסט, אַז כינעזער זיינען געלאַסענע מענטשן. זיי טשעפּען נישט קיין דורכגייער און שטעלן נישט אָפּ קיין פּאָליסמאַן. זיי פרעגן נישט דעם קאָנדוקטאָר אין סאָבוויי ווו צו פאָרן, נאָר טראָגן אין די קעשענעס אייגענע מאַפּעס... און דאָ גייסטו אונטערצינדן אַ פלאַקער? מ'וועט דאָך מיינען, אַז כינעזער מאַכן חרוב שטעט, אַז אונדזער קוואַרטאַל קערט זיך אום צו די טעג פון די טאָנג־שלאַכטן...

טשיאַנג איז געווען פאַרבלענדעט פון ווייסקייט. איבער זיין שטערן האָבן זיך געגאָסן אַנגסטן. אין דער פינצטערניש פון געסל האָבן די ווייכע פלעקן געשראָקן ווי פליגל פון רויב־פייגל. ער האָט זיך גערוקט אויף צוריק. אין דער רגע פון פאַרלוירנקייט האָט ער געהאַט גענוג צייט צו באַשטעטיקן, אַז באַן האַנג, דער פלוידערזאַק פון כינעזישן קוואַרטאַל איז פריער געווען גערעכט שפּיל איז אַ טונגנד און דער אַנלויף האָט דאָס שפּיל גלענצנדיק אויסגעשפּילט. מען האָט אַרויסגערופן די פייערלעשער. מען האָט אָנגערייצט אויף אים די משוגעים־כאַפּערס און ער ווערט איצט געשטויסן הינטערווייַלעכץ ווי אין אַ מויז־לאָך...

טשיאַנג האָט געקוקט אַרום זיך מיט אויסגעוועפּטן גדולה. די צוריקגעוואונענע רואיקייט, וואָס האָט אים געזאָלט אַרויסנעמען פון דער פאַרשעמטקייט, האָט אים געמונטערט, געיאָגט צו באַשליסן, אַז סיי ער, סיי דער אַנלויף — צוויי שונאים — ווערן געטריבן פון איין און דערזעלבער בייזער שטויס־קראַפט צו צעשטערן. ער, טשיאַנג, וויל אוים

נקמה פארברענגען דאס מעבל און דער אנלויף וויל צעשטערן זיין לוסט נאך נקמה. אבער צווישן צוויי צעשטערער קען געווינען בלויז איינער, דער צוואה־אויספאלגער, וואס איז גערעכט ווי א שופט.

טשיאנג האט געזוכט אן אויסוועג פון דער קלעם און זיך דערזען איינגעקנוילט. ס'האט זיך מער נישט ארויסגעזען ניק, דער געהארכזאמער דזשעניטאר. ס'איז אויסגערונען דזשעפערסאן, דער לאבעדיקער נעגער פון דער גאזאלין־סטאנציע. פון צווישן דער מענגע קעפ האט פלוצים זיך ארויסגערוקט א שאטנדיקע געשטאלט, וואס האט זיך געטראגן צו אים מיט געלאסענע, וויגנדיקע טריט. אין קורצן גאנג האט די געשטאלט אנגעטאן בלוט און פלייש און זיך פארוואנדלט אין אן אויסגערונדיקטער, פעטלעכער פיגור. אין דעם טונקעלן גלימער האט טשיאנג נישט געדארפט איינבויערן די אויגן צו דערקענען דעם פרעמדן. עס איז געווען באן־האנג, דער פלוידערזאק פון קווארטאל.

טשיאנג האט אים געשטאכן מיט די אויגן און געוואלט פעסטשטעלן וועמען אט דער פארגעבער האט געהאלפן אלארמירן — די פייערלעשער? צי די משוגעים־כאפערס?

זיין געשטעל איז געווען פונקט ווי בייטאג אויסגעפעסלט. זיין פנים זאט. טארבעלעך אונטער די אויגן, קישעלעך ארום די באקן און פאלדן אונטער דער גאמבע. ער האט זיך צוגעבויגן צו טשיאנגן. דערנאך ווייך אנגענומען זיין ארעם און אים צוגעפריט א שריט נענטער צום אמבולאנס. פון זיינע אנגעבלאזענע ליפן האבן זיך ארפגעקייקלט ווערטער גלעקלדיקע:

— אונדזער קווארטאל איז א קנויל מיט פרידלעכע געסלעך, טשיאנג. אונדזערע מענטשן גייען געלאסן... אפילו די אויטאמאבילן ציען זיך ווי שליטנס אויפן שניי. און דו ווילסט אריינטראגן א מהומה? די פייערלעשער האט מען נישט געדארפט, אבער דער אמבולאנס האט געפונען זיין פאציענט...

באן האנג האט שטארקער געצויגן טשיאנגן פארן ארעם, טיפער אריינגעקוקט אים אין די אויגן און די רייד זיינע איבערגעגאנגען אין א שטילן, צעצויגענעם וויספער:

— דו נויטיקסט זיך אין רו, טשיאנג... עס פעלט דיר געלאסנקייט. א כינעזער ווערט באמת אלט, ווען ער פארטראגט נישט קיין ווידערשפעניקע קרובים און ער באראט זיך צו גיך... דער אמבולאנס איז דער וואגן פון רו און רו ווארעמט ווי אן אויסגעבעטע געלעגער — — —

באן האנגס שטיל פליסטערן האט אריינגעפילדערט אין טשיאנגס אויערן ווי א ווייטער פארטויבנדיקער גערויש. דאס גערויש האט אים אויסגעטאן פון ווידערשטאנד און אים צוגעשטופט צום ערשטן טרעפל פון אמבולאנס. אויפן צווייטן טרעפל איז ער געווארן אנמעכטיק און זיך

דערשפּירט אײַנגעקלאַמערט אין די פעסטע אָרעמס פונעם שטרענגן מאַן מיטן צוואַנג־העמדל. בײדע טירלעך זײַנען געשטאַנען אויפגעפּראַלטע, ווי די טויערן, וואָס פירן צו רו.

ניו־יאָרק, 1947

די דערציילונגען אינעם איצטיקן בוך זיינען פריער געווען געדרוקט:

דער דאָקטאָר פון וויליאַמסבורג — אין „עפּאָכע״ (ניו יאָרק)

די 24 שעה פון אויגוסט גייגער — אין „צוקונפט״ (ניו יאָרק)
(געווונען ליטעראַרישע קאָנקורס־פּרעמיע אין 1945)

די שטאָט פון צאָרן — (א. נ. קינס חוב״) אין „יידישע קולטור״
(ניו יאָרק)

לינקאָלנס ביינער — אין „טאָג־מאָרגן זשורנאַל״ (ניו יאָרק)

אַ ווונדערפּאַל — אין „מאָרגן־זשורנאַל״ (ניו־יאָרק)

די געשיכטע פון אַ האָר־פּאַרוק — אין „יידישן קעמפער״ (ניו יאָרק)

אויף מאלבערי־סטריט — אין „מאָרגן זשורנאַל״, (ניו יאָרק)

דער טעפּיך פון מזלות — אין מאָרגן־זשורנאַל, (ניו יאָרק)

זעכצן יורשים — אין ״צוקונפט״ (ניו יאָרק)

ביז איצט דערשינענע ביכער פון שמואל איזבאַן

מאַסן (ראָמאַן) קלעצקין-פאַרלאַג, ווילנע, 1929

נאָכן שטורעם (דערציילונגען) פאַרלאַג „נייע קולטור", וואַרשע, 1929

קוועד 1914-1918 (ראָמאַן), קלעצקין-פאַרלאַג, ווילנע, 1933

אויף רושטאָוואַניעס (דערציילונגען), פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, 1936

צווישן הונדערט טויערן (דערציילונגען) ניו-יאָרק 1942, הויפּט-פאַרקויף: ש. מ. שקלאַרסקי

בבית הדין (דערציילונגען, העברעיש), „ספרון", תל אביב, 1947

אומלעגאַלע יידן שפּאַלטן ים'ען (די געשיכטע פון די מעפּילים-שיפן), ביכער סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום", בוענאָס-איירעס, 1948

פאַמיליע קאַרפּ (ארץ ישראל-ראָמאַן, 2 בענדער), ביכער-סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום", בוענאָס איירעס, 1949. (געוואונען דעם ליטעראַטור-פּרייז פאַר 1950 פון צבי קעסעל-פאָנד). דער ראָמאַן דערשיינט אין העברעיש אין פאַרלאַג „מסדה", תל-אביב, ישראל, א. נ. „אנשי בית קארפּ"

די שטאָט פון צאָרן (דערציילונגען), פאַרלאַג „זריעה", מאָנטעווידעאָ, אורוגוויי, 1955.

עס ווערט געגרייט צום דרוק:

די שפּעטע יורשים (ראָמאַן פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן)

ESTE LIBRO FUE TERMINADO EL PRIMERO DE MARZO DE MIL NOVECIENTOS CINCUENTA Y CINCO EN LA EDITORA GAMA DE MIGUEL ROSENBERG, CALLE TACUAREMBO, MIL OCHOCIENTOS SESENTA Y UNO, EN LA CIUDAD DE MONTEVIDEO, REP. O. DEL URUGUAY